Ul 7508

יצחק באשעוויס־זינגער

# דער קונצנמאכער
# פון לובלין

ראמאן

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל

# THE MAGICIAN OF LUBLIN

ISAAC
BASHEVIS
SINGER

*Translated from the Yiddish by*
*Elaine Gottlieb and Joseph Singer*

*Farrar, Straus and Giroux*
New York

I. BASHEVIS-SINGER
THE MAGICIAN OF LUBLIN

יצחק באשעוויס־זינגער
דער קונצנמאכער פון לובלין

©
I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

י. ל. פרץ־פארלאג
רח' אלנבי 31, תל־אביב

Printed in Israel, 1979
נדפס בישראל, תשל"ט

צווייטע אויפלאגע

I wish to express my gratitude to those who made possible the publication of this book. Elaine Gottlieb and Joseph Singer (a son of my late brother I. J. Singer, author of *The Brothers Ashkenazi*, etc.) have both spared no effort to make this translation as true to the Yiddish original as a translation can be. Elaine Gottlieb did all the final editing.

Viola Dick and Elizabeth Pollet have both helped me with their valuable advice and careful reading of both the manuscript and the proofs.

Finally I wish to thank my friends, Cecil Hemley and Dwight Webb, the editors of the Noonday Press, who have for years encouraged me in the difficult task of introducing Yiddish writing to the American reader. Their advice and aid at all stages has been invaluable.

*Isaac Bashevis Singer*

נדפס בדפוס אופסט „ראם", ת"א טל. 59596



PJ
5129
A4
S55
K'63

Copyright © 1960
by Isaac Bashevis Singer

*Manufactured in the
United States of America
by H. Wolff,
New York
Library of Congress Catalog
Card Number: 60–10006
Designed by
Marshall Lee*

*Fourth Printing, 1966*

Jewish Theological Seminary of America
LIBRARY

## קאפיטל איינס

א

יאשא מאזור, אדער דער קונצנמאכער פון לובלין ווי מ'האט אים גערופן אין אנדערע שטעט, האט זיך היינט אויפגעהויבן פרי. נאכן אומקערן זיך אהיים פון אונטערוועגנס, האט ער יעדעס מאל א טאג אדער צוויי געכאמערט אויפן געלעגער, אויסגעשלאפן די מידקייט. ער איז געשלאפן ביי נאכט, געשלאפן ביי טאג. אסתר האט אים צוגעטראגן צום בעט א קיכל, א גלאז מילך, א שיסעלע גריץ. ער האט געגעסן און געדרימלט. דער פאפוגיי האט געשריגן. דאס מאלפעלע — יקטן — האט געקוויטשעט. די קאנארקעס אין דער שטייג האבן געפייפט און געגרילט, אבער יאשא האט זיך נישט אפגעגעבן מיט זיי. ער האט בלויז דערמאנט אסתרן, אז מ'דארף אנטרינקען די פערד אין שטאל. ער האט פארשפארט זי צו דערמאנען. אסתר האט אליין אנגעשעפט וואסער אין ברונעם און געגעבן צו טרינקען די צוויי קליאטשעס, קארע און שיווע, אדער ווי יאשא האט זיי געגעבן א צונאמען: עפר ואפר.

ער איז געווען — לויט ווי פאר א קונצנמאכער — א נגיד, געהאט

# 1

1

That morning Yasha Mazur, or the Magician of Lublin as he was known everywhere but in his home town, awoke early. He always spent a day or two in bed after returning from a trip; his weariness required the indulgence of continual sleep. His wife, Esther, would bring him cookies, milk, a dish of groats. He would eat and doze off again. The parrot shrieked; Yoktan, the monkey, chattered; the canaries whistled and trilled, but Yasha, disregarding them, merely reminded Esther to water the horses. He need not have bothered with such instructions; she always remembered to draw water from the well for Kara and Shiva, their brace of gray mares, or, as Yasha had nicknamed them, Dust and Ashes.

Yasha, although a magician, was considered rich; he

א הויז מיט שאפעס, קאמערן, שטאלן, א היי־בוידעם און א גארטן ווו אסתר האט פארזעצט גרינסן. אין הויף זענען געשטאנען צוויי עפל־ביימער. איין זאך האט אים געפעלט: קינדער. אסתר איז געווען אן עקרה, (אדער אן אומטראכטערין, ווי דאס הייסט אין טייטש־חומש.) אבער דערפאר איז זי געווען א גוט ווייב, א ווערטאנעס. זי איז געווען א נייטארין און אפילו געקאנט אויפנייען און אויסהעפטן א חופה־קלייד. זי האט געטויגט צום שטריקן, געקאנט באקן לעקעכער און טארטן אויף חתונות, ארויסרייסן ביי א הון א פיפיטש, שטעלן באנקעס, פיאווקעס און אפילו שלאגן־אדער א שלאפן. זי האט געקאנט אלץ אחוץ טראגן און האבן. אין די ווייבלשע יארן האט זי געסאן סגולות, איינגענומען קרייטעכצער, אבער איצט איז שוין געווען צו שפעט: זי האט זיך שוין דערנענטערט צו פערציק.

ווי געוויינלעך א קונצנמאכער, האט מען אים פארערכנט אין שטאט פאר א נבזה. ער האט געגאלט די בארד, געקומען אין שול בלויז ראש השנה און יום כיפור, אויב ער איז גראד געווען אין לובלין. אסתר איז גראד געווען א פרומע. זי האט געטראגן א קאפטיכל, געפירט א כשרע קיך, געהיטן שבת און טהרה; אבער ער, יאשא, האט שבת פארדרייכערט א פאפיראס. ער האט זיך געחברט מיט די כלי־זמר און נאך אזוינע גרינגע לייט, וואס קהל האט פון זיי אראפגענומען די אחריות. האט עמיץ אים געפרוווט זאגן מוסר, האט יאשא געענטפערט:

— ביסט געווען אין הימל און געזען גאט? ס'איז נישטא קיין גאט.

— ווער זשע האט באשאפן די וועלט?

— ווער האט באשאפן גאט?

ס'איז געווען א ריזיקע מיט אים איינצוטענהן, ווייל ער האט געקאנט אין די קליינע אותיות. ער האט אויך געלייענט רוסיש, פויליש און געווען א מאדים אין רעכענען. ער האט געהאט א נאמען פאר א הפקר־מענטש. ער האט זיך געוועט, אז ער וועט איבערשלאפן א זומער־נאכט אויפן בית־עולם און ער האט דעם וועט געוווּנען. ער האט געקאנט גיין אויף א שטריק, זיך גליטשן אויף א דראט, קלעטערן אויף די גלייכע ווענט און עפענען יעדן שלאס. אברהם לייבוש דער שלאסער האט איינגעלייגט פינף רובל, אז ער וועט מאכן א שלאס, וואס יאשא וועט אים נישט קאנען עפענען. ער האט געארבעט אויף אים חדשים. אבער יאשא האט אים געעפנט מיט א שוסטערישן ענבער. מ'האט גערעדט אין לובלין, אז ווען דער יאשא וואלט געווען א גנב, וואלט קיינער נישט געווען באווארנט מיטן פארמעגן.

נאך צוויי טעג אויסליגן זיך און רוען איז ער היינט אויפגעשטאנען מיט דער זון צוגלייך. ער איז געווען קליין אין וווּקס, ברייט אין דער ברוסט, שמאל אין די לענדן. ער האט געהאט א שויבער בלאנדע האר ווי פלאקס, בלויע אויגן, דינע ליפן, א שמאלן קין, א קורצע נאז ווי א גוי. ער איז שוין געווען נאענט צו די פערציק, אבער ער האט אויסגעקוקט פון דרייסיק. די פינגער פון די פיס זענען געווען שיעור נישט אזוי לאנג ווי אין די הענט און ער האט געקאנט מיט זיי שרייבן א שורה־גריזל און קלויבן ארבעס. דער גוף האט זיך געקאנט בויגן און ברעכן אין אלע זייטן. מ'האט אויף אים געזאגט, אז ער האט ווייכע ביינער און צענומענע געלענקען. אין לובלין האט ער זעלטן פארגעשטעלט, אבער יענע וואס האבן געזען זיינע קונצן האבן דערציילט פון אים ווונדער. ער איז געגאנגען אויף די הענט, געגעסן פייער, געשלונגען שווערדן, געמאכט קאזשעלקעס ווי א מאלפע. ער האט געהאט א צעטל קונצן, וואס קיינער האט נישט געקאנט נאכמאכן. מ'האט אים ביי נאכט פארמאכט אין א קאמער און אנגעהאנגען פון דרויסן א שלאס. אינדערפרי האט ער זיך ארומגעדרייט אין מארק. דער שלאס איז געבליבן גאנץ. ס'האט אפילו נישט געהאלפן, ווען מ'האט אים געבונדן הענט און פיס מיט א שטריק צי מיט קייטן. טייל האבן געזאגט, אז ער באנוצט זיך מיט כישוף און אז ער האט א היטל, וואס ווען מ'טוט עס אן, ווערט מען אן אומגעזעענער און מ'קאן דורכקריכן דורך א שפאלט. אנדערע האבן געטענהט, אז ס'איז אלץ אפנארעריי און פארבלענדעניש.

ער איז איצט אראפ פון בעט, נישט געוואשן קיין נעגל־וואסער, נישט געזאגט מודה אני. ער האט ארויפגעצויגן אויף זיך א פאר גרינע הויזן און רויטע שטעק־שיך. אויפן אויבערשטן טייל גוף האט ער אנגעטאן א שווארץ סאמעטן וועסטל מיט זילבערנע פינטעלעך. ער האט זיך נאריש געמאכט און זיך געשפילט ווי א יינגל. ער האט געפייפט און גערעדט צו די קאנארקעס, צו יקטנען דעם מאלפעלע, צו המנען דעם הונט און מעצאצען דער קאץ. אין הויף האט ער געהאט א גאנצע מענאזשעריע: צוויי פאוועס, אן ער און א זי, א פאר אינדיקעס, א גאנץ געווינדל קראליקעס. ער האט אפילו געהאט אין א שטייג א שלאנג, וואס מ'האט איר יעדן צווייטן טאג געמוזט געבן אויף אנבייסן א לעבעדיק מייזל.

owned a house and, with it, barns, silos, stables, a hay loft, a courtyard having two apple trees, even a garden where Esther grew her own vegetables. He lacked only children. Esther could not conceive. In every other way she was a good wife; she knew how to knit, sew a wedding gown, bake gingerbread and tarts, tear out the pip of a chicken, apply a cupping-glass or leeches, even bleed a patient. In her younger days she had tried all sorts of remedies for barrenness, but now it was too late—she was nearly forty.

Like every other magician, Yasha was held in small esteem by the community. He wore no beard and went to synagogue only on Rosh Hashonah and Yom Kippur; that is, if he happened to be in Lublin at the time. Esther, on the other hand, wore the customary kerchief and kept a Kosher kitchen; she observed the Sabbath and all the laws. Yasha spent his Sabbath talking and smoking cigarettes among musicians. To the earnest moralists who attempted to get him to mend his ways, he would always answer: "When were you in heaven, and what did God look like?"

It was risky to debate with him since he was no fool, knew how to read Russian and Polish, and was even well-informed on Jewish matters. A reckless man! To win a bet, he had once spent a whole night in the cemetery. He could walk a tightrope, skate on a wire, climb walls, open any lock. Abraham Leibush, the locksmith, had wagered five rubles he could make a lock that Yasha could not open. He had worked over it for months, and Yasha had picked it with a shoemaker's awl. In Lublin they said that if Yasha had chosen crime, no one's house would be safe.

His two days of lounging in bed were over, and that morning Yasha rose with the sun. He was a short man,



broad-shouldered and lean-hipped; he had unruly flaxen hair and watery blue eyes, thin lips, a narrow chin and a short Slavic nose. His right eye was somewhat larger than his left, and because of this he always seemed to be blinking with insolent mockery. He was now forty but looked ten years younger. His toes were almost as long and tensile as his fingers, and with a pen in them he could sign his name with a flourish. He could also shell peas with them. He could flex his body in any direction—it was said that he had malleable bones and fluid joints. He rarely performed in Lublin but the few who had seen his act acclaimed his talents. He could walk on his hands, eat fire, swallow swords, turn somersaults like a monkey. No one could duplicate his skill. He would be imprisoned in a room at night with the lock clamped on the outside of the door, and the next morning he would be seen nonchalantly strolling through the market place, while on the outside of the door the lock remained unopened. He could manage this even with his hands and feet chained. Some maintained that he practiced black magic and owned a cap which made him invisible, capable of squeezing through cracks in the wall; others said that he was merely a master of illusion.

Now he got out of bed without pouring water over his hands as he should have done, nor did he say his morning prayers. He put on green trousers, red house slippers, and a black velvet vest decorated with silver sequins. While dressing, he capered and clowned like a schoolboy, whistled at the the canaries, addressed Yoktan, the monkey; spoke to Haman, the dog, and to Meztotze, the cat. This was only part of the menagerie he kept. In the courtyard were a peacock and peahen, a pair of turkeys, a flock of rabbits, even a snake which had to be fed a live mouse every other day.

— נו, וואָס הערט זיך אויף דער וועלט?

— די אַלטע וועלט.

— וואָס איז מיט דיינע קונצן.

— די אַלטע קונצן.

— נו, און די שיקסעס זענען שוין אויך אַלט?

— קיין שום שיקסעס.

— מ׳ווייסט שוין. פאַר יעדער שיקסע, וואָס דו האָסט, וואָלט איך געוואָלט האָבן אַ שאָק רענדלעך.

— וואָס טויג דיר אַזויפיל רענדלעך? — האָט יאַשאַ געענטפערט ווײלעריש. ער האָט געקײַט דעם ביסן און געקוקט סיי אויף איר, סיי איבער איר. זי האָט אים שטענדיק חושד געווען, אָבער ער האָט קיינמאָל גאָרנישט צוגעגעבן. ער האָט איר יעדעס מאָל פאַרזיכערט, אַז ער האָט איין גאָט און איין ווייב. ער האָט איצט געטענהט צו איר:

— יענע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט נקבות, קאָנען נישט גיין אויף שטריק. זיי קאָנען קוים קריכן אויף דער ערד. דו ווייסט עס גאַנץ גוט.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? צוקאָפּנס בין איך דיר נישט געשטאַנען...

און זי האָט געשמייכלט מיט ליבשאַפט און מיט פאַרדרוס. מ׳האָט אים נישט געקאָנט היטן ווי אַנדערע מאַנסלייט. ער האָט מער פאַרבראַכט אויפן וועג ווי אין דער היים. ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַלערליי פריצות, צעלאָזענע מיידן, פליאַסקעדריגעס. ער האָט אַרומגעוואָגלט ערגער ווי אַ ציגיינער. אַזאַ איינער איז הפקר ווי דער ווינט אין פעלד. אָבער דאַנקען גאָט, ער איז אַלע מאָל צוריקגעקומען צו איר, אסתרן. ער האָט איר יעדעס מאָל געבראַכט אַ מתנה. לויט ווי ער האָט זיך אומגעקערט אַן אויסגעהונגערטער נאָך איר לייב און לויט ווי ער האָט זי געקושט, געהאַלדזט און געפּרוווט זי אַנרעדן זי זאָל זיך אים איבערגעבן אין די אומריינע טעג, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער פאַסט תעניתים. אָבער ווי קאָן אַ פרוי אָפּשאַצן דעם מאַנצבילשן אַפּעטיט? אסתר האָט נישט איינמאָל באַדויערט, וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ קונצנמאַכער. ס׳וואָלט איר געווען וווילער ווען דער מאַן איז אַ שניידער, אַ שוסטער אָדער אַ קירזשנער, וואָס זיצט אַ גאַנצן טאָג אין וואַרשטאַט און מ׳זעט זיין יעדן טריט. אָבער זי האָט ליב געהאַט יאַשאַן מיט אַ גרויסער ליבשאַפט. זי פלעגט זאָגן, אַז ער איז איר מאַן און איר זון. ווען זי איז צוזאַמען מיט אים, איז ביי איר יעדער טאָג יום־טוב. דערצו פאַרדינט ער אַ סך, שפּאָרט נישט קיין געלט און העלפט אירע אָרעמע קרובים.

אסתר האָט געקוקט אויף אים ווי ער עסט. ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז ער טוט אַלץ אַנדערש ווי אַנדערע מענטשן. אין מיטן קייען האָט ער אויפגעהערט און זיך וועגן עפּעס פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער אַ נעם געטאָן אַן עק פאָדים און אַ פאַרחושטער געמאַכט אין אים קנופּן, משונה פלינק און אויף אַזאַ שטייגער, אַז צווישן יעדן קנופּ איז געבליבן דער אייגענער צווישנשייד. אסתר האָט אים יעדעס מאָל פונסנייַ אַ בליק געטאָן אין די אויגן, ווי צו דערקענען זיינע הינטערוועגלעך, אָבער זיין פּנים איז געבליבן פאַרשלאָסן. ער האָט געקלערט וועגן איין זאַך און געפּלוידערט וועגן עפּעס אַנדערש. ער האָט זעלטן גערעדט ערנסט, פאַרשוויגן זיינע פאַרדרוסן. ער האָט זיך געקאָנט אַרומדרייען מיט היץ און אסתר זאָל נישט דערקאָנען. אסתר האָט אים וויפל מאָל אויסגעפרעגט וועגן די קונצן זיינע, וואָס האָבן געשמט איבער גאַנץ פּוילן, אָבער ער האָט געענטפערט מיט האַלבע ווערטער אָדער מיט אַ וויץ. ער איז איר געווען סיי אויסטערליש נאָענט, סיי אויסטערליש פרעמד. זי איז דעריבער קיינמאָל נישט געוואָרן מיד פון באַטראַכטן זיין יעדן ריר, יעדן ניק, אויפכאַפּן זיין יעדעס וואָרט. אַפילו ווען ער האָט זיך געמאַכט נאַריש און געפּלאַפּלט ווי אַ דרדקי־קינד, האָבן די ווערטער זיינע אַלעמאָל געהאַט אַ מיין. טיילמאָל האָט זי באַנומען זיינס אַ זאָג, נאָכדעם ווי ער איז געווען אונטערוועגנס...

זיי זענען שוין געווען מאַן און ווייב קנאַפּע צוואַנציק יאָר. אָבער ער האָט מיט איר אַרומגעשטיפט ווי צומאָרגנס נאָך דער חופּה. ער האָט איר געטאָן אַ צי ביים קאָפּ־טיכל, אַ שנעל אין דער נאָז. ער האָט זי גערופן מיט ווילדע צונעמען: קילישע, פּאַמפּיכע, פּאַמעלעצימעס, תלישא קטנה, ברדלס, און מיט ווערטער פון כלי־זמר־לשון. ער האָט זיך אויסגעוויזן אַן אַנדערער ביי טאָג, אַן אַנדערער ביי נאַכט. טיילמאָל

"Well, what's new out in the great big world?"

"It's the same old world."

"And how about your magic?"

"It's the same old magic."

"What about the girls? Have there been any changes there?"

"What girls? There aren't any."

"No, no. Of course not. I just wish I had twenty silver pieces for every girl you've had."

"What would you do with such a vast amount of money?" he asked, winking at her. Then he returned to his food, chewing as he stared off into the distance beyond her. Her suspicions never left her, but he admitted to nothing, reassuring her after each trip that he believed in only one God and one wife.

"Those who run around with women don't walk tight ropes. They find it hard enough to creep around on the ground. You know that as well as I do," he argued.

"Just how could I know it?" she asked. "When you're on the road I don't stand at the foot of your bed."

And the smile that she gave him was a mixture of affection and resentment. He could not be watched over like other husbands—he spent more time on the road than at home, met all sorts of women, wandered further than a gypsy. Yes, he was as free as the wind, but, thank God, he always returned to her and always with some gift in his hand. The eagerness with which he kissed and embraced her suggested that he had been living the life of a saint during his absence, but what could a mere woman know of the male appetite? Often Esther regretted that she had married a magician and not some

9

tailor or cobbler who sat at home all day and was constantly in view. But her love for Yasha persisted. He was both son and husband to her. Every day that she spent with him was a holiday.

Esther continued to study him as he ate. Somehow he did things differently from the usual run of people. While he was eating, he would suddenly pause as if in deep thought, and then begin chewing again. Another of his odd habits was to dally with a piece of thread, idly tying knots in it, but so skillfully that an equal space would remain between each knot. Esther would gaze often into his eyes trying to penetrate their artifice, but his impassivity always defeated her. He concealed much, seldom spoke in earnest, always hid his vexations. Even if he were ill, he would walk around burning with fever, and Esther would be none the wiser. Frequently she questioned him about the performances which had made him famous throughout Poland, but he either dismissed her questions with a curt reply or evaded them with a joke. One moment he would be on the most intimate terms with her, and the next he would be equally remote, and she never grew tired of wondering about each move he made, each word, each gesture. Even when he was in one of his exuberant moods and babbled like a schoolboy, everything he said had meaning. Occasionally, it was only after he had left and was once more on the road, that Esther would understand what he had said.

They had been married twenty years, but he was still as playful with her as he had been on the first days after their wedding. He would tug at her kerchief, tweak her nose, call her ridiculous nicknames such as Jerambola, Pussyball, Goose Gizzard—musician's jargon, she knew. Days, he was one thing, and nights another. One mo-

איז ער

פון דער העלער הויט געוואָרן האָפערדיק, געקרייט ווי אַ האָן, געכרוקעט ווי אַ חזיר, געהירזשעט ווי אַ פערד. אַן אַנדער מאָל איז אים באַפאַלן אַ מרה שחורה. ס׳רוב איז ער געזעסן בײַ זיך אין שטיבל און זיך געעסקט מיט זײַן קלאָפּערגעצײַג: שלעסער, קייטן, שטריק, דראָטן, פּיילן, צוואַנגען, בענדלעך, וואָס מ׳ציט פון אויער, מײַזלעך פון וואַקס, קאָרטן, גורל־קוויטלעך, אַלערליי זאַכעלעך און שאַלמויזן. יענע, וואָס האָבן בײַגעוווינט זײַנע קונצן האָבן, ווײַזט אויס, גערעכנט, אַז אַלץ קומט אים אָן גרינג, אָבער אסתּר האָט וווּל צוגעזען ווי ער אַרבעט טאָג־און־נאַכט אויף די קונצשטיקלעך. ער האָט ערגעץ געכאַפּט אַ קראָ און זי געלערנט רעדן ווי אַ פּאַפּוגײַ. יקטנען דאָס מאַלפּעלע האָט ער צוגעוווינט צו רויכערן אַ ליולקע. ער האָט אַרײַנגעלאָזט אין אַרבל אַ לעבעדיק מײַזל און ס׳איז אַרויסגעקראָכן פון בוזעם. אסתּר האָט זיך אַלעמאָל געשראָקן ער זאָל זיך נישט איבעראַרבעטן, אַראָפּפאַלן אָדער אַ חיה זאָל אים נישט צעבײַסן. אַפילו בײַ נאַכט אויפן געלעגער האָט ער טיילמאָל געשאָסן מיט דער צונג, געקנאַקט מיט די פינגער פון די פיס. זי אַליין, אסתּר, האָט צוגעזען בײַ אים מעשׂים, וואָס האָבן געשמעקט מיט כּישוף.

ער האָט געזען אין דער פינצטער ווי אַ קאַץ. ער האָט געפונען פאַרלוירענע חפצים. ער האָט געטראָפן אירע, אסתּרס געדאַנקען. איינמאָל האָט זי געהאַט אַ מחלוקת מיט אַ נייטאָרין. ער, יאַשאַ, איז אָנגעפאָרן אין מיטן דער נאַכט און ווי נאָר ער האָט אויסגערעדט מיט איר אַ פּאָר ווערטער, האָט ער איר געזאָגט, אַז זי האָט זיך געקריגט מיט עמיצן. אַן אַנדער מאָל איז איר פאַרפאַלן געוואָרן דאָס קידוש־רינגל. זי האָט עס געזוכט אין

אַלע שפּאַלטן און לעכער, אָבער ס׳איז געהאַט אויסגערונען. ווען זי האָט אים דערציילט פון דעם טראָף, האָט ער זי צוגעפירט צום וואַסער־טון און איר געוויזן, אַז דאָס פינגערל ליגט אויפן באָדעם. אסתּר האָט שוין לאַנג געהאַט בײַ זיך אָפּגעפּאַסט, אַז זי וועט דעם מענטש נישט דערגיין. ער האָט געהאַט פאַרבאָרגענע כּוחות. ער האָט געהאַט מער סודות וויפל אַ מילגרוים — וואָס מ׳מאַכט איבער איר אַ שהחיינו אין ראש השנה — האָט קערנדלעך...

ג

בײַ ביילען אין שענק איז אין מיטן טאָג געווען ליידיק. ביילע האָט געדרימלט אין אַ הינטער־שטיבל. הינטערן בופעט איז געזעסן די קליינע מויד, ציפּע. דער דיל איז געווען פריש באַשאָטן מיט זעגעכץ. אויפן בופעט איז געלעגן אַ געבראָטענע גאַנדז, אַ שיסל געגליווערטער פוס, אַ האַלבע שיסל מיט געהאַקטער מילטש פון הערינג. אין איין קייבערל האָבן זיך געפונען אייער־קיכלעך, אין אַנדערן — געזאַלצענע פּלעצלעך. יאַשאַ דער קונצנמאַכער איז געזעסן בײַ אַ טיש מיט שמואל מוזיקאַנט. שמואל איז געווען העכער פון יאַשאַן — אַ גרויסער פאַרשוין מיט אַ שויבער שוואַרצע האָר, מיט שוואַרצע אויגן, באַקנבערדלעך און וואָנסעלעך. געקליידט האָט ער זיך אויפן רוסישן שטייגער: אין אַ שוואַרצער בלוזע, אַ פּאַס מיט אַ טראָלד, שטיוול מיט הויכע כאָלעוועס. שמואל האָט געהאַט פאַרבראַכט יאָרן אין זשיטאָמיר, געווען אַ כּלי־זמר בײַ אַ פּריץ. אַנטלאָפן איז שמואל פון דאָרט דערפאַר, ווײַל ער האָט געהאַט מחזוקות מיט דעם ווײַב פון עקאָנאָם. אין לובלין האָט מען אים געהאַלטן פאַר דעם בעסטן פידל־שפּילער אין שטאָט, אים גערופן אויף גבירישע חתונות. שמואל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט און פאַר אים איז געשטאַנען אַ קופּל ביר, וואָס מ׳ברויט פון האָבער. איין אויג האָט שמואל צוגעזשמורעט, מיט דעם אַנדערן האָט ער אַרײַנגעקוקט אין דער העלער משקה. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ער קווענקלט זיך: יאָ טרינקען, אָדער נישט טרינקען?

אויף אַ ברעקל פּלעצעלע איז געשטאַנען אַ גרויסע פליג מיט אַ גרין, גאָלדיק בייכל. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די פליג קאָן זיך אויך נישט אַנטשליסן: בלײַבן שטיין אָדער אַוועקפליִען?

יאַשאַ האָט נאָך נישט געהאַט פאַרזוכט פון זײַן קופּל. ער האָט באַטראַכט ווי די בלעזלעך שוים פּלאַצן איינציקווײַז און פון פולן גלאָז בלײַבט דרײַ פערטל. שווינדל, שווינדל, שוים, שוים! — האָט ער געמורמלט. שמואל האָט אים ערשט נאָר געהאַט דערציילט עטלעכע פון זײַנע אַוואַנטורעס מיט ווײַבער. צווישן איין געשיכטע און דער אַנדערער האָבן בײדע געשוויגן, נאָכגעטראַכט. יאַשאַ האָט ליב געהאַט צו הערן די דאָזיקע קיצלדיקע מעשׂיות; ער האָט אַליין אויך געהאַט אַ סך צו דערציילן; אָבער צוזאַמען מיט דער הנאה האָבן די דאָזיקע גליטשיקע עפּיזאָדן געבראַכט מיט זיך אַ נאַגעניש, אַ וואַקלעניש, אַן אומזיכערקייט. אויב אַזוי, זענען דאָך אַלע ווײַבער זונות. ווי באַלד אַזוי, וואָס געווינען מיר דאָ? וועמען נאַרן מיר אָפּ? נו, אָבער די מאַמע האָט נישט אָפּגענאַרט דעם טאַטן, און אסתּר איז אויך אַ כּשרע ייִדישע טאָכטער... געזאָגט האָט ער:

— וואָס איז דאָס פאַראַ נצחון? ס׳איז ווי דו וואָלסט גענומען אין פּלען אַ זעלנער, וואָס וויל זיך אונטערגעבן...

— מ׳דאַרף פון דעסטוועגן אָנטרעפן די מינוט.

ment he crowed elatedly like a rooster, squealed like a pig, whinnied like a horse, and the next was inexplicably melancholy. At home he spent most of his time in his room, occupied with his equipment: locks, chains, ropes, files, tongs, all sorts of odds and ends. Those who had witnessed his stunts spoke of the ease with which they were performed, but Esther had witnessed the days and nights spent perfecting his paraphernalia. She had seen him train a crow to speak like a man; watched him teach Yoktan, the monkey, to smoke a pipe. She dreaded his overworking or being bitten by one of the animals, or falling from the tightrope. To Esther he was all sorcery. Even at night, in bed, she would hear him clicking his tongue or snapping his toes. His eyes were those of a cat; he could see in the dark; he knew how to locate missing articles; he was even able to read her thoughts. Once she had had a quarrel with one of the seamstresses and Yasha, coming in late that night, had scarcely spoken to her before divining that she had had an argument that day. Another time she had lost her wedding ring and searched everywhere for it before she had told him of the loss. He had taken her by the hand and had led her to the water barrel where the ring lay at the bottom. She had long since come to the conclusion that she would never be able to understand all his complexities. He possessed hidden powers; he had more secrets than the blessed Rosh Hashonah pomegranate has seeds.

3

It was midday and Bella's tavern was almost deserted. Bella was dozing in a back room and the bar was tended by her small assistant, Zipporah. Fresh sawdust had been sprinkled on the floor, and roast goose, jellied calf's foot, chopped herring, egg cookies, pretzels, had been laid out on the counter. Yasha sat at a table with Schmul the Musician. Schmul was a large man with bushy black hair, black eyes, sideburns, and a thin mustache. He was dressed in the Russian manner: a satin blouse, tasseled belt, and high boots. For several years Schmul had worked for a Zhitomir nobleman, but having become involved with the wife of his patron's steward, had had to flee. Considered Lublin's most accomplished violinist, he always performed at the more exclusive weddings. This, however, was the period between Passover and Pentecost, a time of no weddings. Schmul had a mug of beer before him; he leaned against the wall, one eye screwed up, the other contemplating the beverage, as if debating whether to drink or not. On the table was a roll and on the roll a large golden-green fly, which also seemed unable to come to a decision: Should it fly off or not?

Yasha had not yet tasted his beer. He seemed entranced by the foam. One by one the bubbles in the brimming glass disintegrated until it was only three-quarters full. Yasha murmured, "Swindle, swindle, bubble, bubble." Schmul had just been bragging about one of his amorous adventures, and now at the end of one story and before the beginning of another, the men sat silently thoughtful. Yasha enjoyed listening to Schmul's stories; he could have replied in kind had he wished, but with the pleasure evoked by Schmul's story, came an inner gnawing, an ominous feeling of doubt. Let's assume he's telling the truth, Yasha thought, then who is deceiving whom? Aloud he said, "It doesn't sound like much of a triumph to me. You captured a soldier who wanted to surrender."

"Well, you've got to catch them at the right moment.

— ס׳מעסער גייט דיר אריין אין האלדז?

— יא, אין האלדז, אין מאגן.

— און בלייבסט לעבן?

— דערווייל לעב איך.

— ניין, יאשעלע, דאס קאן איך נישט גלויבן.

— מיר איז אלץ איינס...

יאשאן איז מיט א מאל געווארן איבערדריסיק. ס׳איז אים געווען קלאר, אז הינטער דער גאנצער ווילערישקייט איז דער שמואל, דער גרימפלער, א פראסטער יונג, וואס טראכט נישט מיט דעם אייגענעם מוח. זיי זעען און זיי גלויבן נישט די אייגענע אויגן, האט יאשא געטראכט מיט פארדרוס. וואס שייך דעם ווייבל זיינעם, דער יענטל, האט ער, יאשא, געוווסט וועגן איר עפעס, וואס ווען ער, שמואל, ווייסט עס, וואלט ער גלייך געקראגן די נכפה... נו, אבער יעדער איינער פארשוויגט עפעס. יעדער מענטש האט זיינע סודות. ווען די וועלט וואלט, א שטייגער, געוווסט וואס ס׳טוט זיך אפ מיט אים, יאשאן, וואלט מען אים שוין לאנג געהאט איינגעזעצט אין א משוגעים־הויז.

ד

ס׳איז צוגעפאלן דער אוונט. הינטער דער שטאט האט נאך אפשר געגליט די זון־זעצונג, אבער אין די שמאלע געסלעך מיט די הויכע געביידן איז געווארן טונקל. אין די געוועלבער האט מען אנגעצונדן ליכט, שערבעלעך, אייל־לעמפלעך, יידן זענען געגאנגען דאווענען מנחה און מעריב — אין לאנגע קאפאטעס, גראבע שטיוול, מיט חומשדיקע בערד. אין הימל האט זיך געוויזן דער מולד פון א לבנה: ראש חודש סיוון. ווי וויל די זון האט א גאנצן טאג געבאקן, זענען נאך געבליבן רעשטלעך פון די פאר־פסחדיקע בלאטעס. די רינשטאקן זענען איבערגעגאנגען מיט שטינקענדיק וואסער. ס׳האט געשמעקט מיט פערד־מיסט, קי־מיסט, פריש געמאלקענער מילך. פון יעדן קוימען איז אויפגעגאנגען א רויך. אין יעדער קיך האט געפלאקערט א פייער. באלעבאסטעס האבן געקאכט נאכטמאל: קאשע מיט יויך. אדער קאשע מיט שוואמען. יאשא האט זיך געזעגנט מיט שמואל מוזיקאנט און זיך געלאזט גיין אהיים. די וועלט איז געווען פול מיט צערודערונג. די פולישע צייטונגען אין ווארשע האבן טאג־איין טאג־אויס געשריבן פון מלחמות, רעוואלוציעס, קריזיסן. מ׳האט געטריבן יידן פון די דערפער. א סך יידן האבן אויסגעוואנדערט ערגעץ קיין אמעריקע. אבער אין לובלין האט מען אנגעטאפט די איינגעזעסנקייט. ס׳זענען דא געשטאנען שולן פון פאר כמעלניצקיס צייטן. אויף די בית־עולמס זענען געלעגן רבנים, מפרשים, פוסקים, קדושים, יעדער אונטער זיין מצבה אדער אוהל. ס׳זענען נאך דא געבליבן די פארצייטיקע פירעכצער. די ווייבער האבן געהאנדלט, די מאנסלייט האבן געלערנט תורה. כאטש ס׳איז געווען עטלעכע טעג צו שבועות, האבן די חדר־יינגלעך שוין באצייטנס געהאט באדעקט די פענצטער מיט רייזעלעך: אלערליי צאצקעלעך און שפיצעלעך אויסגעשניטן פון פאפיר ווי אויך — אויסגעבלאזענע אייער מיט קעפעלעך און עקעלעך פון פייגל, אויסגעקנעטן פון טייג. די פויערים האבן געהאט אנגעבראכט פון די דערפער די גרינסן, וואס מיט זיי באצירט מען די שטובן לכבוד דעם יום־טוב פון מתן תורה.

יאשא איז פארביי א בית מדרש, אריינגעקוקט. מ׳האט שוין, אפנים, געדאוונט מעריב. מ׳איז געשטאנען די שטילע שמונה עשרה. יידן, וואס דינען א גאנץ יאר גאט האבן געקלאפט די הערצער צו „חטאנו" און „פשענו". ווער ס׳האט אויפגעהויבן א האנט אין דער הויך און ווער ס׳האט פארגלאצט די אויגן. אן אלטער ייד אין א צייגענעם כאלאט און אין א היטל מיט א הויכער דענקע איבער צוויי קאפלען, איינס פון פארנט און איינס פון הינטן, האט זיך געהאלטן ביי דער ווייסער בארד, געזיפצט. אן איינציק יארצייט־ליכט האט געגלימערט אין שבעה נרות און דאס בית־מדרש איז געווען פול מיט שאטנס. יאשא איז געשטאנען א וויל ביי דער אפענער טיר, איינגעאטעמט די ריחות פון וואקס, חלב און נאך עפעס טוכלעס און מקום־קדושדיקס, וואס ער האט געדענקט פון קינדווייז אן. א גאנצע עדה יידן האבן גערעדט צו א גאט, וואס קיינער זעט אים נישט. ער האט געשיקט אויף זיי אונטערגענג, אומגערעטענישן, דלות, פאגראמען, אבער זיי האבן אים גערופן דערבארעמדיקער, גנעדיקער, און זיך אליין — דאס אויסדערוויילטע פאלק. יאשא האט נישט איין מאל מקנא געווען זייער גלויבן.

"The blade goes into your throat?"
"First the throat, and then the stomach."
"And you stay alive?"
"I have so far."
"Oh Yasha, please don't expect me to believe that!"
"Who gives a damn what you believe?" Yasha said, suddenly becoming weary. Schmul was nothing but a loud-mouthed fool who could not think for himself. They see with their own eyes but they don't believe, Yasha thought. As for Schmul's wife, Yentel, he knew something about her that would have driven that big blockhead insane. Well, everyone has something that he keeps to himself. Each person has his secrets. If the world had ever been informed of what went on inside of him, he, Yasha, would have long ago been committed to a madhouse.

4

The dusk descended. Beyond the city there was still some light, but among the narrow streets and high buildings it was already dark. In the shops, oil lamps and candles were lit. Bearded Jews, dressed in long cloaks and wearing wide boots, moved through the streets on their way to evening prayers. A new moon arose, the moon of the month of Sivan. There were still puddles in the streets, vestiges of the spring rains, even though the sun had been blazing down on the city all day. Here and there, sewers had flooded over with rank water; the air smelled of horse and cow dung and milk fresh from the udder. Smoke came from the chimneys; housewives were busy preparing the evening meal: groats with soup, groats with stew, groats with mushrooms. Yasha said goodbye to Schmul and started for home. The world beyond Lublin was in turmoil. Every day the Polish newspapers screamed war, revolution, crisis. Jews everywhere were being driven from their villages. Many were emigrating to America. But here in Lublin one felt only the stability of a long-established community. Some of the town's synagogues had been built as long ago as the time of Chmelnicki. Rabbis were buried in the cemetery, as well as authors of commentaries, legists, and saints, each under his tombstone or chapel. Old customs prevailed here: the women conducted business and the men studied the Torah.

Pentecost was still several days off, but the cheder boys had already decorated the windows with numerous designs and cutouts; there were also birds moulded out of dough and eggshells, and leaves and branches had been brought in from the countryside in honor of the holiday, the day on which the Torah had been given on Mount Sinai.

Yasha paused at one of the prayerhouses and glanced in. The worshipers were chanting the evening services. He heard a tranquil buzz; they were saying the Eighteen Benedictions. Pious Jews who served their Creator the year round beat their breasts, crying: "We have sinned"; "We have transgressed." Some raised their hands, others their eyes—heavenward.

A gabardined old man with a high crowned hat over two skullcaps, one behind the other, tugged at his white beard and moaned softly. Shadows danced on the walls to the flickering of the one memorial candle in the menorah. For a moment, Yasha lingered at the open door inhaling the mixture of wax, tallow, and something musty—something which he remembered from childhood. Jews—an entire community of them—spoke to a God no one saw. Although plagues, famines, poverty, and pogroms were His gifts to them, they deemed Him merciful and compassionate, and proclaimed themselves His chosen people. Yasha often envied their unswerving faith.

ער האט אפגעווארט א ווייל, זיך געלאזט גיין ווייטער. א לאמטערן־צינדער האט מיט א שטאנג אנגעצונדן די גאז־לאמטערן, אבער ס׳איז דערפון נישט געווארן ליכטיקער. ס׳האט זיך געדוכט, אז די פלעמלעך האבן קוים גענוג שיין צו באלייכטן זיך אליין. ס׳איז שווער געווען צו באנעמען פארוואס מ׳האלט נאך אפן די קראמען, ווייל מ׳האט אין ערגעץ נישט געזען קיין קונה. די קרעמערינס זענען געזעסן מיט די קאפקעלעך אויף די געגאלטע קעפ, געשטריקט מיט ספיזלען זאקן פאר די מענער, אדער קליידעלעך און לייבעלעך פאר אייניקלעך. יאשא האט זיי אלע געקאנט. זיי האבן חתונה געהאט צו פערצן אדער פופצן יאר; צו עטלעכע און דרייסיק זענען זיי געווארן באבעס. זיי האבן פריצייטיק גענומען אויף זיך די עלטער און זי האט זיי צעקנייטשט די פנימער, ביי זיי ארויסגעריסן די ציין, זיי באשאנקען מיט באבישער גוטמוטיקייט און ליבשאפט...

ער, יאשא, איז דא געווען א געבוירענער; דער טאטע און דער זיידע האבן געשטאמט פון דאנען, אבער ער איז געבליבן א פרעמדער — נישט בלויז דערפאר ווייל ער האט אראפגעווארפן דעם יאך פון ייִדישקייט, נאר ווייל ער איז גלאט א פרעמדער צווישן מענטשן — אזוי דא, אזוי אין ווארשע, צווישן ייִדן, צווישן גויים. זיי אלע זענען איינגעזעסענע, ער איז א וואנדערער. זיי האבן קינדער און קינדס קינדער, ער וועט קיינעם נישט איבערלאזן נאך זיך. זיי האבן א גאט, צדיקים, פירער; ער האט גארנישט אחוץ זיינע ספקות. זיי ריכטן זיך צו קומען נאכן טויט אין גן־עדן, אבער ער איז פול מיט פחד פארן יום המיתה. וואס איז דארט אויף יענער זייט? איז דא א נשמה? און וואס ווערט פון איר, ווען זי פארלאזט דעם גוף? ער, יאשא, האט פון קליינערהייט אן זיך אנגעהערט אלערליי מעשיות וועגן דיבוקים, שדים ווילקאלאקעס, לאפּיטוטן. אין זיין אייגן לעבן האבן געטראפן זאכן נישט אויסצוטייטשן על פי דרך הטבע. אבער וואס איז דערפון געדרונגען? ער ווערט אלץ פארווירטער און אפגעזונדערטער. ס׳ארבעטן אין אים כוחות און תאוות, וואס שרעקן אים אליין...

ער איז געגאנגען און אין דער פינצטער האט געשוועבט פאר אים עמיליאס פנים: לענגלעך, שווארץ־חנעוודיק, מיט ייִדיש־שווארצע אויגן, מיט א גוייש־קורצער נאז, מיט חן־גריבלעך אין די באקן, מיט א מידלשן שטערן, די האר פארקעמט ארויף. איבער דער אויבערשטער ליפ האט געשפראצט א טונקעלער פוך. זי האט געשמייכלט האלב־שעמעוודיק, האלב־דרייסט, געקוקט אויף אים פארשנדיק, פרעגנדיק, ווי א וועלט־דאמע, ווי א שוועסטער. ער האט געהאט א פארלאנג אויסצושטרעקן די האנט און פרווון זי אנטאפן. האט ער, יאשא, אזא שטארקע פאנטאזיע? אדער איז דאס א וויזיע? איר אפבילד האט זיך גערוקט אויף הינטערווייִלעכן ווי אין א קלויסטער־בילד בעת א פראצעסיע. ער האט געזען אייִנצלהייטן אין איר פריזור, אין די שפיצן ארום איר האלדז, אין די אויערינג אין אירע לעפלעך. ער האט געהאט א באגער א רוף צו טאן איר נאמען. ער, יאשא, האט שוין געהאט געפירט ווער ווייסט וויפל ליבעס. אבער דאס מיט דער עמיליאן איז געווען אנדערש, זי איז אים נישט ארויס פון זין. ער האט געגארט נאך איר אויף דער וואך און אין שלאף. איצט, אז ער איז געהאט אויסגעשלאפן די אונטערוועגישע מאטקייט, האט ער זיך קוים געקאנט דערוווארטן ביז דער שבועות וועט אריבער און ער וועט זיין צוריק אין ווארשע. ער האט געהאט געפרווט אויסלאדן די באגערן אין אסתרן, אבער די לוסט איז דערפון נישט געווארן פארמינערט...

ער האט זיך אנגעשטויסן אן עמיצן. ס׳איז געווען כאזקעלע דער וואסער־טרעגער, מיט צוויי עמערס אויף א פאר כאנדרעס. ער האט אויפגעטויכט ווי פון דער ערד. די רויטע בארד זיינע האט געכאפט פון ערגעץ א שיין ליכט.

— כאזקעלע, דאס ביסטו?

— ווער דען?

— אזוי שפעט טראגסטו וואסער?

— מ׳דארף פארדינען אויף יום־טוב.

יאשא האט א זוך געטאן אין קעשענע. ער האט ארויסגענומען א זילבערנעם צוואנציקער.

— נא.

כאזקעלע האט נישט אויסגעשטרעקט די האנט.

— וואס עפעס? כ׳נעם נישט קא׳ נדבות.

— ס׳איז נישט קיין נדבה. ס׳איז פאר דיין ייִנגל ער זאל זיך קויפן א פוטער־קיכל.

— נו, א שיינעם דאנק.

און כאזקעלעס ראציקע פינגער האבן זיך א ווייל געפלאנטערט אין יאשאס.

He stood there for a moment before continuing. The streetlamps were lit but it made little difference. They scarcely illumined their own darkness. Since there were no customers in sight, it was hard to understand why the shops remained open. Kerchiefs on their shaven skulls, the shopwomen sat darning their men's socks or sewing little aprons and undershirts for their grandchildren. Yasha knew them all. Married at fourteen or fifteen, they had become grandmothers in their thirties. Old age, prematurely invited, had puckered their faces, stolen their teeth, and left them benign and affectionate.

Though Yasha, like his father and grandfather, had been born here, he remained a stranger—not simply because he had cast off his Jewishness but because he was always a stranger, here and in Warsaw, amongst Jews as well as Gentiles. They were all settled, domesticated—while he kept moving. They had children and grandchildren; there were none for him. They had their God, their saints, their leaders—he had only doubt. Death meant Paradise to them, but to him only dread. What came after life? Was there such a thing as a soul? And what happened to it after it left the body? Since early childhood he had listened to tales of dybbuks, ghosts, werewolves, and hobgoblins. He, himself, had experienced events unexplained by natural law, but what did it all mean? He became increasingly confused and withdrawn. Within him, forces raged; passions reduced him to terror.

In the darkness as he walked, Emilia's face loomed before him: narrow, olive-skinned, with black Jewish eyes, a Slavic turned-up nose, dimpled cheeks, a high forehead, the hair combed straight back, a dark fuzz shadowing the upper lip. She smiled, shy and lustful at once, and eyed him with an inquisitiveness both worldly and sisterly. He wanted to put out his hand to touch her. Was his imagination so vivid, or was this truly a vision? Her image moved backwards like a holy placard in a religious procession. He saw details of her coiffure, the lace around her neck, the earrings in her ears. He yearned to call her by name. None of his past affairs could compare with this one. Asleep and awake, he hungered for her. Now that fatigue had left him he could scarcely wait for the Pentecost to pass so that he could be with her in Warsaw again. He had not assuaged his passion through Esther, though he had tried.

Someone jostled him. It was Haskell, the water bearer, with two buckets of water on his yoke. He seemed to have sprung out of the earth. The red beard picked up glints of light from somewhere.

"Haskell, is it you?"

"Who else?"

"Isn't it late to carry water?"

"I need money for the holidays."

Yasha rummaged in his pocket, found a twenty-groschen piece. "Here, Haskell."

Haskell bristled. "What's this? I don't take alms."

"It's not alms, it's for your boy to buy himself a butter-cookie."

"All right, I'll take it—and thanks."

And Haskell's dirty fingers intertwined for a moment with Yasha's.

יאשאַ איז צוגעקומען צו דעם הויז ווו ער האָט געוווינט, געכאַפּט אַ בליק אין פענצטער. די צוויי נייטאָרינס האָבן גענייט וועש פאַר אַ כלה. די פינגער מיט די פינגערהוטן האָבן גיך געצויגן דעם נאָדל־פאָדים. איינע איז געווען אַ רויטע. די האָר אירע האָבן אַראָפּגעלויכטן קעגן לאָמפּ ווי פייער. אסתר האָט זיך געפּאָרעט ביים אויוון, צוגעלייגט סאָסנע־צווייגלעך צום דרייפוס, ווו ס'האָט זיך געקאָכט דאָס נאַכטמאָל. אין מיטן שטוב איז געשטאַנען אַ מולטער טייג, איבערגעדעקט מיט שמאַטעס און אַ קישן. דאָס האָט אסתר שוין באַצייטנס געגרייט פּוטער־קיכלעך און באַקן אויף שבועות. וועל איך זי קאָנען איבערלאָזן? — האָט יאשאַ זיך געפרעגט אין געדאַנק. — זי איז געווען די אַלע יאָרן מיין איינציקער אָנשפּאַר. ווען נישט זי מיט איר געטריישאַפט, וואָלט איך שוין לאַנג געווען ווי אַן אָפּגעריסן בלאַט אין ווינט...

ער איז נישט באַלד אַריין אין שטוב, נאָר פאַרביי דאָס פּאָדערהייזל, אַרויס אויפן הויף אַ קוק צו טאָן אויף די פערד. ער האָט זיך געלאָזט צוגיין צו דער שטאַל. דער הויף איז געווען ווי אַ שטיק דאָרף אין מיטן שטאָט. דאָס גראָז איז געווען נאַס פון טוי. די עפּל אויף די עפּל־ביימער זענען נאָך געווען גרין און אומצייטיק, אָבער זיי האָבן שוין אַרויסגעגעבן עפּלשע גערוכן. דער הימל האָט דאָ געהויערט נידריקער, געדיכט באַזייט מיט שטערן. אַזוי ווי יאשאַ איז אַריין אין הויף, האָט אַ שטערן זיך ערגעץ אָפּגעריסן אין די הויכענישן, געטאָן אַ פאַל און אַ ווייל איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ פייערדיקן צייכן. די לופט איז געווען סיי זיס, סיי האַרב, פול מיט שאָרכעניש, טועניש, אַ גרילצעניש, וואָס איז צו מאָל אַריבער אין אַ קלינגעניש. פעלד־מייז זענען געלאָפן אַהין און צוריק. מוילוואָרפן האָבן דאָ געהאַט אָנגעגראָבן בערגלעך. אויף די צווייגן פון די ביימער און אונטער די דעכער פון די שאָפעס און קאַמערן האָבן פייגל אויסגעבויט נעסטן. אויפן היי־בוידעם זענען געשלאָפן הינער. די עופות האָבן יעדן אָוונט ביז שפּעט געהאַט שטילע סכסוכים וועגן ערטער אין קאָטוך. יאשאַ האָט טיף איינגעאָטעמט. ס'איז געווען אויסטערליש צו וויסן, אַז יעדער שטערן איז גרעסער פון דער ערד און מיליאָנען מייל די הויך, און אַז ווען מ'זאָל גראָבן דאָ אין דער ערד אַ טיפן גרוב אויף טויזנטער מייל, קאָן מען זיך דערגראָבן ערגעץ קיין אַמעריקע. יאשאַ האָט געעפנט דאָס טירל פון דער שטאַל. די פערד זענען געשטאַנען נאַכטיש גרויסע, איינגעהילט אין טונקלקייט, סודות. אין די גרויסע אויגן פול מיט שוואַרצאַפּל האָבן זיך אָפּגעשלאָגן פּיצלעך גאָלד אָדער פייער. יאשאַ האָט זיך דערמאָנט וואָס דער טאַטע עליו השלום האָט אים געזאָגט: אַז חיות זעען שדים... ער אַליין, יאשאַ, האָט געהאַט סימנים, אַז גאָטס באַשעפענישן טרעפן געדאַנקען, וויסן די לוינעס פון מענטשן, זעען פאָרויס אַלערליי קאַטאַסטראָפעס און טויט־פאַלן. ער, יאשאַ, האָט זיי אַפילו געקאָנט היפּנאָטיזירן... קאַרע האָט געטאָן אַ שאָקל מיטן ווידל און אַ שטויס מיטן פוס. ס'האָט זיך געצויגן פון איר צו אים אַ וויל חיהשע ליבשאַפט...

ה

אין שבועות זענען אַלע שולן, בתי־מדרשים, חסידים־שטיבלעך געווען געפּאַקט. גאַנץ לובלין האָט געדאַוונט. אַפילו אסתר האָט אָנגעטאָן דעם הוט, וואָס זי האָט זיך געמאַכט צו דער חתונה, גענומען אַ קרבן מנחה־סידור, אַ גאָלד־געלייטשטע תחינה און איז אַוועק אין ווייבער־שול. אָבער יאשאַ איז געבליבן אין דער היים. ווי באַלד גאָט ענטפערט נישט, — צו וואָס רעדן צו אים? יאשאַ האָט געהאַט מיטגעבראַכט מיט זיך פון וואַרשע אַ דיק בוך אין פּויליש וועגן נאַטור־וויסנשאַפט, און ער האָט דערין אַריינגעקוקט. ס'איז דאָרט אַלץ געווען אויסגעקלערט: דאָס געזעץ פון גראַוויטאַציע, ווי אַזוי יעדער מאַגנעט האָט אַ נאָרד־פּאָל און אַ זיד־פּאָל, ווי אַזוי צוויי עלעקטריזירטע קערפּערס פון אייגענעם סאָרט שטויסן זיך אָפּ און פון פאַרשידענע סאָרטן — ציִען זיך צו. ס'איז אַלץ געווען אויסגעטייטשט: ווי אַזוי אַ שיף שווימט, ווי ס'אַרבעט אַ הידראָולישע פּרעס. ווי אַזוי אַ בליץ־אָפּלייטער ציט צו אַ בליץ און ווי אַזוי דאַמף טרייבט אַ לאָקאָמאָטיוו. אַחוץ דעם וואָס די נאַטור־געזעצן זענען גלאַט אינטערעסאַנט, האָט ער, יאשאַ, דאָס אַלץ געדאַרפט וויסן פאַר זיינע קונצן. ער איז יאָרן־לאַנג געגאַנגען אויף אַ שטריק, אָבער ער האָט אַליין נישט געוווּסט, אַז דאָס האָט ער מאַנעווורירט צו האַלטן דעם שווערפּונקט פון זיין קערפּער איבער דער שטריק. דאָס בוך האָט קלאָר געמאַכט אַ סך זאַכן; אָבער נאָכן לייענען זענען געבליבן אַ סך קשיות. פאַרוואָס ציט צו די ערד אַ שטיין? וואָס איז זי, די גראַוויטאַציע? און פאַרוואָס ציט־צו אַ מאַגנעט אייזן און נישט קופּער? און וואָס איז עלעקטריע? און פון וואַנען נעמט זיך דאָס אַלץ, דער הימל, די ערד, די זון, די לבנה, די שטערן? אין דעם בוך איז געווען דערמאָנט אַ טעאָריע פון קאַנט און לאַפּלאַס וועגן דעם ווי אַזוי ס'איז אַנטשטאַנען דער זון־סיסטעם, אָבער עפּעס האָט זיך עס נישט געלייגט אויפן שכל. עמיליאַ האָט אים, יאשאַן, געהאַט מיטגעגעבן אַ בוך פון אַ פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע וועגן דער קריסטלעכער רעליגיע, אָבער די געשיכטע מיט יעזוסעס געבוירן ווערן פון רוח הקודש און די דריי־איינקייט פון גאָט, פאָטער זון, איז אים, יאשאַן, פאָרגעקומען נאָך אויסטערלישער ווי די מופתים, וואָס חסידים דערציילן פון זייערע רביים. ווי קאָן זי גלויבן דערין? — האָט ער זיך געפרעגט. — ניין, זי מאַכט זיך. זיי מאַכן זיך אַלע. אַ גאַנצע וועלט שפּילט אַ קאָמעדיע, ווייל מ'שעמט זיך צו זאָגן, אַז מ'ווייסט נישט...

Yasha came to his house and looked into the window. The seamstresses were working on a trousseau for a bride. The thimbled fingers sewed swiftly. In the lamplight, a seamstress' red hair seemed aflame. Esther bustled around the stove, adding pine twigs to the tripod on which the supper was cooking. A trough of dough in the center of the room was covered with rags and a cushion; Esther was about to bake a batch of butter-cookies from it for the Pentecost. Can I leave her? Yasha thought. During all these years she's been my only support. Were it not for her devotion, I would have long since drifted like a leaf in a windstorm. . . .

He did not go immediately into his rooms, but walked down the corridor into the courtyard to look in on the mares. The courtyard was like a patch of country in the midst of a city. The grass was dewy, the apples green and raw, but already fragrant. The sky here seemed lower, more dense with stars. As Yasha walked into the courtyard, a star somewhere in space detached itself and plummeted, trailing a fiery wake. The air smelled half-sweet, half-acrid, alive with rustlings, ferment, and crickets' chirping—which, every once in a while became a loud ringing. Field mice scurried about. Moles had burrowed humps in the ground, birds' nests were in the branches of trees, in the barn, and the roof-eaves. Chickens dozed in the hayloft. Each night the fowl bickered quietly over the disputed porch-space. Yasha breathed deeply. Strange, that every star was larger than the earth, and millions of miles beyond it. If one were to dig a ditch thousands of miles deep into the earth, one would come up in America. . . . He opened the stable-door. The horses loomed mysteriously, shrouded in the darkness. The pupil-filled eyes were flecked with gold or fire. Yasha recalled what his father—blessed be his memory—had told him: that animals could see the forces of evil. Kara swished her tail and pawed the earth. A gripping animal devotion exuded from the mare to her master.

5

All the temples, prayerhouses and Hasidic assembly rooms were jam-packed for the Pentecost. Even Esther put on the hat she had made for her wedding, took her gold-engraved prayer book and headed for the women's synagogue. But Yasha remained at home. Since God did not answer, why address Him? He began to read a thick Polish book on the Laws of Nature that he had bought in Warsaw. Everything was explained therein: the law of gravity, how each magnet had a north and a south pole, how likes repelled and opposites attracted. It was all here: why a ship floated, how a hydraulic press operated, how a lightning rod drew the lightning, how steam moved a locomotive. This information was as vital to Yasha professionally as it was interesting. He had been walking the tightrope for years without knowing that he had stayed up only because he managed to balance the center of his gravity directly over the rope. But after he had finished this illuminating book, many questions remained unanswered. Why did the ground pull the rock to it? What, actually, was gravity? And why did a magnet attract iron but not copper? What was electricity? And from where had it all come: the sky, the earth, the sun, the moon, the stars? The book mentioned Kant's and Laplace's theory of the solar system, but somehow it did not ring true. Emilia had presented Yasha with a volume on the Christian religion written by a professor of theology, but the story of the immaculate conception and the explanation of the trinity—the Father, the Son, and the Holy Ghost—seemed to Yasha even more unbelievable than the miracles which the Hassidim attributed to their rabbis. How can she believe this? he asked himself. No, she only pretends. They all pretend. The whole world acts out a farce because everyone is ashamed to say: I do not know.

He paced back and forth. His thoughts were always stimulated when he was alone in the house, while others were at temple. How had it come about? His father had been a pious Jew, an impecunious hardware-dealer. His mother had died when Yasha was seven and the father had not remarried; the boy had had to raise himself. He would go to cheder one day, skip the next three days. An abundance of locks and keys were to be found in his father's store and Yasha had been curious about them. He would fumble and fuss with a lock until it opened without a key. When magicians came to Lublin from Warsaw and other big cities, Yasha would follow them from street to street, observing their tricks, and later he would attempt to duplicate them. If he saw someone do a card trick, he would play around with a deck of cards until he mastered it. He watched an acrobat walk the tightrope and went home promptly to try it. After falling, he would mount again. He scampered over roof-tops, swam in deep water, leaped from balconies (into straw discarded from mattresses before Passover), but somehow nothing harmed him. He cheated in his prayers and desecrated the Sabbath, but continued to believe that a guardian angel watched and protected him from danger. Despite his reputation as an unbeliever, rascal, and savage, a respectable girl, Esther, had fallen in love with him. He roamed about with a circus, a bear trainer, even with a Polish wandering troupe which performed in firehouses, but Esther waited for him patiently, forgiving all his peccadilloes. It was because of her that he had his home, his estate. The knowledge that Esther awaited him had fired him with the ambition to raise his station, to aspire to the Warsaw circus, and the summer theaters, to become famous throughout Poland. He was no street performer now, who drags about with an accordion and a monkey—he was an artist. The newspapers hailed him, called him a master, a great talent; noblemen and *grand dames* came backstage to greet him. Everyone said that had he lived in Western Europe, he would be world famous by now.

The years had passed but he could not say where. At times he felt as if he were still a boy, at other times he seemed a hundred years old. He had taught himself Polish, Russian, grammar, and arithmetic; he had read textbooks on algebra, physics, geography, chemistry, and history. His mind was crammed with facts, dates, information. He remembered everything, forgot nothing. One glance determined a person's character for him. Someone need only open his mouth and Yasha would know what was about to be said. He could read while blindfolded, was expert at mesmerism, magnetism, and hypnotism. But what was happening between Emilia—a high-born professor's widow—and himself, was something different. It was not he who had magnetized her, but the other way around. Although they were miles apart, she never left him. He felt her gaze, heard her voice, inhaled her aroma. He was tense as though walking the tightrope. As soon as he went to sleep, she would come to him—in spirit, but vibrantly alive, whispering sweet nothings, kissing, embracing, showering him with affection and, strangely enough, her daughter, Halina, would be there too.

The door opened and Esther came in, prayer-book in one hand, the train of her silken gown, with the tucks and stripes, in the other. Her feathered hat reminded Yasha of the first Saturday after the wedding, when Esther, the bride, had been led to the temple. Her eyes

יאשא האט ארומגעשפאנט אהין און צוריק. דאס זיין אליין אין הויז, בעת די גאנצע שטאט איז אין שול האט דערוועקט אין אים אלערליי מחשבות. ווי אזוי איז דאס אלץ געשען? דער טאטע איז געווען א פרומער ייד, אן ארעמער אייזן־קרעמער. די מוטער איז אים, יאשאן, אפגעשטארבן, ווען ער איז אלט געווען זיבן יאר. דער פאטער האט נישט חתונה געהאט. ער, יעקלע, האט זיך אליין אויפגעצויגן. איין טאג איז ער געגאנגען אין חדר, דריי טאג נישט. אין טאטנס געוועלב האבן זיך געוואלגערט שלעסער, שלעסלעך, און ער, יעקלע, האט באלד פון אנהייב געהאט א נייגער דערצו. ער האט אזוי לאנג געדרייט מיט א שלאס און גענישטערט, ביז ער האט אים געעפנט אן א שליסל. קונצנמאכערס זענען געקומען קיין לובלין פון ווארשע, פון אנדערע גרויסע שטעט, און ער, יעקלע, איז זיי נאכגעגאנגען פון גאס צו גאס, נאכגעקוקט אלע זייערע חידושים, געפרווט זיי נאכטאן. ער האט געזען עמיצן ווייזן קונצן מיט קארטן און ער האט אזוי לאנג געטאשט דאס פעשל קארטן, ביז ער איז דערגאנגען דעם טריק. ער האט בייגעווינט ווי א צירק־טענצער האט זיך געגליטשט אויף א שטריק און ער איז באלד אוועק אהיים יענעם נאכטאן. ער איז אראפגעפאלן, אבער ער האט באלד ווידער געפרווט. ער האט געקלעטערט איבער דעכער, געשפרונגען פון באלקאנען (פאר פסח ווען מ׳הוארפט ארויס דאס שטרוי פון די שטרויזעק), אבער עפעס איז אים קיין מאל נישט געשען קיין שאדן. ער האט אפגענארט מיטן דאווענען, געהאלטן שבת מוקצה, אבער דערביי האט ער געגלויבט, אז א מלאך גייט אים נאך, היט אים אויס פון יעדער שטרויכלונג. ער, יעקלע, אדער יאשא, ווי מ׳האט אים גערופן שפעטער, האט געקראגן א נאמען פון א שייגעץ, אן עכברוש, א פרא־אדם, אבער אן ארנטלעך מיידל, אסתר, האט זיך אין אים איינגעליבט. ער האט זיך ארומגעשלעפט מיט א צירק, א בערן־טרייבער, אפילו מיטגעפארן מיט א פוילישער וואנדערטרופע, וואס האט געשפילט טעאטער אין די שאפעס פון פייער־לעשער, אבער אסתר האט געדולדיק אויף אים געווארט, אים פארגעבן אלע זיינע ווילדקייטן. דאס האט ער איר צו פארדאנקען, וואס ער האט א הויז, א היים. דערפאר ווייל ער האט געוווסט, אז אסתרווארט אויף אים, האט ער געהאט די אמביציע צו שטייגן העכער, אנצוקומען אין ווארשעווער צירק, אין די זומער־טעאטערס, צו קריגן א נאמען אין פוילן. ער איז איצט מער נישט קיין קונצנמאכער, וואס וואגלט ארום מיט א קאטערינקע און א מאלפע, נאר אן ארטיסט. מ׳שרייבט וועגן אים אין די גאזעטן, מ׳רופט אים קינסטלער, מייסטער; פריצים און רייכע דאמען קומען אים באגריסן הינטער די קוליסן. אלע זאגן דאס אייגענע: אין אייראפע וואלט ער געווארן רייך און בארימט...

די יארן זענען געהאט אריבער און ער האט רעכט נישט געוווסט ווו זיי זענען אהינגעקומען. טיילמאל האט זיך אים געדוכט, אז ער איז נאך א ייִנגל. אן אנדער מאל האט זיך אים אויסגעדוכט, אז ער דארף שוין אלט זיין הונדערט יאר... ער האט פון זיך אליין זיך אויסגעלערנט פויליש, רוסיש, גראמאטיק, אריטמעטיק. ער האט געהאט טעקסט־ביכער וועגן אלגעברע, פיזיק, געאגראפיע, כעמיע, היסטאריע. דער קאפ זיינער איז פול מיט פאקטן, ידיעות, דאטעס. ער געדענקט אלץ, פארגעסט גארנישט. ער קוקט אן א מענטש און דערקאנט זיין כאראקטער. עמיץ עפנט די ליפן און ער, יאשא, ווייסט שוין וואס יענער גייט זאגן. ער קאן טרעפן געדאנקען, לייענען מיט פארבונדענע אויגן, האט אויסשטודירט מעסמעריזם, מאגנעטיזם, היפנאטיזם... נו, אבער דאס וואס ס׳קומט פאר צווישן אים און דער עמיליאן, אן אלמנה נאך א פראפעסאר, א דאמע פון הויכן פוילישן אפשטאם, איז גאר עפעס נייעס. אנשטאט ער זאל זי מאגנעטיזירן, האט זי אים מאגנעטיזירט. ער איז צענדליקער מייל ווייט פון איר, אבער זי איז מיט אים די גאנצע צייט. ער שפירט איר בליק, הערט איר קול, אטעמט איין איר אראמאט. ער איז כסדר געשפאנט ווי ער וואלט נישט אויפגעהערט גיין אויף א שטריק. ביי נאכט אויפן געלעגער, ווי נאר ער שליסט־צו די וויעס, קומט זי צו אים א לייביק־לעבעדיקע, זאגט אים קלוגע רייד, קושט אים, האלדזט אים, באווארפט אים מיט צערטלעכקייטן. ווי אויסטערליש, נאר דאס טעכטערל אירס, די האלינא, איז אויך דערביי...

ער האט געטאן א ציטער. די טיר האט זיך געעפנט. אסתר איז געקומען פון שול. אין איין האנט האט זי געהאלטן דאס מחזור מיט דער תחינה, מיט דער אנדערער האט זי אונטערגעהאלטן די פאלע פון דעם זיידענעם קלייד מיט די פאלדן און די באנדן. דער הוט מיט דער פעדער האט יאשאן דערמאנט אן זיין אייגענער חתונה: דאס אויפרופן, דאס פירן די כלה אין שול אריין דעם שבת נאך דער חתונה. א האפער־

דיקייט האָט אַראָפּגעשײַנט פון אסתרס פּנים, די מונטערקייט פון עמעצן וואָס מישט זיך אויס מיט מענטשן, מאַכט־מיט זייערע צערעמאָניעס.

— גוט יום־טוב!

— גוט יום־טוב, אסתרל!

ער האָט זי אַרומגענומען און זי איז געשטאַנען נעבן אים אַ פאַר־רויטלטע ווי אַ כּלה־מיידל. ס'איז געבליבן צווישן זיי אַ פרעמדקייט ווי צווישן אַ יונג פּאָרל.

— וואָס הערט זיך אין שול, האַ?

— וווּ? צווישן די מאַנסלייט אָדער צווישן די ווייבער?

— צווישן די ווייבער.

אסתר האָט געטאָן אַ לאַך.

— ווייבער זענען ווייבער. מ'דאַוונט אַ ביסל און מ'מאַטלט אַ ביסל. האָסט געדאַרפט הערן דעם אקדמות. ס'איז צעגאַנגען אין יעדן אבר. בעסער ווי דײַנע בעסטע אָפּערעס...

אסתר האָט זיך גלייך גענומען צוגרייטן די יום־טובדיקע סעודה. וואָס יאַשאַ זאָל נישט זיין, — זי האָט געוואָלט האָבן אַ שטוב מיט שטובן צוגלייך. זי האָט אוועקגעשטעלט אויפן געדעקטן טיש אַ קאַראַפינקע ווײַן, אַ קידוש־בעכערל, אַ מעסטל מיט זאַלץ און האָניק, אוועקגעלייגט חלה, אַ מוציא־מעסער. יאַשאַ האָט געמוזט מאַכן פאַר איר קידוש. דאָס האָט ער איר נישט געטאָרט אָפּזאָגן. דאָס זיצן אַליין ביים טיש, בלויז מאַן און ווייב, האָט אסתרן אַלעמאָל דערמאָנט אָן איר אומגליק. ווען ס'זענען דאָ קינדער אין שטוב, וואָלט אַלץ געווען אַנדערש. זי האָט געשמייכלט און אָפּגעווישט אַ טרער מיטן ברעג אויסגעהאַפטענעם שירצל. זי האָט צוגע־טראָגן די פיש, די לאָקשן מיט מילך, די קרעפּלעך מיט קעז און צימרינג, דאָס פלאָמען־צימעס, די באַבקע מיט קאַווע. יאַשאַ איז אַלעמאָל געקומען אַהיים אויף יום־טוב. מאַן און ווייב האָבן געפירט צווישן זיך אַ יום־טוב־דיק לעבן. אסתר האָט געגעסן און געקוקט אויף אים. ווער איז ער? זי האָט זיך אָנגעשטויסן מער וויפל זי האָט אים געלאָזט מערקן. איין גאָט דער לעבעדיקער ווייסט וואָס ער האָט דאָרט אָפּגעטאָן אין דער גרויסער שטאָט, אין וואָסערע זומפּן ער האָט געוויקס. אָבער זי האָט נישט גע־קאָנט אים נאָכטראָגן קיין שנאה. אַלע האָבן אים באַרעדט. יעדער איינער האָט געהאַט אויף איר רחמנות. אָבער זי, אסתר, וואָלט אים נישט פאַרביטן פאַר קיין שום מאַנסביל, מעג ער זיין דער רבי ר' צאַק...

נאָך דער סעודה איז דאָס פּאָרפאָלק אַריין אין שלאָף־חדר זיך צו־לייגן. ס'פירט זיך נישט, אַז מאַן און ווייב זאָלן ליגן צוזאַמען בייטאָג, אָבער ווען ער איז אַרויס פאַרמאַכן דעם לאָדן, האָט זי זיך געמאַכט נישט זעענדיק. ער האָט זי אַרומגענומען און איר לייב איז גלייך געוואָרן דערפון מיידלש־הייס; ווייל ווען אַ פרוי האָט קיין מאָל נישט געטראָגן און גע־בוירן, בלייבט זי אַלעמאָל ווי אַ בתולה.

## קאַפּיטל צוויי

### א

דער שבועות איז געהאַט אַריבער. יאַשאַ האָט זיך ווידער געגרייט אַרויסצופאָרן אין וועג. די פאַר־לעצטע נאַכט האָט ער גערעדט צו אסתרן רייד, וואָס האָבן זי דערשראָקן. ער האָט געפרעגט: וואָס וואָלט געשען, ווען כ'קום מער נישט צוריק? וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען כ'שטאַרב אונ־טערוועגנס? אסתר האָט אים פאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט־פלאַך, אים באַשווירן ער זאָל מער אַזוינע ווערטער פאַר די ליפּן נישט ברענגען, אָבער ער האָט געטענהט: ס'קאָן דאָך טרעפן. אַנומלט האָב איך אַרויפגעקלעטערט אויפן טורעם פון אַ ראָטהויז; כ'האָב מיך לייכט גע־קאָנט אַראָפּגליטשן... ער האָט עפּעס דערמאָנט וועגן אַ צוואה און אַז ער וואָלט נישט געוואָלט זי זאָל נאָך אים לאַנג טרויערן. ער האָט איר אָנגעוויזן אַ באַהעלטעניש ווו ער האָט געהאַט ליגן אַ פּאָר הונדערט רובל אין גאָלדענע רענדלעך... ווען אסתר האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז ער פאַר־ביטערט איר די פּאָר שעה, וואָס זענען זיי געבליבן ביז די ימים־נוראים, האָט ער זיך אָנגערופן:

— נו, לאָמיר זאָגן, אַז כ'פאַרליב זיך אין עמעצן און לאָז דיך איבער. וואָס וואָלסטו דעמאָלט געטאָן?

— וואָס איז געשען? האָסט דיך אין עמעצן איינגעליבט?

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן.

— בעסער זאָג מיר דעם אמת!...

sparkled with joy now—the high spirits of one who has shared ceremonies with others.

"Happy holiday!"

"Happy holiday to you, Esther!"

He embraced her and she blushed like a bride. The long periods of separation had preserved in them the eagerness of newlyweds.

"What's new at the temple?"

"The men's or the women's?"

"The women's."

Esther laughed.

"Women are women. A little praying and a little gossip. You should have heard the hymn of Acdamuth. It was glorious. Compare it to your finest opera!"

She immediately began to prepare the holiday meal. No matter what Yasha chose to be, she was determined to have a good Jewish home like the others. She placed a carafe of wine, a benediction winecup, twin jars of salt and honey, a Sabbath loaf, and a pearl-handled breadknife, on the table. Yasha said a benediction over the wine. It was one thing he dared not refuse her. They were alone, and this always reminded Esther of her infecundity. Children would have made all the difference. She smiled sadly and wiped away a tear with the edge of an embroidered apron. She served the fish, the noodles with milk, the kreplach with cheese and cinnamon, the dessert of stewed prunes, butter-cake, and coffee. Yasha was always home for the holidays; it was the only time they were together. Esther looked at her husband as she ate. Who was he? Why did she love him? She knew he led a wicked life. She did not reveal all she knew; only God knew how far he had fallen. But she could hold no grudges against him. Everyone villified him and pitied her, but she preferred him above any man, no matter how exalted—even a rabbi.

After the meal, the couple retired to their bedroom. Man and wife don't usually lie together in the daytime, but when he went outside to close the shutters, she did not protest. As soon as he put his arm around her she was aroused, like an adolescent—since a woman who has not been pregnant, remains virginal forever.

## 2

### 1

The Pentecost was over. Yasha again prepared to go on the road. During his last night home, he said things that frightened Esther.

"How would you feel if I never returned?" he asked her. "What would you do if I died on the road?"

Esther silenced him with her hand over his mouth, and begged him never to speak like that, but he persisted. "Such things do happen, you know. Only recently I climbed the tower of a city hall; I could easily have slipped right there and then." He also mentioned his will and admonished her not to mourn him for too long a period, should he pass away. Then he showed her a hiding place where he had secreted a few hundred rubles in golden ducats. When Esther protested that he was ruining the last few hours they had before their next meeting on the Days of Awe, he countered: "Well, suppose I'd fallen in love with someone else and were going to leave you. What would you say to that?"

"What? Have you fallen in love with someone else?"

"Don't be ridiculous."

"You'd better tell me the truth."

ער האָט זי געקושט און איר געשוווירן אייביקע ליבע. די דאָזיקע פלוידערייען זענען נישט געווען ביי זיי קיין נייעס. ער האָט אָפט גערן געהאַט זי צו רייצן מיט אַלערליי מעגלעכע און אוממעגלעכע טראַפּן און צו שטעלן איר קלאָץ־קשיות„ אַ שטייגער: ווי לאַנג וואָלט זי געוואַרט אויף אים, ווען מ׳זעצט אים איין אין תפיסה? ווען ער פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע? אָדער ווען ער ווערט שווינדזיכטיק און מוז זיין אין סאַנאַטאָריע? אסתר האָט אַלעמאָל געגעבן דעם אייגענעם ענטפער: זי וואָלט קיינעם נישט געקאָנט ליב האָבן אויסער אים. אָן אים וואָלט איר לעבן געווען אָפּגעהאַקט. אָבער ער האָט זיך אָפט אומגעקערט צו דעם סאָרט גריבלעניש. היינט ביי נאַכט האָט ער געטענהט: וואָס וואָלט געווען ווען כ׳וועל אַ פּרוש? ווען כ׳וועל אַ בעל־תשובה און לאָז זיך אַרוממויערן מיט אַ קאָמער אָן אַ טיר, ווי יענער ליטוואַק אין אײשישאָק? וואָלסטו מיר געבליבן געטריי? וואָלסטו מיר אַריינגעגעבן עסן דורך דעם לאָך אין דער וואַנט? אסתר האָט אַ זאָג געטאָן:

— מ׳דאַרף זיך נישט אַרוממויערן מיט קיין וואַנט. מ׳קאָן אַזוי אויך טאָן תשובה.

— ס׳ווענדט זיך וואָס פאַר אַ יצר הרע מ׳האָט...

— כ׳וואָלט זיך פאַרמויערט מיט דיר צוזאַמען...

ס׳האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזט מיט נייע קושענישן, צערטלעכקייטן און הייליקע צוזאָגן פון אייביקער ליבשאַפט. ווען אסתר איז שפּעטער איינגעשלאָפן, האָט זי געהאַט אַ גרויליקן חלום און זי האָט צומאָרגנס געפאַסט ביז צוועלף. זי האָט שטילערהייט געזאָגט אַ תחינה, וואָס זי האָט געפונען אין סידור: רבונו של עולם, איך בין דיינע און מיינע חלומות זענען דיינע... זי האָט אויך אַריינגעוואָרפן זעקס גראָשן אין דעם פּושקעלע פון ר׳ מאיר בעל־הנס. זי האָט ביי זיך אָפּגעפּאַסט צו פאַרלאַנגען פון יאַשאַן אַ הייליקן צוזאָג מער זי נישט צו מאַטערן מיט די דאָזיקע פּוסטע רייד. ווייל וואָס קאָן אַ מענטש וויסן וואָס ס׳וועט זיין? אַלץ איז באַשערט פון הימל...

איצט זענען די יום־טובדיקע טעג געהאַט אַריבער. יאַשאַ האָט איינגעשפּאַנט די בויד, גרייט זיך צו לאָזן אין וועג. ער האָט מיטגענומען דאָס מאַלפּעלע, די קראָ, דעם פּאָפּוגיי. אסתר האָט דאָס מאָל אַזוי פיל געוויינט פאַר זיין אַוועקפאָרן, אַז די ברעמען און די דעקלעך זענען איר געוואָרן אָנגעדראָלן. אַ האַלבער קאָפּ האָט ווי געטאָן. אין דער לינקער ברוסט האָט געשווערט. אסתר איז נישט געווען קיין טרינקערין, נאָר די ערשטע טעג נאָך זיין אַוועקפאָרן האָט זי אַלעמאָל גענומען אַ שלוק ווישניק אויפצוהייטערן דאָס געמיט. זי האָט אויסגעלאָזט דאָס ביטערע האַרץ צו די נייטאָרינס, געפונען חסרונות אין יעדן שטאָך. דער אמת איז, אַז די מיידלעך זענען אויך געוואָרן אָנגעבלאָזן נאָך זיין אַוועקפאָרן. אַזאַ טריף מזל האָט געהאַט דער דאָזיקער מענטש.

דאָס מאָל איז ער אַרויסגעפאָרן אין אַ שבת צו נאַכטס. אסתר איז נאָכגעגאַנגען דער בויד ביז צום שליאַך. זי האָט אים געפּרוווט באַגלייטן נאָך ווייטער, נאָר ער האָט זי ווילעריש צוריקגעטריבן מיט דער בייטש. ער האָט נישט געוואָלט זי זאָל צוריקגיין איינע אַליין ביי נאַכט צו וויט. ער האָט איר געטאָן אַ לעצטן קוש און זי איז געבליבן שטיין אַ פאַרוויינטע, מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס. ס׳האָט זיך שוין איבערגעחזרט יאָרן, נאָר היינט איז די געזעגענונג אָנגעקומען שווערער ווי אַלעמאָל...

ער האָט געטאָן אַ פייף און די פערד האָבן זיך געלאָזט לויפן גאַלאָפּ. די נאַכט איז געווען אַ לינדע. אין הימל איז געשטאַנען אַ דריי־פערטלדיקע לבנה. יאַשאַס אויגן זענען געווען פאַרנעפּלט און נאָך אַ ווייל האָט ער געלאָזט די פערד גיין זייער אייגענעם וועג. ער איז געפאָרן און די לבנה איז אים נאָכגעפאָרן. ווי הערלעך די פעלדער האָבן איצט אויסגעזען! די זאַנגען זענען נאָך געווען גרין, אָבער די קעפּלעך זייערע האָבן זיך געזילבערט קעגן דער שיין פון דער לבנה. מען האָט געזען גענוי און דײַטלעך יעדן פויגלשרעקער, יעדעס שטעגל, יעדעס קאָרנבלימל ביי די בייטן. דער טוי איז געפאַלן ווי מעל פון אַ הימלישער זיפּ. אַ שטילער רויש האָט זיך געטראָגן איבערן פעלד ווי אומגעזעענע קערנדלעך וואָלטן זיך געשאָטן אין אַן אומגעזעענער מיל. אַפילו די פערד האָבן פון מאָל צו מאָל אַ נויג געטאָן די קעפּ אָן אַ זייט, געגאַפט. מ׳האָט ווי געהערט דאָס זויגן פון די וואָרצלען אין דער ערד, דאָס וואַקסן פון די שטענגלעך, דאָס ריזלען פון אונטערערדישע וואַסערלעך. צו מאָל איז אַ שאָטן פאַרבייגעלאָפן איבערן פעלד ווי געוואָרפן פון אַ פויגל אָן אומגעהויער. צו מאָל האָט זיך געהערט אַ הוילער ברום, נישט פון אַ מענטש און נישט פון אַ חיה, נאָר פון אַ געשפּענסטיקן ריז, וואָס הויערט ערגעץ אין חלל. יאַשאַ האָט טיף איינגעאָטעמט, ער האָט אָנגעטאַפּט דעם פּיסטויל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער הויזן־קעשענע פאַר אַ באַוואָרעניש קעגן גזלנים. געפאָרן איז ער מיטן וועג קיין פּיאַסק. דאָרט, הינטערן שטעטל, האָט געוווינט מאַגדאַס מוטער. אין פּיאַסק אַליין האָט ער געהאַט קאָנטשאַפט מיט די גנבים, געפירט מחזקות מיט איינער אַ זעווטל, אַן עגונה...

He kissed her and vowed eternal love. These scenes between them were not new. He liked to tease her with all sorts of contingencies and vex her with puzzling questions. How long would she wait for him if he were imprisoned? Or if he went to America? Or if he contracted consumption and were confined to a sanitarium? Esther always offered the same reply: She could love no one else; without him, her life would end. But he often resorted to this kind of interrogation. He now demanded, "What would happen if I became an ascetic and, to repent, had myself bricked into a cell without a door like that saint in Lithuania? Would you remain true to me? Would you give me food through a slit in the wall?"

Esther said, "It's not necessary to seal one's self in a cell to repent."

"It all depends on what sort of passion one is trying to control," he answered.

"Then I would seal myself in with you," she said.

It all ended with fresh caresses, endearments, and protestations of undying love. When Esther later fell asleep, she suffered a terrifying nightmare and on the following day fasted until noon. She quietly uttered a prayer which she'd found in a prayer-book: "God Almighty, I am Yours and my dreams are Yours. . . ." She also dropped six groschen into the alms box of Reb Mayer, The Miracle Worker. She asked Yasha to give his holy promise never again to torment her with such idle talk, since, what could a person know of the future?—Everything was ordained in Heaven.

The holidays were over. Yasha hitched up the wagon and prepared to leave on his journey. He took along the monkey, the crow, and the parrot. Esther cried so much that her eyes swelled. One side of her head ached, a weight seemed to press against her left breast. She was not a drinker, but for the first days after his departure she always sipped cherry-brandy to uplift her spirit. The seamstresses suffered from her grief; she found fault with every stitch. Strangely enough, the girls sulked as well after Yasha left—he was that "lucky."

He went on a Saturday night. Esther accompanied him all the way to the highway with his wagon. She would have gone further, but he playfully drove her back with his whip. He did not want her walking back so far alone in the dark. He kissed her for the last time and left her standing there—tearful and with arms outstretched. For years they had parted this way but the leave-taking seemed more difficult now than ever.

He clicked his tongue and the horses broke into a trot. The night was mild, a three-quarter moon hung in the sky. Yasha's eyes misted; after a while he gave the horses free rein. The moon rode with him. In the gloriously moonlit fields, the tips of the green wheat gleamed bright and silvery. He could distinguish every scarecrow, every path, every cornflower along the road. The dew descended like flour from a heavenly sieve. There was a seething in the fields, as if unseen grains poured into an unseen mill. Even the horses occasionally turned their heads. One could almost hear the roots sucking the earth, the stalks growing, the underground streams trickling. Occasionally a shadow, as of a mythical bird, crossed the fields. At times a droning became audible, neither human nor animal, but as if a monster hovered somewhere in space. Yasha breathed deeply and fingered his pistol, which he carried as protection against highwaymen. He was on the road to Piask. There, outside of town, lived Magda's mother, the widow of a blacksmith. In Piask itself, he numbered among his acquaintances notorious thieves, as well as one Zeftel, a deserted wife, with whom he was having an affair.

באלד איז אויסגעוואקסן די שמידעריי — א פארריסט געביי, מיט א הויקערדיקן דאך, אויפגעריסן ווי א פארלאזענע נעסט, מיט קרומע ווענט און א לאך אנשטאט א פענצטער. אמאל האט אדאם זבארסקי, מאגדאס פאטער, דא געשמידט העק, אקעראייזנס. ער איז אליין געווען א זון פון א שליאכטשיץ, וואס איז רואינירט געווארן ביים אויפשטאנד. אדאם האט געשיקט מאגדאן, דאס טעכטערל, שטודירן אין א פענסיאן אין לובלין. אבער אדאם איז געהאט געשטארבן אין א מגפה. מאגדא איז שוין אכט יאר געווען יאשאס ארויסהעלפערין. זי האט אפגעשוירן די האר אין א פאלקע, געטראגן ביי די פארשטעלונגען הויזן, געמאכט קאזשעלקעס, גע־קוילערט א פעסל אויף די פיס, אים דערלאנגט די שטעקעלעך צו זשאנגלירן. אין ווארשע האט זי געוווינט מיט אים אין איין דירה אין אלטשטאט, געווען איינגעמאלדן ווי א דינסט...

די פערד האבן, אפנים, דערקאנט די שמידעריי, ווייל זיי האבן פון זיך אליין גענומען גיין גיכער. מ׳איז איצט געפארן צווישן פעלדער פון גריקע און קארטאפל. מ׳איז פארביי א קאפליצא, וו גאטס מאמע איז געשטאנען מיטן יעזוס־קינד אויף דער האנט. אין דער שיין פון דער לבנה האט די פיגור אויסגעקוקט משונה לעבעדיק. א ביסל ווייטער האט זיך אויסגעשטרעקט דער קאטוילישער צמענטאר, אויף א בערגל ארומגעצוימען מיט א נידעריקער צוים. יאשא האט אנגעשפיצט דעם בליק. דא זענען געלעגן יענע, וואס זענען אוועק צו דער אייביקער רו. ער האט אלע מאל געזוכט אויף א בית־עולם צייכנס פון השארת הנפש. ער האט זיך געהאט אנגעהערט אלערליי געשיכטעס וועגן פייערלעך, וואס מ׳זעט צווישן קברים, שאטנס, געשטאלטן. וועגן זיין, יאשאס, זיידן האט מען דערציילט, אז ער האט זיך באוויזן צו די קינדער און אפילו צו פרעמדע וואכן און חדשים נאכן טויט. ער האט אפילו איין מאל געהאט אנגעקלאפט ביי דער טאכטער אין פענצטער... אבער איצט האט יאשא נישט געמערקט קיין שום צייכן. די בעריאזעס זענען געשטאנען פארגליווערטע, עטוואס אנגעבויגן איינע צו דער אנדערער. די „פאמניקעס“ האבן זיך איבערגעקוקט מיט דער שטילשווייגעניש פון יענע, וואס האבן איין מאל פאר אלע מאל דאס זייעריקע שוין אפגערעדט...

## ב

די זבארסקיס האבן זיך געריכט, אז יאשא וועט אנפארן היינטיקע נאכט און דעריבער זענען מוטער און טאכטער נישט געגאנגען שלאפן. עלזשביעטא זבארסקא, די אלמנה נאכן שמיד, א דיקע גויע, אויבן שמאל, אונטן ברייט, ווי א סטויג היי, די ווייסע האר פארקעמט ווי א ראש־השנהדיקער ראדיז, מיט א פנים, וואס די פעטקייט האט דערפון נישט אפגעווישט די איידלקייט, — איז געזעסן און זיך אויסגעלייגט א פאסיאנס. עלזשביעטא האט נישט געקאנט לייענען און שרייבן (געווארן פרי א יתומה), אבער דאס קאנען זיך אויף קארטן איז געווען א באווייז פון איר שלאכטענעם אפשטאם. זי האט אמאל געמוזט זיין א שיינהייט, ווייל אפילו איצט זענען טייל גלידער אירע געווען רעגולער. זי האט געהאט א געשניצט נעזל, א ביסל פאררופן ארויף, א פול מויל מיט ציין, דינע ליפן, בלויע אויגן. אבער דער אונטערשטער קין איז געווען ברייט און ס׳האט נאך אים נאכגעהאנגען א גוידער שיער נישט ביז דער ברוסט. דער בוזעם האט ארויסגעשטארצט ווי א גאניק. די ארעמס זענען געווען משונה ברייט און ס׳האבן נאכגעהאנגען נאך זיי שטיקער לייב. דער גוף איז געווען ווי א זאק אנגעפאקט מיט פלייש און ס׳האבן אומעטום זיך ארויסגעשטופט בערגלעך. פיס האט עלזשביעטא געהאט קראנקע און זי האט אפילו אין שטוב זיך אנגעשפארט אויף א שטעקן. די טאליע קארטן איז געווען א צעבויגענע און א פארשמוצטע. עלזשביעטא האט גערעדט צו זיך אליין:

— ווידער די טוז פיק!... א, ס׳איז נישט קיין גוטער סימן. עפעס וועט פאסירן, קינדערלעך, עפעס וועט פאסירן!...

— וואס וועט פאסירן, מוטער? הער שוין אויף מיט זאבאבאנעס! — האט מאגדא זיך אנגערופן.

מאגדא איז געשטאנען און זי האט שוין באצייטנס איינגעפאקט די זאכן אין א קופערטל מיט מעשענע רייפן — יאשאס א מתנה. מאגדא איז שוין געווען אין די סיפע צוואנציקער, אבער זי האט אויסגעקוקט יונג. ווען זי האט געמאכט די קונצן האט מען איר נישט געגעבן מער ווי א יאר אכצן. קליינוואוקסיק, טונקל, פלאכברוסטיק, הויט און ביין, — איז שווער געווען צו גלייבן, אז זי איז עלזשביעטאס טאכטער. אויגן האט זי געהאט גרוי־גרינע, א פאררופן נעזל, פולע ליפן, וואס האבן א ביסל ארויסגעשטארצט א שטייגער ווי זיי וואלטן כסדר גרייט געווען עמעצן צו קושן, אדער גאר ווי ביי א קינד אידער ס׳הייבט אן צו וויינען. דער האלדז איז געווען הויך און דין, די האר פון אש־קאליר, די הויכע באקן־קיכעלעך — רויט ווי פון א רויז. מאגדא האט געליטן פון בלעטערלעך אויפן פנים. אין פענסיאן האט מאגדא געהאט א צונאמען: די זשאבע. זי איז געווען אן איינגעשלאסענע, א פארביסענע, מיט פארבארגענע וועגעלעך און אויסטערלישע שטיק. זי האט שוין דעמאלט זיך אויסגעצייכנט מיט איר פלינקייט. זי האט זיך געכאפט אויף ביימער, גיך אויסגעלערנט אלע טענץ און געקאנט אין מיטן דער נאכט, ווען דער שלאף־זאל איז פארשלאסן, אראפקלעטערן פון פענצטער אויפן גארן און דערנאך צוריק ארויפקלעטערן. מאגדא האט ביז היינט גערעדט וועגן דעם פענ־

Soon the smithy, a sooty structure, its crooked roof torn apart like an abandoned nest, its walls askew, its window a hole, materialized. Once, Adam Zbarski, Magda's father, had forged axes and plough-shares here. The son of a nobleman ruined by the uprising in 1831, he had sent Magda to a school in Lublin and had later perished during an epidemic. For eight years Magda had been Yasha's assistant. Since she was an acrobat, she had short hair and wore a leotard during the performances, where she turned somersaults, spun a barrel on her feet and handed Yasha his juggling paraphernalia. In the Old City of Warsaw they shared the same apartment. She was registered with the municipal authorities as his maid.

The horses must have recognized the smithy for they went faster. Now they moved through buckwheat and potato fields, past a roadside shrine where the Virgin Mary held the Christ child in her arms. In the moonlight the statue appeared strangely alive. On a hill further on, the Catholic cemetery stood, surrounded by a low fence. Yasha focused his eyes. Here lay the ones who rested eternally. In cemeteries, he always sought omens of life after death. He had heard all kinds of stories of little flames which flickered between the graves—as well as of shades and phantoms. It was said of Yasha's own grandfather that he had revealed himself to his children and even to strangers weeks and months after his death. It was even said that he once rapped on his daughter's window. But Yasha could see nothing now. The birch trees, leaning together, looked petrified. Although there was no wind, their leaves rustled as if self-stirred. The tombstones gazed at each other with the silence of beings who had had their final say.

## 2

The Zbarskis had been expecting Yasha; neither mother nor daughter had retired for the night. Elzbieta Zbarski, the smith's widow, was a stout woman, built like a haystack. Her white hair was pinned up in back and her face was gentle despite her size. She sat playing patience. Although she could neither read nor write, having been orphaned at an early age, her knowledge of cards indicated irrevocably an aristocratic descent. Once, she must have been beautiful since even now her features were regular: her nose well cut and slightly turned up, her mouth thin and shapely, without a tooth missing, her eyes bright. But she had a broad double-chin, underhung with a goiter which extended nearly to the breast; her bosom jutted out like a balcony; her arms were uncommonly thick and weighty; her torso like a sack stuffed with flesh of which little mounds burst out here and there. She had bad feet and had to use a cane, even around the house. The deck of playing cards was soiled and wrinkled. She mumbled to herself, "Again the ace of spades! It's a bad sign. Something is going to happen, children, something is going to happen! . . ."

"What's going to happen, Mother? Don't be so superstitious!" Magda cried out.

Magda had already packed her possessions in a chest with brass hoops—a present from Yasha. She was in her late twenties but appeared younger; audiences thought her no more than eighteen. Slight, swarthy, flat-chested, barely skin-and-bones, it was hard to believe she was Elzbieta's child. Her eyes were grayish-green, her nose snub, her lips full and pouting as if ready to be kissed, or like those of a child about to cry. Her neck was long and thin, her hair ash-colored, the high cheekbones roseola-red. Her skin was pimply; at boarding school she had been nicknamed the Frog. She had been a surly, introspective schoolgirl with a furtive air, given to preposterous antics. Even then she had already proved unusually agile. She could scurry up a tree, master the latest dance, and, after lights-out, leave the dormitory by way of the window and later return the same way. Magda still spoke of the boarding-school as a

סיאַן ווי ווענן אַ גיהנום. זי האָט נישט געטויגט צום לערנען. די מיידלעך האָבן איר פאַרגעוואָרפן וואָס דער פאָטער איז אַ שמיד. די לערערינס האָבן געהאַט צו איר אַן אַנטיפּאַטיע. זי האָט עטלעכע מאָל געפּרוווט אַנטלויפן. מאַגדאַ האָט געהאַט מחלוקת מיט די אַנדערע שילערינס און איינמאָל, נאָכדעם ווי מ'האָט אויף איר אַרויפגעלייגט אַ שטראָף, האָט זי אָפּגעשפּיגן אַ נאָנע. נאָכן פאָטערס טויט איז מאַגדאַ אַרויס פון פּענסיאָן אָן אַ צייגעניש. נישט לאַנג דערנאָך האָט יאַשאַ זי צוגענומען פאַר זיין אַרויסהעלפערין.

ווען מאַגדאַ איז געווען יונג האָט מען פאַרויסגעזאָגט, אַז ווען זי וועט לעבן מיט אַ מאַן, וועלן די קרעצלעך זיך אויסהיילן. זיי האָבן געזאָלט קומען פון דעם אָנגעהיצטן בלוט. אָבער שוין יאָרן ווי זי איז געווען יאַשאַס קאָכאַנקע און דער אויסשיט איז דערפון נישט אַוועק. וועגן דעם, אַז זי לעבט מיט איר מייסטער, האָט מאַגדאַ נישט געמאַכט קיין סוד. וויפל מאָל יאַשאַ האָט גענעכטיקט ביי די זבאַרסקיס, איז מאַגדאַ געשלאָפן מיט אים אין דעם ברייטן בעט אין אַלקאָווע און די מוטער האָט אפילו אין דער פרי צוגעטראָגן דעם יונגן פּאָרל צום געלעגער טיי מיט מילך. עלזשביעטאַ האָט יאַשאַן גערופן: זונדעלע. ס'איז געווען אַ צייט, ווען באָלעק, מאַגדאַס יינגערער ברודער, האָט געטראָגן אַ האַס אויף יאַשאַן, געסטראַשעט מיט נקמה, אָבער מיט דער צייט האָט אפילו באָלעק זיך צוגעוווינט צו דער לאַגע. יאַשאַ האָט אויסגעהאַלטן די פאַמיליע. באָלעק האָט גענומען ביי אים געלט צו שיכורן און צו שפּילן קאָרטן אָדער דאָמינאָ. יעדעס מאָל וואָס באָלעק פלעגט רעדן וועגן אָפּצאָלן דעם פאַרדאַמטן ייד, וואָס שענדט דעם נאָמען פון די זבאַרסקיס, האָט עלזשביעטאַ זיך גענומען קלאַפּן מיט ביידע פויסטן אין קאָפּ. מאַגדאַ האָט געטענהט:

— אויב אַ האָר וועט אים געקרימט ווערן, וועט זיין דיין טויט און מיין טויט... כ'על דיך מיטנעמען אין קבר אַריין... כ'שווער ביים אָנדענק פון טאַטעלע...

און זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ סאָרט סיקעניש און שיפּעניש ווי פון אַ קאַץ, וואָס שטעלט זיך אַקעגן אַ הונט.

די פאַמיליע איז געהאַט געפאַלן נידעריק. מאַגדאַ האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט אַ קונצנמאַכער (באָלעק האָט אים גערופן: דער ציגיינער). ער אַליין, באָלעק, איז געוואָרן אַ שטיקל שמייסער ביי די פּיאַסקער גנבים. מ'האָט דאָרט געשיקט אים מיט אַלערליי שליחותן צו פּאַסערס. ער איז אָפּגעלעגן ביי זיי נעכט. עלזשביעטאַ, ווידער, האָט זיך געהאַט אַריינגעלאָזט אין עסן. זי איז געוואָרן פעט, אַז זי האָט קוים געקאָנט דורכגיין דורך דער טיר. פון פרימאָרגן ביז צו „פּאַטזשעש", די תפילה פאַרן שלאָפן גיין, האָט זי נייערט געהאַלטן אין איין דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַלערליי דערקוויקענישן: קעלבאַס מיט קרויט, קוכן געבאַקן אין חזיר־שמאַלץ, ציבעלעס געפּרעגלט מיט אייער און גריון, קרעפּלעך מיט פלייש און קאַשע. די פיס זענען איר געוואָרן אַזוי שווער, אַז זי האָט אויפגעהערט צו גיין אין קירך אַפילו זונטיק. עלזשביעטאַ פלעגט טענהן צו די קינדער:

— מיר זענען געפאַלענע, געפאַלענע... נאָכדעם ווי אייער פאָטער, רוען זאָל זיין נשמה אין הימל, איז אַוועק, זענען מיר געוואָרן ווי מיסט... קיינער קוקט זיך אויף אונדז נישט אום...

די שכנים האָבן גערעדט, אַז עלזשביעטאַ האָט מקריב געווען מאַגדאַן פאַר באָלעקן. די מוטער האָט אים ליב געהאַט מיט אַ בלינדער ליבע, נאָכגעגעבן אַלע זיינע פאַרוועלעכצער, פאַרענטפערט זיינע שלעכטע מעשים, אים אַוועקגעגעבן דעם לעצטן גראָשן. עלזשביעטאַ איז נישט געגאַנגען אין קירך, אָבער זי האָט נישט אויפגעהערט בעטן דעם פאַן יעזוס, צינדן ליכטלעך פאַר הייליקע, קניען פאַר די הייליקע בילדער, זאָגן פון אויסנווייניק תפילות. עלזשביעטאַ איז אַלעמאָל געווען באַהערשט פון איין פחד: ס'זאָל נישט געשען עפּעס קיין אומגליק מיט דעם באַשיצער פון דער משפּחה, יאַשאַן, אָדער ער זאָל, גאָט באַהיט, נישט וואַרפן קיין אויגן אויף מאַגדאַן. אויף אים און זיינע געשאָנקען האָט זיך געהאַלטן דאָס הויזגעזינד. זי אַליין, עלזשביעטאַ, איז געווען אַ צעבראָכענער שאַרבן: מיט אַרטרעטיזם אין די גלידער, ווייטיקן אין רוקן, קראַמף־אָדערן אין די פיס. זי האָט אויך געהאַט אין דער ברוסט אַ גריזל, וואָס איז געוואָרן האַרט ווי אַ שטיינדל, און עלזשביעטאַ האָט זיך אַלעמאָל געשראָקן ס'זאָל זיך נישט פונאַנדערגיסן, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט איר מוטער, לייכטן זאָל איר נשמה אין גן־עדן.

באָלעק האָט יענעם אָוונט פאַרבראַכט אין פּיאַסק. מ'האָט קיין מאָל נישט געוווּסט אין אַזאַ פאַל צי ער וועט קומען אַהיים נעכטיקן אָדער בלייבן שלאָפן ביי דעם פעבל, ווי עלזשביעטאַ האָט גערופן די גנבים. ער האָט דאָרט ערגעץ געהאַט אַ געליבטע אויך. עלזשביעטאַ האָט אויסגעקוקט סיי באָלעקן, סיי יאַשאַן. דער פּאַסיאַנס האָט נישט בלויז געזאָלט ענטפערן אויף די פראַגן פון תכלית, נאָר אויך זאָגן ווער ס'וועט אָנקומען פריער און וויפל אַ זייגער. עלזשביעטאַ האָט געהאַט אירע צייכנס. דער אייגענער קעניג, אויבער אָדער אונטער האָט נאָך יעדן מאָל טאַסן די קאָרטן געהאַט אַן אַנדערע מינע. פון די דאָזיקע געמעלעכצער אויפן פּאַפּיר האָבן אַרויסגעוווּנקען לעבעדיקע פּרצופים, פול מיט וויסן און סודות... ווען עלזשביעטאַ האָט דערהערט דאָס בילן פון דעם הונט בורעק און דאָס סקריפּען פון רעדער, האָט זי זיך אָפּגעצלמט.

hell hole. Inept at her studies, she had been taunted by her schoolmates because her father had been a smith; even her teachers had been hostile. Several times she had tried to run away, quarreled frequently with other students, and, once, after punishment, had spat in a nun's face. When her father died, Magda left the school without a diploma. Soon afterwards, Yasha hired her as his assistant.

When Magda was younger it had been said that a man in her life would drive the rash out, since it was obviously due to virginal frustration; but she had been Yasha's mistress for years and her skin was as bad as ever. Magda made no secret of the relationship with her master. Each time that Yasha spent the night at the Zbarski's, she slept with him in the wide bed in the alcove, and in the morning her mother even brought the bedded couple tea with milk. Elzbieta called Yasha "my son." In the past, Bolek, Magda's younger brother, furious at Yasha, had sworn revenge, but eventually even Bolek became accustomed to the situation. Yasha supported the family, gave Bolek money for his carousing and his gambling at cards and dominoes. Each time the drunken Bolek threatened to avenge himself upon this damned Jew who had disgraced the name of Zbarski, Elzbieta would beat her head with her fists and Magda would say, "You touch a hair of his head and both of us will die! You'll come with me to the grave. I swear it on Father's memory. . . ."

And she'd rear back and hiss and spit like a cat at a dog.

The family had sunk low. Magda tramped about with a magician. Bolek drove for the Piask thieves. They sent him with their loot to those who received stolen goods and he often slept among cut-throats. Elzbieta, on the other hand, had become a glutton. She was so huge she could barely get through the doorway. From early dawn to the last "Holy Father" before retiring, she nibbled at various delicacies: sausages with sauerkraut, cakes baked in lard, eggs fried with onions and fat drippings, or fritters filled with meat or groats. Her legs had become so heavy that she no longer went to church, even on Sundays. She would lament to her children, "We are forsaken, forsaken! Since your father, may his soul find peace in Heaven, passed away, we're nothing but dirt. . . . No one cares about us. . . ."

The neighbors said that Elzbieta had sacrificed Magda because of Bolek. Elzbieta adored him blindly, indulged his every whim, justified all his excesses, surrendered to him her last groschen. Although she no longer went to church, she still prayed to Jesus, lit candles to the saints, and genuflected before the holy images, mouthing the prayers from memory. Elzbieta was possessed by one fear—that something would happen to their benefactor, Yasha; that he might, God forbid, lose interest in Magda. The family owed its existence to his generosity. She, Elzbieta, was like a broken shard with her arthritic limbs, pain-wracked spine, the varicose veins in her legs, and the lump in her breast grown hard as a pebble—a constant worry to her lest it spread as had her mother's, may she rest in Paradise. . . .

Bolek had gone to Piask in the morning and no one could say whether he would spend the night with that rabble, as Elzbieta had branded the band of thieves. He also had a sweetheart in town. Thus, Elzbieta was expecting either Yasha or Bolek that night, and the game of Patience served not only to predict the future, but to tell her which of the two would arrive first—and at what time. Each card signified something to her. And, whenever the deck was shuffled, the same king, queen, or jack would take on another expression. The printed portraits were alive to her, knowing and mysterious. When she heard her dog, Burek, bark, and the wagon wheels rasp, she crossed herself gratefully.

יאשא האט, אפנים, פונסניי אנגעהויבן דרימלען, ווייל ווען מאגדא איז אריינגעקומען, האט ער געטאן א צאפל און זיך איבערגעוועקט, ווי־וויל די אויגן זענען געהאט געבליבן אפן. זי האט מיטגעבראכט מיט זיך א גערוך פון רומיאנעק. מאגדא איז געווען און געבליבן א שעמעוודיקע.

זי איז נאך אלץ אריין צו אים ווי א דערשראקן מיידעלע. זי האט גע־שמייכלט אין דער פינצטער און אים עפעס ווי איבערגעבעטן. זי האט זיך געלייגט נעבן אים און איז געלעגן א דארע, א קילע, אין א צו גרויס נאכט־העמד, מיט פייכטע האר. ער האט אנגעטאפט אין איר זייט די ארויסשטארצנדיקע ריפן.

— וואס איז מיט דיר? דו עסט נישט? — האט ער געמורמלט.

— יא, כ׳עס.

— דיר וואלט לייכט געווען צו פליען. וועגסט נישט מער ווי א גאנדז...

אונטערוועגנס זענען זיי געווארן היימיש, אבער נאך דעם איבער־רייס, די וואכן, וואס ער האט פארבראכט ביי אסתרן, זענען זיי געווארן אפגעפרעמדט, זיך געמוזט פונסניי באקענען. זיי זענען געווען ווי חתן־כלה אין דער נאכט פון דער חתונה. זי איז געלעגן אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און ער האט זי שטילערהייט געמוזט איינגעמען, זי זאל זיך צו אים אומקערן. זי האט זיך נאך אלץ געשעמט פאר דער מוטער און דעם ברודער. ווען ער האט ארויסגעלאזט א צו־הויכן קארך, האט זי אים ארויפגעלייגט די האנט־פלאך אויפן מויל. ער האט זי ארומגענומען און זי האט געצאפלט אין זיינע ארעמס ווי א הינדל. זי האט געשעפטשעט אזוי שטיל, אז ער האט קוים געהערט. וואס האט ער זיך געזוימט אזוי לאנג? זי, מאגדא, האט שוין געמיינט, אז ער וועט נישט קומען... דאס מוטערל גייט ארום און רעדט, רעדט... האט נאר טענות און פרעטענ־סיעס... האט נאר מורא ער זאל זיך נישט אויסזוכן קיין אנדערע... באלעק, ווידער, האט זיך אריינגעלאזט מיט די דאזיקע גנבים. ס׳איז א שאנד, א שאנד. מ׳קאן אים איינזעצן אויך. דערצו טרינקט ער צו פיל. זויפט זיך אן און מאכט אן אוואנטורע... נו, און וואס האט ער, יאשא, געטאן אזוי לאנג אין לובלין? די טעג האבן זיך געצויגן ווי פעך...

ס׳איז געווען אויסטערליש ווען דאס דאזיקע שעמעוודיקע מיידעלע איז שפעטער געווארן דערהיצט, תאווהדיק, ווי א דיבוק וואלט אין איר אריין. זי האט אים באדעקט מיט קושן. זי האט זיך אים אפגעגעבן אויף דעם שטייגער ווי ער האט זי אויסגעלערנט, — אלץ שטילערהייט, פול מיט פחד די מוטער אדער דער ברודער זאלן זיך נישט אויפוועקן. ס׳איז געווען ווי א פארבארגענע געצנדינסט, וואס ביידע האבן אפגעריכט פאר עפעס א נאכטישן אפגאט. ווי וויל מאגדא האט אין פענסיאן זיך צוגע־וווינט רעדן א שטאטישן פויליש, האט זי איצט געפליסטערט אין א פויערישן קודערוועלש, וואס יאשא האט רעכט נישט פארשטאנען. זי האט אריינגעמישט ווערטער ווילדע, אומגעלומפערטע, איבערגענומענע פון דורות פויערים. ער האט צו איר א זאג געטאן:

— אויב ס׳זאל טרעפן, אז כ׳זאל אוועק פון דיר, זיי זיכער, אז כ׳וועל זיך אומקערן. בלייב מיר טריי...

— יא, איינציקער, ביז מ׳עט מיך אויסלייגן אין דער טרומנע...

— איכ׳ל דיר אנטאן א פאר פליגל און דו וועסט פליען.

— יא, פריץ מיינער, כ׳פלי שוין איצט...

ה

אין פיאסק איז היינט געווען א יאריד. באלעק האט נאכן אנבייסן געמוזט צופארן קיין לובלין. יאשא איז אוועק קיין פיאסק צו פוס, גע־זאגט, אז ער דארף עפעס איינקויפן אין די געוועלבן. עלזשביעטא האט אים געפרווט אפרעדן, געוואלט אים האבן אויף מיטאג, אבער מאגדא האט א שווייגנדיקע צוגעשאקלט מיטן קאפ. זי האט אים קיין מאל נישט איבערגעשפארט. ער האט איר געטאן א קוש און זי האט אן אונטער־טעניקע געזאגט:

— פארגעס נישט דעם וועג אהיים...

דער מארק־טאג האט זיך געהאט געשטעלט מיט זון־שפראץ, אבער פארשפעטיקטע פויערים האבן נאך געצויגן אויפן וועג. ווער ס׳האט גע־פירט א דארע קו, גרייט צו דער שחיטה; ווער א חזיר, ווער א ציג. באבעס מיט הילצערנע רעמלעך אונטער די קאפ־טיכלעך, א סימן, אז זיי זענען באמאנטע, האבן געטראגן די סחורה אין קאנען, קרוגן, אדער אין קויבערס, איבערגעצויגן מיט ליינענע פלאכטעס. זיי האבן געלאכט צו יאשאן און אים נאכגערופן. זיי האבן נאך געדענקט די צייט ווען ער פלעגט ארומפארן מאכן קונצן איבער די דערפער. פון ערגעץ איז אנגע־פארן א פור מיט פויערישע חתן־כלה און כלי־זמר, די פערד באצירט מיט גרינע צווייגלעך און קרענצעלעך בלומען. די מוזיקאנטן האבן סיי געגרימפלט אויף קליינע פידעלעך, סיי געבלעקעכצט א לאנג־אויסגע־צויגענע מעלאדיע. פון א וואגן אנגעפאקט מיט שיקסעס ווי מיט גענדז האט זיך געריסן א ליד, וואס האט גענומען נקמה אין מאנסבילשן מין.

He apparently dozed off again, for when Magda got into bed he woke with a start although he had been lying there with his eyes open. She brought with her the odor of camomile. She was, and always had been, shy.

She came to him like a timid virgin, smiled as if apologizing. She lay down next to him—bony, icy, in a nightgown too spacious, her hair still damp from combing. He ran his hand down her emaciated ribs.

"What's the matter with you? Don't you eat?"

"Yes, I eat."

"It would be easy for you to fly. You weigh about as much as a goose."

Once they were on the road they grew quite familiar, but now after the long absence—the weeks he'd spent away from her with his wife, Esther—they had grown apart and had to reacquaint themselves. It was like a wedding night. She lay with her back to him and he had to court her silently to make her turn to him. She still felt ashamed before her mother and brother. When he made too loud a sound she placed her palm over his mouth to silence him. He embraced her and she fluttered like a pullet in his arms. She whispered to him so quietly he could barely hear her. Why had he stayed away so long? She had certainly feared he would never come again. Mother went around talking a blue streak, complaining . . . worrying about his abandoning her, Magda. Bolek was in with that pack of thieves. It was a disgrace, a disgrace. He might be thrown in jail. And he drank too much. Got drunk and went around looking for trouble. And what had Yasha been doing in Lublin all those weeks? The days had gone slowly like molasses.

It was astonishing that this shy girl could grow so passionate, as if bewitched. She showered Yasha with kisses, surrendered herself to him in all the ways he had taught her—but in silence, afraid that her brother or mother might waken. It was like a secret rite they performed before a night spirit. Although she had been taught a flawless Polish at the school, she now babbled in a rustic gibberish which he could scarcely understand; uttered words—strange, stilted, inherited from generations of peasants.

He said, "If by chance I should leave you, remember that I'll come back. Be true to me."

"Yes, beloved, until death!"

"I'll put wings on you, make you fly."

"Yes, my Lord . . . I'm flying now."

5

It was market day in Piask. Bolek had gone to Lublin right after breakfast. Yasha started out by foot to Piask, claiming that he had to make some purchases in the stores. Elzbieta tried to deter him, desiring his presence at lunchtime, but Magda stopped her with a shake of the head. She never interfered with him. He kissed her and she said, humbly, "Don't forget the way home."

The market had opened at daybreak but late-arriving peasants were still walking down the road. One led a scrawny cow ready for the slaughter, another a hog, or a goat. Women with wooden frames under their headkerchiefs—signifying married status—carried their wares in bowls, pitchers, and baskets covered with linen cloths. They laughed and called out to Yasha. They remembered his touring the villages with his act years ago. A wagon appeared and, in it, a peasant bride and groom and a band of musicians. The team was decorated with green twigs and garlands of flowers. Musicians, sawing small fiddles, chanted a long drawn-out melody. From a wagon of peasant girls jammed together like geese rose a song vowing revenge upon men:

— יא, כ׳האב איינע — האט יאשא געזאגט. ער האט געהאט א באַדערפעניש פאר עמעצן זיך אויסצורעדן. מיט זעוועלען האט ער געקאנט זיין אין גאנצן פריי. ער האט געקאנט רעדן צו איר ווי צו זיך אליין. ער האט זיך נישט געשראקן פאר איר אייפערזוכט אדער כעס. ער איז זיך באגאנגען מיט איר ווי א פריץ מיט א פויערטע. ביי זעוועלען האבן אויפגעלויכטן די אויגן. זי האט געשמייכלט צו אים מיט דעם זיס־זויערן שמייכל פון יענע, וואס ווערן באַעוולהט און ס׳פארשאפט זיי פארגעניגן.

— כ׳האב דען נישט געוווסט?... ווער איז זי, הא?

— אן אלמנה נאך א פראפעסאר.

— אן אלמנה, הא? נו, וואס?

— נו, גארנישט.

— ביסט פארליבט אין איר, הא?

— יא, א ביסל.

— אז א מאנסביל זאגט א ביסל, איז א סך. וואס איז זי? יונג? שיין?

— נישט אזוי יונג. זי האט שוין א טאכטער פון פערצן יאר.

— וועמען־זשע האסטו ליב, די מאמען אדער די טאכטער?

— ביידע.

זעוועל האט געמאכט א מינע ווי זי וואלט עפעס אראפגעשלונגען.

— ביידע קאנסטו נישט האבן, טייערער.

— דערווייל וועל איך זיך באנוגענען מיט דער מאמען.

— וואס איז דאס א פראפעסאר? אזא דאקטאר?

— ער האט געלערנט אין אוניווערסיטעט מאטעמאטיק.

— וואס איז דאס אזוינס?

— רעכענען.

זעוועל האט איבערגעטראכט א ווייל.

— כ׳האב געוווסט, כ׳האב געוווסט. מיך קאן מען נישט אפנארן. כ׳טו איין קוקעלע אויף א מאנסביל און ווייס אלץ. וואס ווילסטו טאן? מיט איר חתונה האבן?

— כ׳האב דאך א ווייב.

— ביי דיר שפילט א ראל א ווייב? ווי קומסטו עפעס צו איר?

— זי איז געווען אין טעאטער און עמיץ האט זי פאר מיר פארגעשטעלט. ניין, כ׳האב געטראפן געדאנקען און איר געזאגט, אז זי איז אן אלמנה און אלדאס איבעריקע.

— פון וואנען האסטו געוווסט?

— דאס איז מיין סוד.

— נו, וואס ווייטער?

— זי האט זיך אין מיר איינגעליבט. זי וויל אלץ איבערלאזן און אוועק קיין אויסלאנד.

— גלאט אזוי אוועק?

— זי וויל חתונה האבן.

— מיט א ייד?

— זי וויל כ׳זאל מיך א קאפעלע אונטערשמדן.

— א קאפעלע, הא? וואס טויג דיר דאס אויסלאנד?

יאשאס פנים איז מיט א מאל געווארן ערנסט.

— וואס האב איך דא? כ׳מאך שוין די קונצן פינף און צוואנציק יאר און כ׳בין נאך אלץ אן ארעמאן. ווי לאנג קאן איך נאך אזוי גיין אויף דעם שטריק? העכסטנס נאך צען יאר. אלע לויבן מיך, נאר צאלן וויל מען נישט. אין אויסלאנד שאצט מען אפ אזוינע ווי איך. פאראן דארט איינער, וואס קאן בלויז עטלעכע קונצן און ער איז רייך און בארימט. ער קומט אין קעניגלעכע הויפן. ער פארט אין קארעטעס. אין פוילן אליין וואלט מען מיך אנדערש אויפגענומען ווען מ׳אנערקענט מיך אין מערב־אייראפע. דו פארשטייסט וואס איך רעד, אדער נישט? דא מאכט מען אלץ נאך די גרויסע מדינות. אזוי ווי יענע שפילן, אזוי טאנצט מען דא. דא אן אפערע־זינגער מעג קרייען ווי א האן, נאר אויב ער האט געזונגען אין איטאליע, קלאפן אלע בראוואָ.

— נו, אבער דו מוזסט זיך שמדן.

— וואס איז שמדן זיך? דו צלמסט זיך אפ און מ׳באגיסט דיך מיט א ביסל וואסער. פון וואנען ווייס איך וועלכער גאט ס׳איז דער ריכטיקער? אין הימל איז קיינער נישט געווען. כ׳גיי נישט דאווענען סיי־ווי־סיי.

— אין קלויסטער וועסטו שוין גיין.

— אין אויסלאנד קוקט מען נישט נאך. כ׳בין א קונצנמאכער, נישט א גלח. ס׳איז ארויסגעקומען א נייע מאדע: מ׳לעשט אויס די לאמפן און מ׳רופט ארויס שדים. מ׳זעצט זיך אוועק ביי א טישעלע, מ׳לייגט ארויף די הענט און דאס טישעלע הייבט זיך. אלע צייטונגען זענען פול דערמיט.



"Yes, there is a new one," Yasha said. He needed to talk to someone. With Zeftel, he felt as uninhibited as with himself. He feared neither her jealousy nor her wrath. She yielded to him as a peasant girl to a squire. Her eyes began to sparkle. She smiled the bitter smile of those who are wronged and take pleasure in this.

"Didn't I know it? Who is she?"

"A professor's widow."

"Widow, eh? Well, well."

"Well nothing."

"Are you in love with her?"

"Yes, a little."

"If a man says 'a little,' he means a whole lot. What is she—young? Pretty?"

"Not so young. She has a daughter of fourteen."

"Which one is it you love, the mother or the daughter?"

"Both."

Zeftel's throat moved, as if she had swallowed something. "You can't have both, brother."

"For the present, I'll be satisfied with the mother."

"What's a professor like—a doctor?"

"He used to teach mathematics at the university."

"What's mathematics?"

"Figuring."

She thought it over for a moment. "I knew it, I just knew it. Me, you can't fool. One look at a man and I can tell everything. What do you want to do, marry her?"

"But I have a wife already."

"What can a wife mean to you? How did you meet her?"

"She was at the theater and someone introduced us. No, I was mind-reading and I told her that she was a widow and the rest of it."

"How did you know that?"

"That's my secret."

"Well, what else?"

"She fell in love with me. She wants to leave everything behind and go abroad with me."

"Just like that?"

"She wants to marry me."

"A Jew?"

"She wants me to convert a little. . . ."

"Just a little, eh?—Why do you have to leave the country?"

Yasha's face grew suddenly grim. "What do I have here? For twenty-five years I've been doing my act and I'm still a pauper. How much longer can I keep walking the tightrope? Ten years at the most. Everyone praises me but nobody wants to pay. In other countries they appreciate somebody like me. There a fellow who knows only a handful of tricks is rich and famous. He performs before royalty, travels about in a fancy carriage. I'd be treated differently even here, in Poland, if my name became famous in Western Europe. Do you understand what I'm saying to you? Here, they imitate everything from abroad. An opera singer can screech like an owl, but if he has sung in Italy, everyone shouts: 'Bravo!'"

"Yes, but you'd have to convert."

"What of it? You cross yourself and they sprinkle you with water. How do I know which God is the right one? No one's been up to Heaven. I don't pray anyhow."

"Once you're a Catholic, you'll pray, all right."

"Abroad, no one pays any attention to it. I'm a magician, not a priest. —You know, there is a new fad now. The lights are put out and you call up the spirits of the dead. You sit around a table with your hands on top of it and the table rises. All the newspapers are full of it."

— אמתע שדים ?

— זיי נישט קיין נאר. דער קונצנמאכער מאכט דאס אלץ. ער שטעקט ארויס א פוס און הייבט אונטער ס׳טישעלע. ער קלאפט מיטן גראבן פינגער אין שוך און ס׳הייסט, אז די גייסטער גיבן סיגנאלן. די גרעסטע גבירים קומען אהין, דער עיקר — פרויען. ביי עמעצן שטארבט א זון און מ׳וויל אפנעמען פון אים א גרוס. מ׳גיט דעם קונצנמאכער געלט און יענער ברענגט ארויס זיין גייסט.

זעווטלס אויגן זענען געווארן קיילעכדיק.

— אויף אן אמת ?

— לאך דיך אויס.

— אפשר איז דאס כישוף ?

— זיי קאנען נישט קיין כישוף.

— מ׳האט מיר געזאגט, אז אין לובלין איז דא איינער, וואס ווייזט ער טויטע אין א שווארצן שפיגל. מ׳האט מיר געזאגט, אז כ׳קאן דארט זען לייבושן.

— נו, פארוואס ביסטו נישט געגאנגען ? מ׳עט דיר ווייזן א מאלאוואנקע און מ׳עט דיר זאגן, אז ס׳איז לייבוש.

— עפעס ווייזן זיי.

— א גוטע קרענק — האט יאשא געענטפערט, דערשטוינט, וואס ער טענהט זיך אויס מיט זעווטלען וועגן אזוינע ענינים. — כ׳קאן דיר ווייזן אין שפיגל וועמען דו ווילסט, אפילו דיין עלטער־באבע.

— ס׳איז נישטא קיין גאט, הא ?

— ס׳איז דא, אבער קיינער האט מיט אים נישט גערעדט. ווי קאן גאט רעדן ? וועט ער רעדן יידיש, וועלן די גוים נישט פארשטיין. וועט ער רעדן פראנצויזיש, וועלן די ענגלענדער האבן טענות. אין דער תורה שטייט, אז ער האט גערעדט לשון־קודש, אבער כ׳בין נישט געשטאנען דערביי. שדים זענען אויך דא, אבער א קונצנמאכער קאן זיי נישט ארויסרופן.

— וו איז די נשמה ? אוי, כ׳האב מורא !

— וואס האסטו מורא ?

— כ׳ליג אליין ביי נאכט און קאן נישט צוטאן קיין אויג. אלע טויטע קומען מיר פאר די אויגן. כ׳האב געזען ווי מ׳האט אריינגעלייגט די מאמען אין קבר. אין גאנצן ווייס. צו וואס לעבט מען, הא ? כ׳בענק נאך דיר אויך. יאשעלע, כ׳וויל דיר נישט געבן קיין עצות, אבער די גויע וועט דיך פארשלעפן אין דר׳ערד אריין.

יאשא האט זיך אנגעשפיצט.

— פאר וואס עפעס ? זי האט מיך ליב.

— ס׳טויג נישט. קאנסט אלץ טאן, נאר א ייד בלייב. וואס וואלט געווארן פון דיין ווייב, הא ?

— וואס וואלט געווארן ווען כ׳פגר ? דער מאן שטארבט אפ און פיר וואכן שפעטער לויפט ס׳ווייבעלע צו דער חופה. זעווטל, דיר קאן איך אלץ זאגן. פאר דיר בין איך אן אפענער איין־און־דרייסיק, כ׳וויל נאך א הוליע טאן.

— וואס וועט זיין פון מיר, הא ?

— אז איכ׳ל זיין רייך, וועל איך דיך אויך געדענקען.

— ניין, וועסט פארגעסן. אזוי ווי דו טרעטסט איבער די שוועל, אזוי האסטו שוין פארגעסן. מיין נישט, אז כ׳בין אייפערזיכטיק. די ערשטע פאר וואכן האב איך געצאפלט. כ׳בין גרייט געווען דיר די פיס צו וואשן און ס׳וואסער צו טרינקען. אבער אז כ׳האב דיך דערקאנט, האב איך געזאגט: זעווטל, ס׳איז א שאד דיין צאפלען. כ׳בין נישט קיין געלערנטע פרוי און קאן נישט — ווי הייסט עס דארט ? — אבער א קאפ אויפן קארק האב איך. כ׳טראכט א סך. ס׳קומען מיר פאר אלערליי געדאנקען. טייל מאל, אז דער ווינט נעמט פייפן אין קוימען, ווערט מיר עפעס אזוי קאלעמוטנע. ס׳ווילט זיך מיר אנטלויפן ערגעץ אין די ווייטע לענדער. טייל מאל טראכט איך אפילו, אז דער לייבוש איז געווען גערעכט. מ׳איז אים דערגאנגען די יארן. העלף מיר אנטלויפן, יאשעלע, ווען נישט וועל איך שטארבן. כ׳וויל נישט ליגן אין פיאסק, דו הערסט צי נישט ? כ׳וויל נישט די גנבים זאלן קומען צו מיר אויף קבר־אבות... וועסט מיר נישט גלייבן, יאשעלע, נאר אנומלט האב איך געוואלט מאכן אן עק.

— פאר וואס עפעס ?

— אזוי. ס׳איז מיר געווען נודנע און דא זע איך א שטריקל. כ׳טו א קוק און זע א האק אויפן בעליק. אט טאקע דער האק ביים לאמפ. כ׳שטעל מיך ארויף אויפן פיסנבענקעלע און ס׳פאסט צו דער האר. כ׳האב אנגעהויבן לאכן.

— וואס איז ס׳געלעכטער, הא ?

— אזוי. טוסט איין צי מיטן שטריקל און ס׳איז אויס... יאשעלע, נעם מיך מיט קיין ווארשע.

— וואס וועסטו טאן מיט די זאכן ?

— כ׳על אלץ פארקויפן. זאלן זיי כאפן א מציאה.

— וואס וועסטו טאן אין ווארשע ?

— האב נישט קיין מורא. כ׳על מיך אויף דיר נישט ארויפלייגן. כ׳על ערגעץ גיין ווי יענע באביצע פון מעשה־ביכל. כ׳על מיך אוועקשטעלן ביי א שוועל און זאגן: דא בלייב איך. וואשן וועש און נאכטראגן דער באלעבאסטע דעם קויבער קאן מען אומעטום...

"Real spirits?"

"Don't be ridiculous. The medium does it all. He sticks out his foot and raises the table. He clicks his big toe and that means the spirits are sending messages. The wealthiest people attend these seances, especially the women. Let's say someone's son dies and they wish to communicate with him. They give the medium money and he produces the son's ghost."

Zeftel's eyes grew big. "Really?"

"Silly."

"Maybe it's black magic?"

"They don't know any black magic."

"I was told there is a man in Lublin who can show the dead in a black mirror. They say I could see Leibush there."

"Then why don't you go? They'll show you a picture and tell you it's Leibush."

"Well, they do show you something."

"Idiotic," Yasha said, amazed that he should be discussing such matters with someone like Zeftel. "I can show you whomever you like in the mirror, even your grandmother."

"There is no God, is that it?"

"Of course there is, but no one has spoken with Him. How could God speak? If He spoke in Yiddish, the Christians wouldn't understand; if He spoke French, the English would complain. The Torah claims that He spoke in Hebrew but I wasn't there to hear it. As for spirits, they also exist, but no magician can conjure them up."

"And what of the soul? Oh, I'm afraid."

"Afraid of what?"

"At night I lie down and I can't close my eyes: All the dead parade before me. I see how they put Mama into the grave. All white she is . . . Why do we live anyhow? I miss you so much, Yashale! I don't want to be offering advice, but that gentile will drag you down to hell."

Yasha bristled. "Why should she? She loves me."

"It's no good. You can do anything you like but you must remain a Jew. What will become of your wife?"

"What would she do if I were to die? The husband dies and four weeks later the woman rushes to stand under the wedding canopy again. Zeftel, I can be frank with you. There are no secrets between us. I want to have another fling."

"What about me?"

"If I become rich, I'll not forget you either."

"No, you'll forget. The minute you step over the threshold, you'll have forgotten already. Don't think that I'm jealous. When I first knew you, I tingled. I would have washed your feet and drunk the bathwater. But when I knew you better, I told myself, 'Zeftel, it's a waste—all this trembling.' I'm not an educated woman and don't know much, but I've got a head on my shoulders. I do a lot of thinking and I get all kinds of ideas. When the wind whistles through the chimney I get very moody. You won't believe me, Yashale, but recently I even thought of suicide."

"Why that of all things?"

"Just because I was tired and there was a rope nearby. I saw a hook on the beam. This very hook by the lamp. I climbed up on the footstool and it fit to a hair. Then I began to laugh."

"Why?"

"For no reason at all. You yank the rope and it's all over . . . Yashale, take me to Warsaw."

"What about the furniture?"

"I'll sell everything. Let somebody get a bargain."

"What will you do in Warsaw?"

"Don't worry, I won't sponge off you. I'll go off like that beggar-woman in the story. I'll stop at some door and say, 'Here I stay.' One can do laundry and carry baskets anywhere."

ביסלעכווייז זענען זיך אַלע צונויפגעקומען: מענדעלע ביילִיק, יאָסעלע דייטש־פּורים, לייזערל קראַצמיך. אַ שישקע ביי די גנבים איז לעצטנס געהאַט געוואָרן בעריש וויסאָקער, אַ פּיצעלע מענטשעלע מיט לויפנדיקע אייגעלעך, מיט אַ שפּיציק קעפּל אָן האָר, אַ שפּיציקער נאָז, אַ שפּיציק גאָמבעלע, מיט צוויי לאַנגע הענט ווי אַ מאַלפּע. בעריש וויסאָקער איז געקומען אַהער פון גרויס־פּוילן, פון דעם אייגענעם קאַנט, וואָס זעווטל. ער האָט זיך געקליידט ווי אַ פּאַצעט: אין קאָלירטע הויזן, געלע שיך, סאַמעטענע וועסטלעך, אויסגעהאַפּטענע העמדלעך. אויפן פּליך־קאַפּ איז אַלע מאָל געזעסן אַ יעגער־קאַפּעליוש מיט אַ פּעדערל. די קנאַפּלען פון די שטיוועלעטן זענען געווען הויכע, אים צוצוגעבן וווּקס. בעריש האָט געהאַט אַזאַ געלענק, אַז ער האָט געקאָנט ביי אַ גנב אַרויסלאַטכענען דעם זייגער פון וועסטל־קעשענע. ער האָט גערעדט רוסיש, פּויליש, דייטש, זיך געקאָנט מיט נאַטשאַלסטווע, געווען מער מאַכער ווי גנב. ער איז מיט יאָרן צוריק געהאַט אַריינגעפאַלן אין חד־גדיא, אָבער נישט פאַר אַ משא־ומתן, נאָר פאַר אָפּדאַצן אַ פּריץ אין אַ שפּיל וואָס מ'רופט: קייטעלע. אַזוי ווי דער בלינדער מעכל איז געווען אַ מאַדים אין שלעסער, אַזוי האָט בעריש וויסאָקער געקאָנט אַלערליי פּאַרטלען מיט קאָרטן. אָבער צו יאַשאָן האָט ער זיך אַלץ נישט געקאָנט גלייכן. יאַשאַ האָט אים אַלע מאָל געוויזן טריקס, וואָס בעריש וויסאָקער האָט נישט געקאָנט דערגיין. בעריש וויסאָקער האָט איצט געהאַט אין די קעשענעס עטלעכע פּעשלעך קאָרטן, מאַרקירטע און נישט מאַרקירטע. בעריש וויסאָקער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַן אומרו, ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויף קיין בענקל. אַלע זענען געזעסן אַרום טיש, אָבער בעריש וויסאָקער האָט זיך געדרייט אויף איין אָרט ווי אַ חיה אין שטייג, אָדער ווי אַ וואָלף, וואָס פּרוּווט אָנכאַפּן דעם אייגענעם עק. ער האָט אָנגעשפּיצט דאָס קעפּל, געוואָרפן ווערטער אין דער קרום.

— ווען וועסטו אָן אונדזעריקער, האַ? — האָט ער אַריבערגעשריגן צו יאַשאָן מיט אַ פאַנפעדיק שטימעלע. — קלאַפּ איין און ווער אַ נאַש בראַט!...

— צו וואָס? כ'זאָל פוילן אין קיששימעט?

— אַז מ'איז נישט קאַ' יאָלד, עסט מען אין סוכה.

— נו, קאַ' צוואַניאַק טאָר מען נישט זיין — האָט זיך אָנגערופן דער בלינדער מעכל. — יעדער איינער קאָן אַריינפאַלן.

— מ'דאַרף וויסן ווי דער הלוך ילכ'ט — האָט בעריש וויסאָקער געשליידערט די ווערטער.

יאַשאַ האָט זיך ווויל אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ער טאָר דאָ נישט בלייבן זיצן צו לאַנג. עלזשביעטאַ עקט זיך פון אומגעדולד. מאַגדאַ וואַרט אויף אים. דער באָלעק טראָגט אויף אים אַ שנאה, זוכט נאָר אַ געלעגנהייט אויף אים צו העצן. אָבער יאַשאַ האָט פאָרט נישט געקאָנט אַוועקגיין. מ'האָט אים דאָ געקאָנט פון קינדוווייז אָן. מ'האָט דאָ צוגעזען ווי ער איז געשטיגן פון אַ יינגל ביי אַ בערן־טרייבער ביז אַן אַרטיסט אין פּוילישן טעאַטער. מאַנסלייט האָבן אים געקלאַפּט אין פּלייצע. די בלאַטע מיידן האָבן זיך צו אים געחנדלט. מ'איז געקומען צו אים ווי צו אַ רבין. ער האָט אַלע מאָל מיטגעבראַכט פּאַפּיראָסן, ציגאַרן. ער האָט דאָ אויך געהאַט עטלעכע געוועזענע געליבטע, וואָס ווי וויל זיי זענען שוין איצט כשרע ווייבער, מאַמעס פון קינדער, האָבן זיי זיך איבערגעקוקט מיט אים מיט אַ ווינקעניש, געשמייכלט פון די אַמאָליקע שטיפעריִען. מיט דער זעווטלען האָט ער אַ צייט זיך געהיטן, אָבער זי האָט אַליין געהאַט צעפּויקט דעם סוד. פאַר אַזאַ שטיק געהינטעכץ איז אַפילו אַ כבוד צו זיין אַ הור...

פריִער האָט מען געפּלאַפּלט פון זייטיקע זאַכן. וואָס הערט זיך אויף דער וועלט? ווען וועט ווידער ווערן אַ מלחמה מיטן טערק? וואָס פאַרלאַנגען די בונטאַרן, יענע וואָס וואַרפן באָמבעס, ווילן הרגענען דעם קייסער, רופן אַרויס סטרייקן אויף די באַנען? און וואָס טוט זיך דאָס אין דעם ארץ ישראל? ווער זענען דאָס די אפּיקורסים, וואָס פאָרן אַהין טריקענען זומפּן און בויען קאָלאָניעס? יאַשאַ האָט אַלץ אויפגעקלערט. ער האָט אין וואַרשע געלייענט אַלע צייטונגען, אויך די „איזראַעליטאַ“. ער האָט אַפילו אַריינגעקוקט אין אַ העברעיִשן גאַזעט, כאָטש ער האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען. דאָ, אין פּיאַסק, איז מען געזונקען אין געמויזעכץ, אָבער אויף דער וועלט האָבן זיך אָפּגעטאָן זאַכן. פּרייסן איז געוואָרן אַ שטאַרקע מלוכה. די פראַנצויזן האָבן פאַרכאַפּט שטיקער אַפריקע, וווּ ס'וווינען די שוואַרצע מענטשן. אין ענגלאַנד האָט מען געבויט שיפן, וואָס קאָנען אין צוועלף טעג דורכשווימען דעם ים קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע אַליין זענען באַנען געלאָפן איבער די דעכער און מ'האָט אויפגעשטעלט אַ געביי פון דרייסיק שטאָק. אַפילו וואַרשע איז געוואָרן פון יאָר צו יאָר גרעסער און שענער. מ'האָט אַראָפּגעריסן די הילצערנע טראָטואָרן, דורכגעפירט קאַנאַליזאַציע. יידישע קינדער זענען געגאַנגען אין די רוסישע גימנאַזיעס, אַוועק שטודירן אין די אויסלענדישע אוניווערסיטעטן...

Eventually, they were all there: Mendele Katshke, Yosele Deitch, Lazerel Kratzmich. Their current leader was one Berish Visoker, a tiny fellow with shifty eyes, a pointed, bald head, sharp nose and chin, and long arms like an ape. Berish Visoker, like Zeftel, came from Greater Poland. He dressed foppishly, with his colored trousers, yellow shoes, velvet vests, and embroidered shirts. A hat with a feather in it was always on his head. Especially high heels on his boots added to his stature. Berish was so skillful that he could steal a watch from a pickpocket. He knew Russian, Polish, and German, and was on good terms with the authorities, was, in fact, less thief than grafter and intermediary. Years ago he had served a prison term, not for theft but for having cheated a nobleman at a card game known as "Little Chain." Berish Visoker was as sharp at cards as Blind Mechl was at locks. But he was no match for Yasha. Yasha always showed Berish new tricks that baffled him. Even now he had several packs of cards in his pocket, both marked and unmarked. Berish was notoriously restless. He could not stay in a chair. While everyone else sat around the table, he wriggled like a caged animal, or a wolf trying to bite his own tail. He cocked his head and spoke out of the side of his mouth. "When will you become one of us, eh?" he asked Yasha in his nasal tones. "Clasp my hand and join the brotherhood."

"And rot in jail?"

"Keep your wits about you and you skim the cream right off the top."

"Well, you can't be too smart," called out Blind Mechl. "Anybody can get caught."

"All you have to know is how the wind is blowing," Berish Visoker shot back.

Yasha knew well that he must not linger. Elzbieta would be bursting with impatience for him to return. Magda, also, expected him. Bolek despised him, and only sought an excuse such as this to destroy him. But Yasha couldn't just walk out. He had known these people since childhood. They had seen his progress from a bear-trainer's assistant to a star in the Polish theater. The men clapped him on the back, the women flirted with him. They all admired him as a master. He doled our cigars, cigarets. There were also several former sweethearts of his in the crowd, who, although respectably married now and mothers, looked at him coquettishly, grinning reminiscently. Although he had at first been discreet with Zeftel, she herself had revealed their relationship. For such a trollop, a lover was something to advertise.

At first, they gossiped about current events. What was new in the world? When would war start with Turkey again? And what did those rebels want, who threw bombs, tried to assassinate the Czar, and called strikes against the railroads? What was new in Palestine? Who were these heretics who built colonies in the dried-out swamps? Yasha explained everything. He read all the Warsaw newspapers as well as the *Israelita*. He even glanced at the Hebrew gazette although he did not understand the modern expressions. Here in Piask the citizens squatted like toads on a tree-stump, but out in the world things were happening fast. Prussia had become a powerful nation. The French had annexed parts of Africa—where the black people lived. In England, ships that could cross the ocean in ten days were being built. In America, trains ran right over the rooftops and a building thirty stories high had been erected. Even Warsaw grew larger and more beautiful each year. The wooden sidewalks had been torn up, inside-plumbing installed; Jewish children were permitted to attend the gymnasia and go abroad to study at foreign universities.

די גנבים האָבן זיך צוגעהערט, געקראַצט די קעפּ. די ווייבלעך האָבן זיך איבערגעקוקט, זיך גערויטלט. יאַשאַ האָט דערציילט וועגן דער „שוואַרצער האַנט" אין אַמעריקע. מ'שיקט אונטער אַ מיליאָנער אַ בריוועלע און מ'חתמעט אונטער מיט אַ שוואַרץ הענטל. שיק אַזוי פיל און אַזוי פיל דאָלאַרן, ווען ניט, קריגסטו מיט אַ קנידל אין קאָפּ. דער מיליאָנער קאָן האָבן טויזנט לייב־וועכטער — אויב ער שטעלט נישט צו די ממתקים, גייט ער ליוליו... בעריש וויסאָקער האָט מיט אַ מאָל איבערגעריסן:

— מ'קאָן עס דאָ אויך טאָן.

— וועמען וועסטו שיקן אַזאַ בריוועלע? טרייטל וואַסער־טרעגער?

און די גנבים האָבן זיך צעלאַכט און פונסניי פאַררויכערט די פאַרלאָשענע פּאַפּיראָסן.

The thieves listened, scratching their heads. The women, their faces flushed, traded glances. Yasha told them of the Black Hand Society in America. He related how they sent a note signed with a black hand to a millionaire: Send this many dollars or you'll get a bullet in your head. Even if the millionaire had a thousand bodyguards, if he didn't pay the ransom he was murdered.

Berish Visoker suddenly interrupted, "It can be done here, too."

"And who will get the letter, Treitel the Water-carrier?"

The thieves laughed loudly and relit their burnt-out cigarets.

## ב

דער בלינדער מעכל האָט מער נישט געקאָנט וואַרטן. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— יאַשאַ, כ'האָב דאָ אַ שלאָס.

יאַשאַ האָט געטאָן אַ ווונק.

— כ'ווייס, כ'ווייס. ווייז אַהער ס'שלח־מנות.

ער האָט באַדעכטיק אָפּגעוויקלט דאָס פּאַפּיר. ס'איז אינעווייניק געלעגן אַ ריזיקער שלאָס, מיט קלאַמערס, מיט נאָכהענגעכצער. יאַשאַ איז מיט אַ מאָל געוואָרן האַפּעדיק. ער האָט גענומען קוקן אויף דעם שלאָס מיט שיקלדיקע אויגן און מיט יענער קאָמעדיאַנטישער מינע פון פאַרלעגנהייט און חוזק, וואָס האָט אַלע מאָל אַרויסגערופן געלעכטער, אַלץ איינס צי אין אַ שענק צווישן פויערים, אָדער אין דעם וואַרשעווער זומער־טעאַטער „אַלהאַמבראַ". ער איז אין איין רגע געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. ער האָט געשכוצערט מיט די ליפּן, גערדרייט מיט דער נאָז, אַפילו קונציק אַ שאָקל געטאָן מיט די אויערן. די ווייבלעך האָבן גלייך גענומען כיכען.

— ווו האָסטו פאַטשאָפּעט אַזאַ קאַקעמייקע?

— ווייז בעסער וואָס דו קאָנסט — האָט דער בלינדער מעכל גערעדט האַלב ברוגז.

— אַזאַ כלי קאָן אַפילו גאָט אַליין נישט עפענען — האָט יאַשאַ זיך געחכמהט. — דאָס, אַז מ'סוגרט, איז לעולם־ועד. נאָר אויב מ'עט מיר פאַרבינדן די אויגן, וועל איך עס בלינדערהייט פּתיחהנען. אפשר ווילסטו דיך וועטן, האַ? כ'שטעל צען רובל אויף דיין איינעם.

— געמאַכט אַ געשעפט.

— ריבאַ פּיש, געלט אויפן טיש — האָט זיך אָנגערופן חיים לייב.

— מ'דאַרף נישט קיין געלט. כ'געטרוי אים.

— קינדער, בינדט מיר צו די אויגן! — האָט יאַשאַ אַ זאָג געטאָן. — נאָר מאַכט אַזוי, כ'זאָל נישט קאָנען קוקן.

— איכ'ל דיר פאַרבינדן מיט מיין שערצל — האָט אַ זאָג געטאָן די קליינע מלכהלע, אַ ווייבל מיט רויטע האָר, פון הינטן אַרומגעבונדן מיט אַ פאַטשיילע. מלכהלעס מאַן איז געזעסן אין יאַנאָווער קרימינאַל. זי האָט אַראָפּגענומען דאָס שירצל פון די לענדן, זיך אוועקגעשטעלט הינטער יאַשאַן, גענומען אים פאַרבינדן די אויגן. זי האָט אים דערביי געקיצלט מיט די פינגער צווישן די אויערן. אַזוי ווי דאָס אַלץ האָט זיך געטאָן, איז יאַשאַ געזעסן אַ פאַרשוויגענער. וואָס האָבן זיי דאָרט אַריינגעפּאַקט אין דעם געווערק? — האָט ער געקלערט. ווי וויל ער איז געווען ביי זיך זיכער, האָט ער באַנומען, אַז עס קאָן אַלע מאָל געשען אַ מכשול. איין שלאָסער האָט אים אַמאָל געהאַט געמאַכט אַ שלאָס, וואָס קיין שום שליסל אָדער וויטרע האָט נישט געקאָנט עפענען. אַלץ איז אינעווייניק געווען צונויפגעשמאָלצן. מלכהלע האָט געהאַט איינגעלייגט דאָס ריפּסענע שירצל עטלעכע מאָל. זי האָט פאַרבונדן שטאַרק, מיט אַ כוח, וואָס האָט גאָרנישט געפּאַסט פאַר אירע קליינע הענטלעך. נאָר ווי אַלעמאָל אין אַזוינע פאַלן איז געבליבן צווישן די אויגן און דער נאָז אַ חלל, וואָס מ'האָט געקאָנט דורך אים דורכקוקן. אָבער ער, יאַשאַ, האָט גאָרנישט געדאַרפט דורכזען. ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַ שטיקל גראָבע דראָט מיט אַ שפּיץ. דאָס איז געווען זיין נאָכשליסל צו אַלע שלעסער. ער האָט עס פריִער געוויזן דעם עולם. דערנאָך האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צום שלאָס. צוערשט האָט ער אים באַטאַפּט פון אויסנווייניק, ווי אַ דאָקטאָר, וואָס איידער ער לייגט צו דעם קראַנקן דאָס טרייבל צו דער ברוסט קלאַפּט ער אים קודם אויס. דערנאָך האָט יאַשאַ אויסגעזוכט דאָס לעכל, אַריינגעשטעקט דעם שפּיץ דראָט, — אַלץ אומגעזען. אינעווייניק האָט ער די דראָט אויסגעבויגן אַזוי, אַז זי זאָל אַריינדרינגען טיפער, אָנטאַפּן דאָס איינגעווייד. ער האָט אַ ווייל גענישטערט, געגראָבלט. ער האָט געשטוינט פון זיין אייגענער געניטשאַפט. דאָס שטיקל דראָט האָט אים אויסגעזאָגט אַלע סודות, אים איבערגעגעבן אַלע שפּיצלעך, וואָס די לובלינער יאַ־טעביע־דאַמס האָבן אַריינגעלייגט אין דעם שלאָס. ס'איז כלומרשט אַלץ געווען פאַרוויקלט, אָבער דערביי קינדיש־איינפאַך. ווי די רעטעניש, וואָס ייִנגלעך פרעגן אין חדר.

## 2

Blind Mechl could not wait. He said, "Yasha, I want to tell you something."

Yasha winked. "I know, I know, show me the bargain."

Mechl unwrapped the paper slowly, revealing a huge lock, complete with clamps and appendages. Yasha instantly grew light-hearted. He began to examine the lock with the crossed eyes and comical mien of bewilderment and mockery which had always brought laughter from a tavern full of peasants as well as from the audience of the Warsaw summer theater, Alhambra. In one second he had become transformed. He hissed, wriggled his nose, even artfully waggled his ears. The women giggled.

"Where did you dig up this contraption?"

"Better show what you can do," Blind Mechl said, half in anger.

"God, Himself, couldn't open such a sealed chamber-pot," Yasha jested. "Once you put a peter like this together, it is finished. But if you blindfold me, I'll jimmy it open with my eyes shut. Maybe you'd like to bet on it, eh? Suppose I put up ten rubles to your one."

"Done."

"Put your money where your mouth is," Chaim-Leib shouted.

"We don't need money. I trust him."

"Children, blindfold me!" Yasha said, "but do it so I can't see a thing."

"I'll blindfold you with my apron," said Small Malka, a woman with red hair tied up in back by a kerchief. Her husband was serving time in the Yanov penitentiary. She undid the apron from her waist and, standing behind Yasha, bound his eyes. Meanwhile, she tickled him between the ears with her forefinger. Yasha remained silent.

"What have they put into the mechanism?" he wondered. Although confident as ever, he conceded the possibility of failure. A locksmith had once made a lock for him that no key or jimmy could open. Everything inside had been welded together. Malka folded the alpaca apron several times and knotted it firmly, powerfully, despite her small hands; but, as usual, between the eye and the bridge of the nose there was a space through which he could see. Yasha, nevertheless, did not need to see. He drew from his pocket a thick piece of wire with a sharp point. This was his skeleton key for all locks. He displayed it to the group before turning to the lock. Now he tapped the lock from outside like a doctor tapping his patient with a stethoscope. Still blindfolded, he located the keyhole and inserted the point of the wire. Once within, he worked the wire so that it kept penetrating deeper, reaching to the lock's entrails. For a while he probed and burrowed. He marveled at his own competence. That piece of wire revealed all the secrets, all the wiles that the Lublin experts had incorporated into the lock. Complex as it seemed, it was as childishly simple as the riddles schoolboys ask each other in

געטראָפן איינס, האָט מען געטראָפן אַלע. יאַשאַ האָט גלייך געקאָנט עפענען דעם שלאָס, אָבער ער האָט נישט געוואָלט פאַרשעמען דעם בלינדן מעכל. ער האָט געשפּילט אַ קאַפּעלע טעאַטער. — ע, דאָס איז אַ האַרטע נוס! — האָט ער געמורמלט. — וואָס האָבן זיי דאָרט אַריינגעפלאָכטן? עפּעס אַזויפיל ציינגעלעך און קלעפּקעס, אַ גאַנצע מאַשין!... ער האָט זיך געפּאָרעט, געשטאָרכעט מיט דער דראָט. ער האָט געהויבן די אַקסלען ווי צו זאָגן: כ'הייב נישט אָן צו וויסן וואָס מ'טוט דאָ!... צווישן עולם איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מ'האָט געהערט ווי חיים לייב

שנאָרכט מיט דער צעבראָכענער נאָזניע, וואָס איז פול געווען מיט פּאָליפּן. עטלעכע ווייבלעך האָבן זיך געשושקעט און געכיכעט. יאַשאַ האָט איצט גערעדט די רייד, וואָס ער האָט שוין גערעדט אַ סך מאָל, ביי אומצאָליקע פאָרשטעלונגען.

— אַ שלאָס איז ווי אַ נקבה. פריִער אָדער שפּעטער מוז זי נאָכגעבן.

צווישן די ווייבער איז געוואָרן אַ געלעכטער.

— נישט אַלע נקבות זענען גלייך.

— מ'דאַרף בלויז האָבן געדולד.

— דו פאַררעד נאָר נישט די ציין! — האָט דער בלינדער מעכל אַ זאָג געטאָן האַלב האַספּערדיק.

— יאָג מיך נישט, מעכל. דו האָסט דיך געפּאַטשקעט מיט דעם קוילעטש אַ האַלב יאָר. האָסט אין אים אַריינגעלייגט דעם טאַטן מיט דער מאַמען. כ'בין נישט משה רבנו...

— ס'גייט נישט, האַ?

— ס'עט גיין, ס'עט גיין. מ'דאַרף נאָר טאָן אַ קוועטש ביים פּופּיק...

אין דער רגע איז דער שלאָס אויפגעשפּרונגען. ס'איז געוואָרן אַ געלעכטער, אַ געשריי, אַ פּאַטשעניש. יאַשאַ האָט אַ זאָג געטאָן:

— מלכהלע, בינד מיך אויף!

און מלכהלע האָט מיט ציטערדיקע פינגער אָפּגעבונדן דאָס שירצל. דער שלאָס איז געלעגן אויפן טיש עפּעס ווי אַ לעפּישער און פאַרשעמטער. אַלעמענס אויגן האָבן געלאַכט, אָבער דעם בלינדן מעכלס איין אויג איז געבליבן שטאָק־ערנסט.

— ביסט אַ כישוף־מאַכער, — איז מיין נאָמען נישט מעכל!...

— יאָ, כ'האָב געלערנט כישוף אין בבל. כ'קאָן מאַכן, אַז דו און מלכהלע זאָלן ווערן צוויי קראָליקעס.

— וואָס ווילסטו פון מיר? מיין מאַן דאַרף אַ ווייב, נישט אַ קראָליק.

— וועסט צו אים אַריינשפּרינגען דורך די קראַטן...

יאַשאַ האָט זיך אַליין געשעמט, וואָס ער זיצט דאָ מיט דער דאָזיקער שייקע גנבים. ווען עמיליאַ ווייסט מיט וועמען ער פאַרברענגט! זי רופט אים מייסטער, גאָט־געבענטשטער קינסטלער. ער שמועסט מיט איר אין

סאַלאָן וועגן רעליגיע, פילאָזאָפיע, דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. ער ציטירט פאַר איר די קלוגע רייד פון תלמוד. זיי דיסקוטירן וועגן קאָפּערניקן און גאַלילייִ. אָבער דאָ האָט ער זיך אוועקגעזעצט מיט די פּיאַסקער גנבים. אָבער אַזוי איז ער, יאַשאַ. ער קאָן אַלע מאָל ווערן אַן אַנדערער מענטש. ער האָט אַ סך כאַראַקטערן. ער איז אַלץ מיט אַ מאָל: רעליגיעז, אַן אפּיקורס, גוט, שלעכט, פאַלש, ערלעך. ער קאָן זיין פאַרליבט אין מי יודע וויפיל פרויען. ער גרייט זיך צו שמדן, אָבער געפינט ער אַ שמה אין גאַס, מוז ער זי אויפהייבן און טאָן אַ קוש... אַלע אַנדערע מענטשן זענען ווי שליסלען, וואָס יעדער פּאַסט צו צו זיין שלאָס. אָבער ער, יאַשאַ, קאָן אויפשליסן אַלע נשמות...

— נו, דאָ איז דיין אַדלער.

און דער בלינדער מעכל האָט אַרויסגעגראָבלט פון אַ טיפן טייסטער אַ זילבערנעם רובל. אַ וויַל האָט יאַשאַ געוואָלט זאָגן, אַז ער דאַרף נישט דאָס קערבל, אָבער ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט. דאָס וואָלט געווען פאַר מעכלען אַ פּאַטש אין פּנים, באַזונדערס איצט ווען ס'גייט דער באַנדע מיט דער פּוטער אַראָפּ. די לייט האָבן זייער האָנאָר. פאַר אַ באַליידיקונג קאָן אַזאַ איינער פאַרפּעטשן אַ מעסער. יאַשאַ האָט אַ נעם געטאָן דעם רובל, אים אַ וועג געטאָן אין דער האַנט.

— אַ גרינג פאַרדינסטל.

— ביסט ווערט מ'זאָל דיר אויסקושן יעדעס אבר — האָט דער בלינדער מעכל גערעדט מיט דער שווערקייט אין קול פון אַ בעל־גוף. ס'האָט זיך געדוכט, אַז די שטים קומט ביי אים אַרויס פון גראָבן בויך.

— ס'אַ מתנה פון גאָט! — האָט די קליינע מלכהלע זיך אָנגערופן.

ביי זעווטלען האָבן די אויגן געגלאַנצט מיט נצחון, די באַקן האָבן זיך גערויטלט. די ליפּן האָבן יאַשאַן צוגעוואָרפן שטומע קושן, ניטש אַרויסגעזאָגטע צערטלעכקייטן. יאַשאַ האָט געוווסט דעם אמת: אַלע דאָ זענען אין אים פאַרליבט. אַלע ווייבער, אַלע מאַנסלייט. ער איז דאָס שיינדל ביי די פּיאַסקער. ביי חיים לייבן איז דאָס פּנים געווען געל ווי מעש, ענלעך צום סאַמאָוואַר, וואָס זעווטל האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

— ווען דו ווערסט אַן אונדזעריקער, נעמסטו איין די וועלט.

cheder. If you guessed one, you guessed them all. Yasha could have opened the lock immediately, but he did not wish to shame Blind Mechl. He decided to act out a little scene.

"Say, this *is* a hard nut to crack!" he grumbled. "What sort of beehive have they braided in there? So many teeth and hooks, a regular machine!" He strained, pushed the wire. He raised his shoulders as if to signify, "I don't have the faintest idea of what's inside this thing!" The crowd grew so quiet that the only sound was Chaim-Leib snorting through his broken, polyp-filled nose. Several of the women began to whisper and giggle, a sign of tension. Now Yasha made the same remark he had made at numerous performances, "A lock is like a woman. Sooner or later it must surrender."

Laughter broke out amongst the women.

"All women aren't the same."

"It's a matter of patience."

"Don't be so sure of yourself," Blind Mechl said in anticipation.

"Stop rushing me, Mechl. You've been fussing with this thing for half a year. You've put everything into it. After all, I'm not Moses."

"It doesn't give, eh?"

"It'll give, it'll give. You only need to squeeze the bellybutton."

And at that moment, the lock sprang open. Laughter, applause, and a general din followed.

"Malka, untie me," Yasha said.

And with trembling fingers Malka untied the apron. The lock lay on the table as if impotent and disgraced. Everyone's eyes were merry, but Blind Mechl's single eye remained grimly earnest.

"You're a warlock or my name isn't Mechl!"

"Sure, I took up black magic in Babylon. I can turn you and Malka here into rabbits."

"Why pick on me? My husband needs a wife, not a rabbit."

"Why not a rabbit? You could jump into his cell through the bars."

Yasha felt ashamed, sitting amongst this unsavory band. If Emilia only knew with whom he associated! She considered him a genius, an exalted artist. They discussed religion, philosophy, the immortality of the soul. He quoted the wise sayings of the Talmud to her. They spoke of Copernicus, Galileo—and here he was with the thieves of Piask. But that's how he was. There was always another role for him to play. He was a maze of personalities—religious and heretical, good and evil, false and sincere. He could love many women at once. Here he was, ready to renounce his religion, yet—when he found a torn page from a holy book he always picked it up and put it to his lips. Everyone was like a lock, each with his own key. Only one such as he, Yasha, could unlock all souls.

"Well, here is your money!"

And Blind Mechl produced a silver ruble from a deep purse. For a moment Yasha considered refusing the ruble, but he realized that this would have been a mortal insult to Mechl, especially now that the band's treasury was so depleted. The Brotherhood had a high regard for honor. He could get knifed for refusing. Yasha took the proffered ruble, weighing it in his palm.

"An easy profit."

"Every one of your fingertips should be kissed!" boomed Blind Mechl in the deep voice of a giant. It seemed as if his voice emanated from his thick belly.

"It's a gift from God," Small Malka said. Zeftel's eyes glistened with triumph, her cheeks grew red. Her lips mutely suggested kisses and endearments. Yasha knew he was idolized by all here, both men and women. He was the shining beacon to the citizens of Piask. Chaim-Leib's face seemed yellow as the brass of the samovar Zeftel had placed upon the table.

"If you became one of us, the world would be yours."

— איך האלט פון לא תגנוב...

— ער מאכט זיך שוין פאר א צדיק! — האט בעריש וויסאקער א ווארף געטאן א הויפן ווערטער. — אלע גנבענען. וואס האט אנומלט געטאן דער פרייס? פריער האט ער אפגעריסן א שטיק ביים פראנצויז און דערנאך האט ער זיך געהייסן צוצאלן א מיליארד מארק. ער האט אים געהאלטן ביים גארגל. איז דאס נישט גנבה?

— מלחמה איז מלחמה — האט חיים לייב געענטפערט.

— ווער ס'קאן, דער כאפט. נישט מער, דעם קליינעם הענגט מען און דעם גרויסן שענקט מען. וואס איז מיט א קערטל, הא?

— ווילסט שפילן? — האט יאשא זיך געוויצלט.

— האסט עפעס געבראכט פון ווארשע א נייעם האקוס־פאקוס? — האט בעריש וויסאקער געפרעגט. — ווייז וואס דו יכולסט!

— וואס איז דא, א טעאטער?

און יאשא האט א נעם געטאן ביי בעריש וויסאקער א טאליע קארטן. ער האט זי גענומען טאשן משונה גיך. די קארטן זענען געפלויגן אין דער לופט, ארויסגעשפרונגען פון דער טאליע ווי פיש פון א נעץ. מיט א מאל האט יאשא געטאן א מאך מיט דער האנט און די קארטן האבן זיך געטאן א צי־אויס ווי א הארמאניקע...

## קאפיטל פיר

### א

ס'איז געווען אן אפרו ווידער צו זיין מיט מאגדאן אליין אין דער בויד. דער זומער האט געבליט. די פעלדער האבן זיך געגאלדיקט. אין די סעדער האט זיך געצייטיקט דאס אויבסט. די ערד האט אויסגעאטעמט ריחות, וואס האבן אנגעשיכורט, איינגעשלעפערט, אנגעפילט דאס געמיט מיט א מנוחה נישט פון דער וועלט... איי, רבונו של עולם, דו ביסט א קונצנמאכער, נישט איך! — האט יאשא געמורמלט אדער געטראכט. — ארויסצוברענגען די אלע פלאנצן, בלומען און פארבן פון א ביסל שווארצער ערד!... אבער ווי אזוי טוט זיך דאס? ווי אזוי ווייסן די קארענע זאנגען ארויסצוברענגען קארענע קערנדלעך און די ווייצענע זאנגען — ווייצענע קערנדלעך? ניין, זיי ווייסן נישט. זיי טוען דאס בלינדערהייט. אבער עמעץ מוז דאך וויסן... יאשא איז געזעסן מיט מאגדאן אויפן באק און די פערד זענען געגאנגען אליין. זיי האבן שוין געקאנט דעם שליאך. אלערליי חיהלעך האבן איבערגעשפאנט דעם וועג: א פעלד־מויז, א וועוורק, אפילו א שילדקרעט. אומגעזעענע פייגל האבן געפייפט, געצוויטשערט. אויף א וואלדיקן פליין האט יאשא געזען א מחנה גרויע פייגל. זיי זענען געשטאנען ווי אין עפעס א פויגלשער אסיפה...

מאגדא האט זיך געטוליעט, געשוויגן. ס'האט זיך געדוכט, אז די פויערשע אויגן אירע זעען זאכן פארהוילענע פון שטאט־מענטש. יאשא אליין איז אויך געווען פארטאן אין מחשבות. אין אוונט, ווען די זון איז אונטערגעגאנגען און די בויד האט זיך געקייקלט אויף א וואלדיקן וועג, האט ער, יאשא, באשיימפערלעך געזען עמיליאס פנים. ס'האט זיך גערוקט אויף הינטערוויילעכץ ווי די לבנה איבער די סאסנעס. די שווארצע אויגן האבן געשמייכלט, די ליפן האבן געפליסטערט אן אויפהער. ער האט ארומגענומען מאגדאן און זי האט אנגעשפארט איר קאפ אן זיין אקסל, אבער ער איז געווען ווייט פון איר. סיי ער איז געווען וואך, סיי ער האט געדרימלט. ער האט זיך יעדעס מאל געזאגט, אז ער דארף באשליסן אהין אדער אהער, אבער ער האט נישט געקאנט אננעמען קיין שום באשלוס. די פאנטאזיעס זענען געווארן פול מיט בילדער און זעענישן ווי חלומות. ער איז נישט געפארן אין א בויד, נאר אין א באן, וואס איז געלאפן קיין איטאליע. ער איז געזעסן אין א וואגאן צוזאמען מיט עמיליאן און האלינאן. ער האט ווי געהערט די פייפעניש פון לאקאמאטיוו. ער האט געקוקט דורכן פענצטער און ס'האבן פארבייגעשוועבט ציפריס־ביימער, פאלמען, בערג, שלעסער, וויינגערטנער, גערטנער מיט מאראנצן און איילבירטן. אלץ האט אויסגעקוקט אנדערש: די פויערים, די פויערטעס, די הייזער, די סטויגן היי. ווו האב איך געזען עפעס אזוינס? — האט יאשא זיך געחידושט — אויף בילדער? אין דער אפערע? ס'איז עפעס אזוי ווי כ'וואלט שוין דאס אלץ דורכגעגאנגען אין א פריערדיקן גלגול...

"I still believe in the Eighth Commandment."

"Listen to him! He thinks he's a saint!" Berish Visoker sprayed his words. "Everyone steals. What did the Prussians do some time ago? Tore a hunk out of France, then demanded a billion marks besides. They held France by the windpipe. Isn't that stealing?"

"War is war," Chaim-Leib said.

"Whoever can, grabs. That's the way it's always been. The little *goniff* gets the noose, the big *goniff* the fat goose . . . How about a game of cards?"

"You want to play?" Yasha asked, teasingly.

"Did you bring some new hocus-pocus from Warsaw?" Berish Visoker asked. "Let's see you do your stuff!"

"Is this a theater?"

And Yasha took the deck of cards from Berish Visoker. He began to shuffle them very fast. The cards flew into the air, leaped like fish in a net. Suddenly Yasha did something with his hand and the cards fanned out like an accordion.

## 4

### 1

It was restful to be alone with Magda in the wagon again. The summer was in full bloom. The fields grew golden, fruit ripened in the orchards. Intoxicating earth aromas induced lassitude and an ethereal calm. "Oh, God Almighty, You are the magician, not I!" Yasha whispered. "To bring out plants, flowers and colors from a bit of black soil!"

But how had it all come about? How did the stalks of rye know about bearing grain? And how did the wheat know about reproducing itself? No—they didn't know. They did it instinctively. But someone must know. Yasha sat in the driver's seat with Magda and gave the horses free rein. They knew the road by now. All sorts of creatures crossed their path: a field mouse, a squirrel, even a tortoise. Unseen birds sang and trilled. In a forest clearing Yasha spied a flock of gray birds. They were lined up as if about to hold an assembly.

Magda cuddled next to him, silently. It seemed as if her peasant's eyes saw things a city dweller could not see. Yasha was preoccupied also. Towards evening, when the sun set and the wagon trundled along a forest road, he clearly perceived Emilia's face. Like the moon over the pine trees, it moved backwards. The black eyes smiled, the lips moved continuously. He put his arm around Magda and she laid her head on his shoulder, but he was not with her. He was asleep and awake at the same time. He tried to will a sort of decision, but none would come. His fancy grew vivid, and he dreamed this was not a wagon but a train to Italy, in which he rode with Emilia and Halina. He could almost hear the locomotive whistle. Outside the window, cypress trees, palms, mountains, castles, vineyards, orchards of orange and olive trees passed. Everything seemed different: the peasants, their women, the houses, the haystacks. Where have I seen such things? Yasha wondered. In paintings? In the opera? It's as if I'd already experienced all this in an earlier existence.

ער פלעגט געוויינלעך איבערנעכטיקן אויפן וועג אין צוויי קרעטשמעס, אָבער דאָס מאָל האָט ער ביי זיך אָפּגעפּאַסט צו פאָרן אַ גאַנצע נאַכט און אָנצוקומען קיין וואַרשע אין דער פרי. מ׳האָט געזאָגט, אַז גזלנים לויערן אויפן וועג, אָבער יאַשאַ האָט געהאַלטן אין קעשענע אַ געלאָדענעם פּיסטויל. אַזוי ווי ער איז דאָ געזעסן, האָט ער געשפּילט אין אייראָפּעישע טעאַטערס, דאַמען אין לאָזשעס האָבן אָנגעשטעלט אויף אים די לאָרנעטעס, אַמבאַסאַדאָרן, גראַפן, גענעראַלן זענען געקומען צו אים הינטער די קוליסן. ער איז געפלויגן מיט אַ פּאָר פליגל איבער רוים, לאָנדאָן, פּאַריז. מחנות מענטשן זענען געלאָפן איבער די גאַסן, געטייטלט, געשריגן. אַזוי ווי ער איז געפלויגן, האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו דורך טויבןפּאָסט: איינלאַדונגען פון קעניגן, פּרינצן, קאַרדינאַלן... אין דעם גוט זיינעם אין דרום־איטאַליע האָבן געוואַרט עמיליאַ, האַלינאַ... ער, יאַשאַ, איז מער נישט קיין קונצנמאַכער, נאָר אַ געטלעכער היפּנאָטיזאַטאָר, וואָס קאָן איינשלעפערן גאַנצע אַרמייען, היילן קראַנקע, געפינען פאַרברעכער, אָנווייזן ווו ס׳ליגן פאַרגראָבן פאַרבאָרגענע אוצרות און ווי אַרויפצוברענגען פון אָפּגרונט געזונקענע שיפן. ער, יאַשאַ, ווערט דער קייסער פון דער וועלט...

ער האָט פאַנטאַזירט און געלאַכט אויס די אייגענע דמיונות, אָבער ער האָט זיי נישט געקאָנט אָפּטרייבן. זיי זענען אים באַפאַלן ווי היישעריקן: טאָג־חלומות וועגן האַרעם־ווייבער, שקלאַפן, קונצן, וואָס זענען איבער דער מענטשלעכער נאַטור, וואָסערלעך, קמיעות און שפּרוכן, וואָס דעקן אויף אַלע סודות, גיבן דעם מענטש געוואַלדיקע כוחות. ער האָט אַפילו אויסגעלייזט די יידן פון גלות, זיי צוריקגעגעבן ארץ־ישראל, אויסגעבויט דאָס בית־המקדש אין ירושלים. ער האָט מיט אַ מאָל גענומען פאָכען מיט דער בייטש ווי אַזוי אַרום צו פאַרטרייבן די שרעטלעך, וואָס באַלעמוטשען זיינע רעיונות. ער, יאַשאַ, האָט נאָך קיין מאָל זיך אַזוי נישט גענויטיקט אין קלאָרע געדאַנקען ווי איצט. ער האָט געהאַט צוגעגרייט אַ פּראָגראַם נייע און ריזיקאַלישע קונצן. איינע פון זיי איז באַשטאַנען אין מאַכן אַ קאָזשעליק אויף אַ דראָט, וואָס דאָס האָט נאָך קיין שום קונצנמאַכער נישט באַוויזן. באַזונדער האָט ער געמוזט קומען צו אַ באַשלוס וועגן עמיליאַן: איז ער באמת גרייט איבערצולאָזן אסתרן און אַוועקצופאָרן מיט דער עמיליאַן קיין איטאַליע? קאָן ער דאָס אסתרן טאָן נאָך די אַלע יאָרן ליבע און געטריישאַפט? און איז ער, יאַשאַ, גרייט אויסצובייטן דאָס רענדל, ווערן אַ קריסט? ער האָט געהאַט געגעבן עמיליאַן הייליקע צוזאָגן, אַפילו שבועות. אָבער איז ער גרייט דאָס אויסצופירן? נאָך עפּעס: ער קאָן נישט דורכפירן דעם פּלאַן מיט עמיליאַן אָן אַ גרויסער סומע געלט, אַמווייניקסטן פופצן טויזנט רובל. שוין חדשים ווי ער האָט זיך געשפּילט מיט דעם געדאַנק וועגן אַ גנבה. אָבער איז ער, יאַשאַ, וואַרהאַפטיק, קאַפּאַבל צו ווערן אַ גנב? ער האָט דאָך ערשט נישט לאַנג געזאָגט חיים לייבן, אַז ער וויל נישט ברעכן דעם לא תגנוב. ער, יאַשאַ, האָט דאָך פון אַלע מאָל שטאָלצירט מיט זיין ערלעכקייט... און וואָס וואָלט עמיליאַ געזאָגט ווען זי דערוויסט זיך, אַז ער האָט אַזעלכע פּלענער? און וואָס וואָלט געזאָגט אסתר? נו, און טאַטעמאַמע אויף יענער וועלט... ער, יאַשאַ, גלייבט דאָך אין השארת הנפש... די מאַמע האָט דאָך אים אַפילו מיט אַ צייט צוריק געראַטעוועט דאָס לעבן... ער האָט געהערט איר קול: גיי אַוועק פון דאַנען!... אין צוויי מינוט שפּעטער איז אַראָפּגעפאַלן אַ שווערער הענג־לאַמפּ, וואָס וואָלט אים צעשמעטערט דעם שאַרבן...

ער האָט ביז איצט אַלץ אָפּגעלייגט. אָבער ער קאָן מער נישט אָפּלייגן. עמיליאַ וואַרט אויף אַן ענטפער. ער מוז אויך וויסן ווי אַזוי צו האַנדלען מיט וואָלסקין, דעם אימפּרעסאַריאָ, וואָס אַראַנזשירט פאַר אים אַלערליי גאַסטראָלן. דער דאָזיקער וואָלסקי האָט אים, יאַשאַן, אַרויסגעהויבן פון דלות. ער האָט אים געהאָלפן שטייגן אויף דער לייטער פון קאַריערע. ער, יאַשאַ, קאָן אים נישט אָפּצאָלן מיט שלעכטס פאַר גוטס...

אַזוי שטאַרק ווי די ליבע זיינע איז צו עמיליאַן, אַזוי איז זי פול מיט נסיונות...

ער האָט היינט ביי נאַכט געמוזט מאַכן אַ חשבון, אויסוויילן צווישן אסתרן און עמיליאַן, צווישן יושר און גניבה, די איינציקע גניבה, וואָס ער וועט שפּעטער, מיט גאָטס הילף, צוריקגעבן.

אָבער דער געדאַנק זיינער האָט זיך געגליטשט, נישט געפונען קיין אָנהאַלטעניש, געבליבן אָן האַפט. אָנשטאָט זיך אָנצוקלאַמערן אָן דעם עיקר, האָט ער זיך געגריבלט אין קלייניקייטן, זייטיקע זאַכן, שמאָנצעס. ער, יאַשאַ, וואָלט שוין געקאָנט האָבן דערוואַקסענע קינדער, אָבער ער איז געבליבן אַ חדר־ייִנגל, דער אייגענער, וואָס האָט זיך געשפּילט מיטן טאַטנס שלעסלעך און איז נאָכגעלאָפן די קונצנמאַכערס איבער די גאַסן. ער האָט אַפילו נישט געקאָנט דערגיין ביי זיך ווי שטאַרק ער האָט ליב עמיליאַן, און צי איז דאָס טאַקע וואַרהאַפטיק דאָס וואָס מ׳רופט ליבע. וואָלט ער איר געקאָנט זיין טריי? שוין איצט האָט דער טייוול אים אונטערגערוקט אַלערליי .טראַכטענישן וועגן האַלינאַן, פאַנטאַזיעס ווי זי וועט אויסוואַקסן, זיך אין אים איינליבן, פאַרפירן אַ קאָנקורענץ מיט דער מוטער. אוי, וויי, כ׳בין שמוציק, איינגעטונקען אין קויט און זינד! ווי

Customarily he made two stopovers on his trip but he decided now to ride ahead and arrive in Warsaw in the morning. Highwaymen supposedly lurked along the road, but Yasha kept a pistol in his pocket. Riding, he imagined himself performing at European theaters. Ladies in boxes fixed their lorgnettes upon him. Ambassadors, barons, and generals came backstage to pay respects. Now, with a pair of artificial wings he flew over the capitals of the world. Multitudes of people ran through the streets, pointing, shouting and, as he flew, he received messages by carrier pigeon—invitations from rulers, princes, cardinals. In his estate in the south of Italy, Emilia and Halina waited for him. He, Yasha, was no longer a magician, but a divine hypnotist who could control armies, heal the sick, flush criminals, locate buried treasures, and raise sunken ships from the ocean depths. He, Yasha, had become the emperor of the entire world. He ridiculed his fancies but could not banish them. Like locusts they fell upon him: daydreams of harem girls, slaves; tricks that were beyond nature; magic potions, charms, and incantations that unfolded all secrets and bestowed infinite powers. In his imagination he even led the Jews out of exile, gave them back the land of Israel, rebuilt the temple of Jerusalem. He suddenly began to crack his whip as if to dispel the demons which had invaded his thoughts. He needed a clear head now more than ever. He had prepared a series of new and dangerous stunts for his repertoire. One of these involved performing a somersault on the tightrope, a stunt as yet unattempted by any other performer. The important thing was to make up his mind about Emilia. Was he truly prepared to forsake Esther and go to Italy with Emilia? Could he treat Esther so cruelly after her many years of devotion and loyalty? And was he, Yasha, reconciled to converting, becoming a Christian? He had given Emilia his solemn promise, sworn an oath—but was he ready to honor it? And another thing: he could not carry out his plans with Emilia without a large sum of money, at least fifteen thousand rubles. For months now he had been toying with the possibilities of a robbery, but was he indeed capable of becoming a thief? Just recently he had told Chaim-Leib that the Eighth Commandment was holy to him. He, Yasha, had always prided himself on his honesty. And what would Emilia's reaction be if she knew what he intended? What would Esther say? Yes, and his mother and father in the other world? After all, he believed in immortality. A while back, his mother had even saved his life. He had heard her voice caution him, "Move back, Son, move back!" and minutes later a heavy chandelier fell where he had been standing. It would surely have crushed him had he not heeded his dead mother's warning.

He had put off his decision until now. But he could not delay any longer. Emilia was waiting for him to make up his mind. He also had to decide what to do about Wolsky, his impresario who handled all of his engagements. This same Wolsky had elevated him, Yasha, from poverty, had advanced his career. He, Yasha, could not repay Wolsky with evil. As strong as Yasha's love was for Emilia, just as full was it of temptations.

He had to decide this very night, choose between his religion and the cross, between Esther and Emilia, between honesty and crime (a single crime for which, with God's help, he would later make restitution). But his mind would resolve nothing. Instead of attacking the main problem, it dallied, went off on tangents, became frivolous. He could have been the father of grown children by this time, yet he remained the schoolboy who had played with his father's locks and keys and trailed the magicians through the streets of Lublin. He could not even be sure of the extent of his love for Emilia, decide whether the feeling he had was really what is known as love. Would he be able to remain true to her? Already the devil tempted him with all sorts of speculations about Halina, how she would grow up, become enamored of him, become her mother's rival for his affections.

It's true, I *am* depraved, he thought. What was it

פלעגט דער טאַטע מיך רופן ? אַ גרוע... נו, אָבער לעצטנס קומט ער אים צו חלום יעדע נאַכט. אַזוי ווי ער, יאַשאַ, שליסט צו די אויגן, אַזוי דער־זעט ער אים. דער טאַטע רעדט צו אים דערהויבענע רייד, ער קושט אים, וואָרנט אים, זאָגט אים מוסר...

— וואָס טראַכסטו ? — האָט מאַגדאַ אַ פרעג געטאָן.

— אַ, נאַרישקייטן.

— ס׳איז אמת, אַז די גנבטע זעוועל קומט קיין וואַרשע ?

יאַשאַ האָט זיך אָנגעשפּיצט.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט ?

— באָלעק.

— פאַר וואָס האָסטו געשוויגן ביז איצט ?

— כ׳פאַרשווייג אַ סך זאַכן.

— זי קומט, אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר ? דער מאַן איז פון איר אַוועק און זי איז אָן ברויט. זי פאַרט ווערן אַ דינסט אָדער אַ קעכין.

— זי איז דיין געליבטע.

— ניין.

— האָסט אין וואַרשע אויך אַ קאַכאַנקע.

— וואָס פּלוידערסטו ?

— די עמיליאַ, די אלמנה. דאָס איילסטו זיך אַזוי צו איר...

יאַשאַ איז געבליבן אַ פאַרשוויגענער. פון וואַנען ווייסט זי פון עמיליאַן ? זאָל ער איר האָבן דערציילט ? יאָ, ער האָט עפּעס פאַר איר אויסגעפּלאַפּלט. אַזאַ טבע האָט ער: ער מוז זיך באַרימען. ער האָט אפילו זיך אַרויסגעכאַפּט דערוועגן פאַר זעוועלען. ער האָט איצט אָפּגעוואַרט אַ ווייל.

— מיט דיר, מאַגדאַ, האָט עס גאָרנישט צו טאָן. מיין ליבע צו דיר וועט קיין מאָל נישט אויפהערן.

— זי וויל דאָך דו זאָלסט אַוועק מיט איר קיין איטאַליע.

— מאַלע וואָס זי וויל. איך קאָן דיך אַזוי אויסמעקן פון מיין האַרץ, ווי דעם געדאַנק פון מיין מוטער...

ער האָט אַליין נישט געוווּסט צי ער זאָגט דעם אמת, אָדער ער נאַרט. מאַגדאַ איז געבליבן שטיל. זי האָט ווידער אַנגעלעגט איר קאָפּ אָן זיין אַקסל.

## ב

אין מיטן דער נאַכט איז פּלוצלונג געוואָרן וואַרעם אַ שטייגער ווי אַ נאַכטישע זון וואָלט גענומען ערגעץ היצן. די לבנה איז געוואָרן פאַר־דעקט. דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט קנויליקע וואָלקנס. באַלד האָט גענומען בליצן און דונערן. ס׳האָט געטאָן אַ בלענד און מ׳האָט דערזען די פעלדער ביזן עק האָריזאָנט. די זאַנגען זענען אַלע געפאַלן כורעים. דער רעגן איז פון ערגעץ אַנגעלאָפן ווי אַ זייל. נאָך איידער יאַשאַ האָט באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן האָט דער פּלייץ־רעגן גענומען קלאַפּן איבער דער בויד ווי אַ האָגל. די לייוונט האָט זיך געטאָן אַ ריס פון די רייפן. די מאַלפּע איז זיך פאַרגאַנגען מיט אַ געהאַליש קול. ס׳האָט נישט גע־דויערט קיין מינוט ווי דער שליאַך איז געוואָרן פאַרגאָסן. מאַגדאַ האָט אַרומגעכאַפּט יאַשאַן, זיך געקלאַמערט ווי אַ שטום באַשעפעניש. יאַשאַ האָט גענומען שמייסן די פערד. דאָ נישט ווייט איז געווען דאָס שטעטל מאַקאָוו. דאָרט האָט מען געקאָנט געפינען שוץ.

ס׳איז געווען אַ נס וואָס די פערד זענען נישט אַראָפּ פון וועג. זיי האָבן געשלאָפּערט אין וואַסער שיער נישט ביז די קנעכלען. די בויד האָט זיך ווי ס׳איז דערשלעפּט קיין מאַקאָוו, אָבער ס׳איז דאָרט נישט געווען קיין קרעטשמע אָדער אַן איינפאָר־הויז. יאַשאַ איז צוגעפאָרן צום שול־הויף. דער גאָס־רעגן האָט דערווייל געהאַט אויפגעהערט און דער הימל האָט זיך גענומען אויסלייטערן. וואָלקנס האָבן געצויגן פון מזרח קיין מערב און די ברעגן זייערע האָבן געגליט אין דער אויפגייענדיקער זון ווי קוילן נאָך אַ שרפה. די קאַלוזשעס און רינשטאָקן זענען געוואָרן רויט ווי בלוט. יאַשאַ האָט געלאָזט שטיין די בויד און די פערד פאַרן שול־הויף און ער און מאַגדאַ זענען אַריין אין בית־מדרש זיך אָפּטריקענען. עס איז נישט קיין גלייכע זאַך אַריינצוברענגען אַ גויקסע אין אַ מקום־קדוש, אָבער דאָס איז געווען פּקוח־נפש. מאַגדאַ האָט שוין באַצייטנס געהוסט און געניסט.

אין דרויסן האָט שוין געטאָגט, אָבער אין בית־המדרש האָט נאָך גע־הערשט די נאַכט. אַ יאָרצייט־ליכט האָט געברענט אין שטה־נרות בייַם עמוד. ביי אַ שטענדער איז געזעסן אַן אַלטער ייד און עפּעס געזאָגט פון אַ דיקן סידור. יאַשאַ האָט געזען, אַז דאָס קאָפּל זיינס און דער שטערן זענען באַשאָטן מיט אַש. וואָס טוט ער ? — האָט יאַשאַ זיך געחידושט. — זאָל איך שוין אַזוי ווייט האָבן פאַרגעסן יידישקייט ? יאַשאַ האָט גע־שאָקלט צו אים מיטן קאָפּ און דער אַלטער האָט צוריקגעשאָקלט און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף די ליפּצן, אַ סימן, אַז ער טאָר נישט אויסרעדן. מאַגדאַ איז געזעסן אויף אַ באַנק נעבן אויוון און יאַשאַ האָט זיך צו איר אומגעקערט. עס איז נישט געווען מיט וואָס זיך אָפּצווישן.

Father called me? A scoundrel. Lately, his father had appeared in his dreams every night. Just as Yasha closed his eyes, he would see his father. The older man would moralize, warn him, counsel him.

"What are you thinking of?" Magda asked.

"Oh, nothing."

"Is it true that Zeftel the Thief is coming to Warsaw?"

Yasha stirred. "Who said that?"

"Bolek."

"Why didn't you say anything about it until now?"

"I keep quiet about a great many things."

"She is coming but what's that have to do with me? Her husband's left her and she's starving. She's looking for work as a maid or cook."

"You go to bed with her."

"No."

"You have a girl in Warsaw too."

"You're babbling."

"A widow by the name of Emilia. That's whom you're in such a hurry to see."

Yasha was dumfounded. How could she have learned about Emilia? Had he said something? Yes, he had. He always had to boast, it was his nature. He had even confessed it to Zeftel.

He hesitated a moment. "It is no concern of yours, Magda. My love for you won't change."

"She wants to go off to Italy with you."

"Never mind what she wants. I could as easily forget you as my mother."

He did not know himself if he were telling the truth or lying. Magda remained silent. Once again she laid her head on his shoulder.

## 2

In the middle of the night it suddenly grew warm as if a nocturnal sun had begun to shine. The moon was overcast. The sky writhed with clouds. All at once thunder and lightning began. In a flash of light the fields were illumined as far as the horizon. The stalks of wheat bowed and the rain struck like a deluge. Before Yasha could collect his thoughts the sheets of water began to flail the wagon like a hailstorm. The tarpaulin tore loose from the frame. The monkey choked off a terrified scream. In less than a minute the highway was mired. Magda clung to Yasha like a dumb creature. Yasha began to lash the horses. The village of Makov was nearby and they would be able to find shelter there.

It was a miracle that the wheels did not leave the road. The horses waded in water nearly up to their posterns. Somehow or other, the wagon rolled into Makov, but he knew of no inn or public house in town. Yasha drove into a synagogue courtyard. The rain ceased and the sky began to clear. Clouds drifted westward, their edges glowing in the rising sun like cinders after a fire. The puddles and gutters ran red as blood. Yasha left the team and wagon in the courtyard and he and Magda walked into the study-house to dry off. It was not right for him to escort a gentile into a house of worship, but it was a matter of life or death now. She had already begun to cough and sneeze.

Outside, day was breaking, but in the prayer-house it was still night. A memorial candle flickered in the *menorah* at the prayer stand. At a lectern sat an old man reciting from a thick prayer-book. Yasha observed that the old man's head was sprinkled with ash. "What is he doing?" Yasha wondered. "Have I already forgotten so much of my heritage?" Yasha nodded to the old man and he nodded back and placed his finger upon his lips to signify that he must not, at this time, speak. Magda sat down on a bench near the stove and Yasha turned to her. There was nothing with which they could wipe themselves.

Rome, and even distant America. The bookstores featured newly published novels, as well as scientific works, encyclopedias, lexicons, and dictionaries. Yasha breathed deeply. The journey had been wearying but the city exhilarated him. If it's this stimulating here, how much more must it be abroad, he mused. He wanted to run immediately to Emilia but checked himself. He could not very well come sleepy, unshaven, disheveled. Also, he had first to see Miechislaw Wolsky. Yasha had sent him a telegram while still in Lublin.

Yasha had not been in Warsaw recently. He had been touring the provinces. While on the road, he always worried that his apartment would be burglarized. He kept his library there, his antiques, and his collection of billboards, newspaper clippings, and reviews. But, God be praised, the door was still securely locked by two heavy locks and everything within was in order. Layers of dust were everywhere and the air smelled musty.

Magda immediately began to tidy up. Wolsky came in a droshky—a Jewish-looking gentile with black eyes, a beaked nose, a high forehead. His artist's cravat perched crookedly on his shirtfront. Yasha received from him numerous offers to perform in Russian and Polish cities. Twirling his black mustache, Wolsky spoke with the fervor of those who depend upon the fame of others for their livelihood. He had even prepared a schedule for Yasha to follow after his summer engagement at the Alhambra had ended. But Yasha realized that Wolsky's bombast was unnecessary. Only the provinces wanted him. No offers had come from Moscow, Kiev, or Petersburg. His earnings in the provinces were negligible. Even in Warsaw, nothing had changed. The proprietor of the Alhambra had consistently refused to increase Yasha's wage. Praise enough they gave him, but the clowns from abroad were paid more. It was somewhat of a mystery—this obstinacy of the theater-owners. Wolsky's arguments and contentions were useless. Yasha was always among the last to be paid. Emilia was right. As long as he remained in Poland they would treat him like a third-rate performer.

After Wolsky had gone, Yasha lay down in the bedroom. The janitor would tend to the horses, Magda would see that the other animals were fed and watered. All three, the parrot, crow, and monkey were quartered in one room. Scrawny though Magda was, she promptly began to scrub the floor. From generations of peasants she had inherited her strength, along with her servility. Yasha dozed off, awoke, dozed off again. The house was an old one. In the unpaved courtyard below, geese cackled, ducks quacked, roosters crowed, just as in the country. Through the open window, breezes from the Vistula and the Praga forest wafted in. Downstairs, a beggar scratched out a tune on a street-organ and sang an old Warsaw melody. Yasha would have thrown him a coin if his limbs had not felt so numb. He was dreaming and thinking at once. Again to drag himself through the boggy hinterlands? Again to perform in fire-stations? No, he'd had enough of it! His thoughts whirled to the rhythm of the street-organ. He must go away, away, abandon everything. At whatever cost, he must tear himself free of this swamp. If not, someday he, Yasha, would also wander about with a street-organ.

It had just been morning and now it was dusk. Magda brought him a dish of new potatoes with sour milk and parsley. He ate in bed and again placed his head on the pillow. When he opened his eyes once more, it was nighttime. The bedroom was dark, but it could not have been too late, since he could still detect the sound of a cobbler driving tacks into a shoe. No one in the neighborhood had installed gas lamps yet. By the light of naphtha lamps, housewives mended, washed dishes, darned, sewed patches. A drunk argued with his wife while his dog barked at him.

סעס פון פאריז, פעטערבורג, רוים און אפילו פון דעם ווייטן אמעריקע. אין די שויפענצטער פון די ביכער־געשעפטן זענען געלעגן פריש ארויסגעגעבענע ראמאנען, ווי אויך וויסנשאפטלעכע ווערק, ענציקלאפעדיעס, לעקסיקאנען, ווערטער־ביכער. יאשא האט טיף איינגעאטעמט. ער איז געווען מיד פון דער נסיעה, אבער די שטאט האט אים אויפגעהייטערט. אויב ס'איז שוין דא אזוי, ווי קאן נאך זיין אין פאריז אדער רוים? — האט ער געטראכט. ער האט געהאט א פארלאנג גלייך צו לויפן צו עמיליאן, אבער ער האט זיך געמוזט צוימען. ער האט נישט געקאנט קומען צו איר א נישט־אויסגעשלאפענער, א נישט־ראזירטער, אין צעקנודערטע מלבושים. ער האט אויך געמוזט זיך טרעפן מיט מיעטשיסלאוו וואלסקי. יאשא האט געהאט צו אים טעלעגראפירט נאך פון לובלין...

יאשא איז שוין נישט געהאט געווען אין ווארשע א צייט. ער איז ארומגעפארן א שטיקל צייט איבער קלענערע פוילישע שטעט. ער האט אלע מאל געזארגט אונטערוועגנס אז גנבים זאלן זיך נישט אריינקריגן אין זיין וווינונג, ווו ער האט געהאט א ביבליאטעק, אלערליי אנטיקן, ווי אויך א זאמלונג פון אפישן, נאטיצן אין צייטונגען, רעצענזיעס. אבער דאנקען גאט, די טיר איז געווען פארשלאסן מיט צוויי שווערע שלעסער און אינעווייניק איז אלץ געבליבן אין ארדענונג. נישט מער א שטויב איז געלעגן איבער אלץ און די לופט האט געשמעקט פארדומפן. מאגדא האט זיך גלייך גענומען צו דער ווירטשאפט. וואלסקי איז געקומען צו פארן אין א דראזשקע — א גוי וואס זעט אויס ווי א ייד: מיט שווארצע אויגן, א געבויגענער נאז, א הויכן שטערן. דער קינסטלער־קראוואט איז געזעסן קרום. ער האט געהאט פאר יאשאן א גאנצע ריי איינלאדונגען אין רוסישע און פוילישע שטעט. וואלסקי האט געדרייט די שווארצע וואנסן, גערעדט מיט דער פייערלעכקייט פון יענע, וואס דעם צווייטנס רום איז זייער ברויט. ער האט שוין געהאט באצייטנס אויסגעשריבן א פראגראם פון זיינע, יאשאס, גאסטראלן נאך דעם ווי דער זומער־סעזאן אין „אלהאמבראַ" וועט זיין פאריבער. אבער יאשא האט באלד איינגעזען, אז וואלסקי טומלט אומזיסט. מ'האט אים, יאשאן, ארויסגעפאדערט דירכויס אין פראווינץ־שטעט. פון פעטערבורג, מאסקווע, קיעוו איז נישט געקומען קיין שום ענטפער. די באדינגונגען אין די פראווינצן זענען געווען קלאגעדיקע. אפילו אין ווארשע איז אלץ געהאט געבליבן ביים אלטן. דער אייגנטימער פון „אלהאמבראַ" האט זיך אפגעזאגט צו געבן א הוספה. מ'האט אים, יאשאן, באשאטן מיט לויב, אבער די גרויסע גאַזשעס האבן געקראגן אלערליי פאיאצן פון אויסלאנד. ס'איז געווען א שטיק מיסטעריע אין דער עקשנות פון די טעאטער־אייגנטימער. ס'האבן נישט געהאלפן וואלסקיס ארגומענטן און באווייזן. ווען ס'איז געקומען צום צאלן, איז ער, יאשא, אלע מאל געווען פון די לעצטע. עמיליא איז גערעכט: ווי לאנג ער וועט בלייבן אין פוילן, וועט מען אים באהאנדלען ווי א געוויינלעכן קונצנמאכער.

נאך דעם ווי וואלסקי איז אוועק, האט יאשא זיך אוועקגעלייגט אויפן בעט אין שלאף־שטיבל. דער סטרוזש האט אכטונג געטאן אויף די פערד אין שטאל. מאגדא האט געזען, אז די מאלפע, דער פאפוגיי און די קראַ זאלן קריגן זייער שפייז און וואסער. מ'האט אלע דריי געהאלטן אין א קאמער. ווי אויסגעדארט מאגדא איז, אזוי האט זי זיך גלייך געשטעלט שייערן דילן. זי האט געהאט געירשנט די שטארקייט פון דורות פויערים, ווי אויך זייער קנעכטישע אונטערטעניקייט. יאשא האט געדרימלט, זיך איבערגעוועקט, פונסניי איינגעדרימלט. דאס הויז איז געווען אלט. אין נישט־ברוקירטן הויף האבן געגאדערט געגנדז, געקוואקעט קאטשקעס, געקרייט הענער ווי אויף דער פראווינץ. דורך דעם אפענעם פענצטער האבן אריינגעבלאזן ווינטלעך פון דער ווייסל און פון פראגער וועלדל. א בעטלער האט אונטן אויסגעשפילט א מעלאדיע אויף א קאטערינקע, געזונגען אן אלט ווארשעווער ליד. יאשא האט אים געוואלט אראפווארפן א נדבה, אבער די גלידער זענען אים געווען ווי געליימט. ער האט האלב געחלומט, האלב געטראכט. ווידער זיך שלעפן אין די בלאטיקע גובערניע־שטעט? ווידער שפילן אין די שאפעס פון די פייער־לעשער? ניין, ר'האט עס גענוג. די מחשבות זיינע זענען געלאפן צום טאקט פון דער קאטערינקע. ער מוז אוועק, אוועק, אלץ איבערלאזן. ער מוז זיך ארויסרייסן פון דעם געמויזעכץ פאר יעדן פרייז. ווען נישט, וועט ער, יאשא, אויך א מאל ארומגיין מיט א קאטערינקע...

דא איז געווען אין דער פרי, באלד איז געווארן פאר נאכט. מאגדא האט אים צוגעטראגן צום געלעגער נייע קארטאפל מיט קאפער און זויער־מילך. ער האט אפגעגעסן און פונסניי איינגעזונקען מיטן קאפ אין קישן. ווען ער האט נאך א מאל געעפנט די וויעס, איז געווען אוונט. אין שלאף־שטוב איז פינצטער, אבער ס'איז נאך נישט געווען שפעט, ווייל מ'האט געהערט ווי א שוסטער קלאפט שטיפטן אין א זויל. קיין גאזבאלייכטונג האט דא קיינער אין דער געגנט נישט געהאט. אין דער שיין פון נאפט־לעמפלעך האבן באבעס געניית, געוואשן געפעס, געצערעוועט, געלאטעט. א שיכור האט זיך געקריגט מיטן ווייב און ס'האט אויף אים געבילט א הונט.

יאשא האט גערופן מאגדאן, נאר זי איז, אפנים, נישט געווען אין שטוב. געענטפערט האט אים די קרא, וואס ער האט אויסגעלערנט רעדן מיט א מענטשלעך לשון. יעדעס מאל וואס ער, יאשא, האט זיך אומגעקערט קיין ווארשע, האט ער געהאפט אויף א גוטער בשורה, אבער די כוחות, וואס זענען אפט אזוי גנעדיק צו אלערליי פּורצעס און אמאטארן, זענען צו אים, יאשאן, מער ווי שפּארזאם. זיי לאזן אים קיין מאל נישט כאפּן קיין מציאה. פארקערט, אלע כאפּן אין אים מציאות. יאשא האט געוווסט, אז ס'האט אלץ צו טאן מיט זיין געדאנק. ער איז געפאלן ביי זיך און דעריבער האט מען אן אים א קונה. ער האט זיך ארומגערינגלט מיט מענטשן פון פאלק און דעריבער באהאנדלט מען אים ווי איינעם פון זיי. עמיליא איז דאס איינציקע נס אין זיין לעבן, די האפענונג ארויסצוקריכן פון דער קלעם...

די גאנצע באגעגעניש זייערע האט געטראגן דעם צייכן פון א פּאטום. ער האט זיך באקענט מיט איר, אבער ער האט רעכט נישט געהערט איר נאמען. ער האט אנגעהויבן טראכטן פון איר און נישט געקאנט אויפהערן. די רעיונות זענען געלאפן אויף זייער אייגענער אחריות. ער האט דערביי געוווסט דורך עפּעס א פארהוילענעם כוח, אז זי טראכט אקוראט אזוי פיל פון אים, זוכט אים, באגערט אים. ער איז ארומגעגאנגען איבער די ווארשעווער גאסן ווי א נאכט־וואנדלער, אריינגעקוקט אין פענצטער פון קארעטעס, אין קראמען, קאפעען, פאיערס פון טעאטערס.

ער האט זי ארומגעזוכט אויף דער מארשאלקאווסקע, דער נייער וועלט, אין די אלעען, אין זאקסישן גארטן. ער האט זיך אויפגעשטעלט ערגעץ ביי א זייט אויפן טעאטער־פּלאץ, געווארט. אין איינעם אן אוונט איז ער ארויס אין גאס מיט א זיכערקייט, אז ער וועט זי באגעגענען. ער איז געגאנגען לענגויס דער מארשאלקאווסקע. ער איז צוגעקומען צו א שויפענצטער און דארט איז זי געשטאנען ווי זי וואלט געהאט מיט אים א ראנדעיוו: א טונקעלע, אין א פוטערנעם קאלנער, מיט א מופע, די שווארצע אויגן אנגעשטעלט גלייך אויף אים. ער האט זיך דערנענטערט און זי האט געשמייכלט וויסנדיק און סודותדיק. ער האט זיך פארנייגט פאר איר און זי האט אים דערלאנגט די האנט. בשעת ס'איז געשען, האט זי א רוף געטאן:

— וואס פאר א מאדנער צופאל!

אבער זי האט שפּעטער צוגעגעבן, אז זי האט דארט אויף אים געווארט. זי האט געהאט א פארגעפיל, אז ער הערט איר רוף...

ד

די גאר רייכע האבן שוין געהאט אריינגעצויגן טעלעפאנען, אבער אזעלכע ווי עמיליא האבן זיך נאך נישט געקאנט פארגינען אזא לוקסוס. עמיליא האט געלעבט צוזאמען מיט איר טעכטערל פון א מאגערער פּענסיע. אלץ וואס איז געבליבן פון א מאל, ווען דער פּראפעסאר האט געלעבט, איז די וווינונג און אן אלטע דינסט יאדוויגא, וואס האט שוין יארן נישט געקראגן קיין געהאלט. יאשא איז אויפגעשטאנען פרי. ער האט זיך אליין ראזירט מיט א גאל־מעסער. ס'איז דא געווען אין דער ווירטשאפט א הילצערנע וואנע און מאגדא האט אויפגעזאטן קעסלען וואסער און אריינגעגאסן אין דער וואנע. זי האט געזייפט יאשאן מיט שמעקעדיקער זייף און אים מאסאזשירט. דערביי האט זי געטענהט קליגערייש:

— אז מ'גייט צו א פּריצה, מוז מען שמעקן.

— כ'גיי נישט צו קיין שום פּריצות, מאגדא.

— מ'ווייסט, מ'ווייסט. דיין מאגדא איז א נאר, אבער זי האט א ניוך...

ביים אנבייסן איז ער מיט א מאל אריין אין א הייטערקייט. ער האט גערעדט דערפון, אז גאר אין גיכן וועט ער מאכן א פּראבע צו פליען. ער וועט אויך צופאסן איר, מאגדאן, א פּאר פליגל. זיי וועלן ביידע פליען, ווי א גאנער מיט א גענדזעלע און ווערן וועלט־בארימט ווי מאנגאלפיער מיט איבער הונדערט יאר צוריק. ער האט ארומגענומען מאגדאן, זי געקושט, געטענהט אז וואס ס'זאל מיט אים, יאשאן, נישט געשען, וועט ער זי, מאגדאן, קיין מאל נישט פארלאזן. ס'קאן דיר אויסקומען צו זיין אליין א שטיקל צייט אויב איך וועל אוועק קיין אויסלאנד, אבער איך וועל דיך אראפּברענגען צו מיר. כ'פארלאנג בלויז איין זאך: זאלסט האבן צו מיר צוטרוי. אזוי ווי ער האט גערעדט די דאזיקע רייד, האט ער איר געקוקט אין די אויגן אריין. ער האט אויך געגלעט אירע האר און איר געריבן דעם שטערן. ער האט געהאט אזא כוח איבער איר, אז אין א מינוט האט ער זי געקאנט איינשלעפערן. ער האט איר געקאנט זאגן אין א הייסן טאג, אז ס'איז קאלט, און זי האט גלייך גענומען ציטערן פון קעלט. ער האט איר געזאגט אין מיטן א קרירה אז ס'איז הייס, און דער קערפּער אירער איז געווארן רויט און אנגעהויבן שוויצן. ער האט זי געשטאכן מיט א נאדל און ס'איז נישט גערונען קיין בלוט. ער האט געהאט דורכגעפירט איבער איר אומצאליקע עקספּערימענטן. אבער ער האט אויך געהאט געשאפן א סיסטעם פון וואכן מעסמעריזם. ער האט איר געזאגט זאכן און זיי האבן זיך איינגעקלאמערט אין איר מוח. ער האט איר געגעבן באפעלן אויף וואכן און חדשים פאראויס און זי האט אלץ

Yasha called to Magda but she had apparently gone out. Only the crow, whom Yasha had taught to speak like a human, answered him. Every time that Yasha returned to Warsaw it was with the anticipation of favorable tidings, but the fates, which are so frequently generous to all sorts of dilettantes and amateurs, were severely sparing with him, Yasha. They never permitted him to get the best of any bargain. On the contrary, everyone took advantage of him. Yasha knew that it was all because of his attitude. He felt inferior and, sensing this, others exploited him. Having surrounded himself with a low class of people, his reward was to be treated like one of them. Emilia was the only miracle in his life, his only hope of salvation from the pit he had dug for himself.

Their introduction had been shrouded in mystery. He had not at first caught her name. He had begun to think of her, had been unable to forget her. His thoughts had rushed on of their own accord. He became inexplicably aware that she was thinking of him as much as he was of her; that she also yearned for and desired him. Through the streets of Warsaw he had roamed like a somnambulist, seeking her in coach-windows, shops, cafés, theater lobbies. On the Marshalkowska Boulevard he had looked for her, on the Nowy Swiat, on the paths of the Saxony Gardens. He stationed himself by a pillar in the Theater Square and waited. One evening, convinced of finding her, he had gone out. He walked the length of the Marshalkowska Boulevard. When he approached a shop-window, there she was, waiting, as if they had previously arranged a rendezvous—dressed in a fur collar and muff, her black eyes focused directly upon him. He moved closer and she smiled, knowingly and enigmatically. He bowed to her and she proffered her hand. And while all this was happening, she blurted, "What an odd coincidence!"

But later she admitted actually having been waiting for him there. She had had a premonition that he had heard her summon him.

4

The affluent householders had already installed telephones, but Emilia could not yet afford such a luxury. Emilia and her daughter, Halina, existed on a meager pension. All that remained from the days when the professor had been alive was the apartment and an old maid-servant, Yadwiga, who for years now had drawn no wages.

Yasha awoke early. He shaved. The apartment contained a wooden tub and Magda filled it with kettles of water. She lathered Yasha with scented soap and massaged him. And as she did she observed slyly, "When one visits a noblewoman, one must smell sweet."

"I'm not visiting any noblewoman, Magda."

"Oh, sure, sure, your Magda is a fool but she can put two and two together."

During breakfast, Yasha's mood suddenly brightened. He spoke only of testing his theory of flight, and the sooner the attempt was made the better. He would also fit her, Magda, with a set of wings. They would soar together like a goose and gander and become as world famous as Montgolfier had been over a hundred years ago. He embraced Magda, kissed her, and assured her that no matter what happened to him he would never forsake her. "Perhaps you may have to be alone for a time while I go abroad but, don't worry, I will send for you. I ask only one thing—trust me." And as he spoke, he looked into her eyes. He smoothed her hair and rubbed her temples. He had such power over her that he could put her to sleep in a minute. In the midst of a heat wave, he could tell her that she was cold and immediately she would begin to shiver. During a frost, he could convince her that she was overheated and her body would flush and perspire. He could prick her with a needle and draw no blood. He had performed innumerable experiments upon her. But he had also evolved a system of mesmerism while she was awake. He would tell her something and it would stick in her brain. He would give her commands weeks and months in advance and she would carry them out later with un-

זיי האָבן זיך איינגעביסן מיט די מיילער און אַ לאַנגע ווייל גע־שטאַנען אַזוי, ווי אין אַ פאַרמעסט ווער ס׳וועט פריִער מוזן אָפּאָטעמען. פלוצלינג האָט זי זיך אָפּגעריסן. זי האָט אים יעדעס מאָל פון ס׳ניי באַשווירן: ער מוז זיך צוימען, צוימען... זי האָט שוין פיר יאָר געלעבט אָן אַ מאַן, אָבער בעסער צו ליידן אײדער צו זיין וואולגאַר. זי האָט אַלע מאָל געזאָגט דאָס אייגענע: גאָט זעט. די נשמות פון די געשטאָרבענע זענען דאָ און קוקן זיך צו צו די מעשים פון זייערע נאָענטע. עמיליאַ האָט געהאַט אירע אייגענע רעליגיעזע איבערציייגונגען. די קאַטוילישע דאָגמע איז געווען פאַר איר נישט מער ווי אַ דיסציפּלין. זי האָט זיך געהאַט אָנגעלייענט מיט די מיסטישע ווערק פון סוועדענבאָרג, יאַקאָב בעמע. זי האָט אָפט געפירט מיט יאַשאַן שמועסן וועגן קלאַרוואָיאַנס, פאַרגעפילן, דאָס טרעפן פרעמדע געדאַנקען, אָנקניפן קאָנטאַקטן מיט גייסטער פון געשטאָרבענע. נאָך סטעפאַן כראַבאָצקיס טויט האָט עמיליאַ אַ צייט איינגעאָרדנט ביי זיך אין סאַלאָן סעאַנסן, כלומרשט אָפּגענומען גרוסן פון כראַבאָצקין דורך צייכנס פון אַ טישעלע. שפּעטער האָט זי איינגעזען, אַז די פרוי, דער מעדיום, איז אַ שווינדלערין. דער מיסטיציזם

האָט זיך ביי עמיליאַן אויף אַן אויסטערלישן אופן געהאַט צונויפגעגאָסן מיט סקעפּטיציזם און שטילן הומאָר. זי האָט געלאַכט אויס יאַדוויגאַן און אויס דעם באַשיידער פון חלומות, וואָס זי האָט אַלע מאָל געהאַלטן אונ־טערן קישן, אָבער זי אַליין, עמיליאַ, האָט געגלויבט אין חלומות. נאָך כראַבאָצקיס טויט האָבן עטלעכע קאָלעגן זיינע געמאַכט עמיליאַן אַ פאָרשלאָג, אָבער כראַבאָצקי איז איר געקומען צו חלום און איר גע־הייסן זיי אָפּוואַרפן. איין מאָל האָט ער זיך אַפילו באַוויזן צו איר ווען זי איז געגאַנגען פאַר נאַכט אויף די טרעפּ. זי האָט געגעבן יאַשאַן אָנצו־געהערן, אַז זי איז פאַרליבט אין אים ווייל דער כאַראַקטער זיינער איז ענלעך צו כראַבאָצקיס און אַז זי האָט סימנים, אַז כראַבאָצקי שטימט איין אויף דעם דאָזיקן שידוך... עמיליאַ האָט איצט אָנגענומען יאַשאַן ביי בײדע האַנט־געלענקען, אים צוגעפירט (אויף הינטערווייילעכץ) צו אַ שטול, אים אַוועקגעזעצט ווי אַ שטיפעריש קינד. זי האָט צו אים אַ זאָג געטאָן:

— זיצט. וואַרט.

— ווי לאַנג זאָל איך וואַרטן?

— אַלץ הענגט אָפּ אָן אייך...

און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגן אים אויף אַ שעזלאָנג. דאָס אָפּרייסן זיך פון אים איז געווען פאַר איר אַ פיזישע אָנשטרענגונג. זי איז געזעסן אַ ווייל אָן אָנגערויטלטע, אַ פאַרשוויגענע און ווי געפּלעפט פון איר אייגענער תאווה. ס׳האָט דערקאַנט אָן איר ברוסט, אַז זי אָטעמט גיך.

זיי האָבן גענומען רעדן די אָפּגעריסענע רייד פון נאָענטע, וואָס האָבן זיך שוין נישט געזען אַ צייט און פּרוּוון צוריק אָנקניפּן די אָפּגעריסענע פעדעם. האַלינאַ איז געווען מיט צוויי וואָכן צוריק נישט געזונט. זי, עמיליאַ, האָט אויך געהאַט די גריפּע. כ׳האָב דאָך אייך געשריבן, נישט? ניין? נו, פאַרגעסן. איצט איז אַלץ בעסער. האַלינאַ? אַוועק אַליין אין גאָרטן לייענען אַ בוך. האָט זיך שרעקלעך אַריינגעלאָזט אין לייענען, אָבער אַלץ אָזוינע נאַרישע ביכער. גאָט, ווי שלעכט די ליטע־ראַטור איז געוואָרן! איינפאַך — ביליק... דער מאַי איז געווען אַ קאַל־טער. ס׳איז אַפילו אָנגעפאַלן אַ שניי. אין טעאַטער? ניין, מיר זענען אין ערגעץ נישט געגאַנגען. אַחוץ דעם וואָס די בילעטן זענען טייער, שפּילט מען אָזוינע נאַרישע פּיעסן. אַלץ איבערגעזעצטע פון פראַנצוי־זיש און שלעכט רעזשיסירט. די אייביקע געשיכטע מיטן דרייעק... אָבער פאַר וואָס דערציילט איר בעסער נישט וועגן זיך? ווו האָט איר אַרומ־געוואָגלט די אַלע וואָכן? ווען איר פאָרט אַוועק, ווערט אַלץ ווי אָן אַ האָפט. עס דוכט זיך מיר, אַז ס׳איז אַלץ נישט מער ווי אַ חלום. אָבער אַז ס׳קומט אָן אַ בריוו, איז בעסער. נו, און מיט אַ מאָל פאַלט אַריין האַלינאַ מיט אַ פרייד: אייער נאָמען איז געווען אין קוריער. האַ? עפּעס אַ נאָטיץ. האַלינאַ איז איבערצייגט, אַז יעדער איינער, וואָס זיין נאָמען באַוויזט זיך אין צייטונג איז אַ האַלבער גאָט, כאָטש ער אַפילו זיין אַן איבערגעפאָרענער פון אַן אָמניבוס... וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכט איר? איר זעט אויס גוט, מ׳דערקאָנט נישט אויף אייך, אַז איר האָט געבענקט... וואָס ווייס איך איבערהויפּט וועגן אייך? איר זענט געווען און געבליבן אַ מיסטעריע. וואָס מער איר דערציילט וועגן זיך, אַלץ ווייניקער קאָן איך אייך דערגיין. איר האָט ווייבער איבער גאַנץ פּוילן. איר שלעפּט זיך אַרום אין אַ בויד ווי אַ ציגיינער. ווירקלעך, קאָמיש. אַ מענטש מיט אייער טאַלענט און אַזוי צוריקגעשטאַנען. טייל מאָל דוכט זיך מיר, אַז אייער גאַנצע אויפפירונג איז ווי אַ שפּאַס אויס זיך אַליין און דער גאַנ־צער וועלט... האַ? וועגן אונדז ווייס איך איבערהויפּט נישט. אַלע אייערע פּלענער הענגען אין דער לופט. כ׳האָב מורא אַז אַלץ וועט זיך אַזוי ציִען ביז מיר וועלן ביידע ווערן גרוי און אַלט...

— כ׳בין געקומען איצט צו דיר און מיר וועלן זיך מער נישט שיידן! — האָט ער געענטפערט, פאַרבליפט פון די אייגענע רייד. ער האָט ביז איצט נישט געהאַט אָנגענומען קיין שום באַשלוס.

— האַ? נו, דאָס זענען גרויסע ווערטער. דאָס האָב איך געוואָלט הערן.



They remained locked in their kiss as if it were a contest to see who would take the first breath. Suddenly she tore herself loose. She always had to make him promise to control himself. She had lived four years already without a man, but it was better to suffer than to act promiscuously. She always observed: God sees all. The souls of the dead are ever present and behold the deeds of their near ones. Emilia had her own religious convictions. The Catholic dogma was to her nothing more than a set of rules. She had read the mystic writing of Svedenborg, Jakob Boehme. With Yasha she often discussed clairvoyance, premonitions, mind-reading, and communication with the spirits of the dead. After Stephan Chrabotzky's death, she conducted seances for a time in her salon, supposedly exchanging greetings with Chrabotzky through table-tipping. Later, she realized that the medium, a woman, was a charlatan. The mysticism had through some strange fashion blended within Emilia with skepticism and a quiet sense of humor. She ridiculed Yadwiga and the Egyptian book of dream interpretations which the servant kept under her pillow —yet she, Emilia, believed in dreams herself. After Chrabotzky's death, several of his colleagues proposed marriage to her, but her dead husband had appeared before her in a dream and urged her to reject them. Once he even materialized before her as she was walking up the stairs at dusk. She revealed to Yasha that she loved him because his character was so like Chrabotzky's and that she had indications that Chrabotzky approved the match. She now took Yasha by both his wrists, guided him to a chair and sat him down as one would a mischievous child.

"Sit. Wait," she said.

"How long must I wait?"

"It all depends on you."

She sat down facing him, in a chaise longue. Her tearing herself away from him had been for her a physical effort. She sat, momentarily flushed as if surprised at her own lust.

They began to converse in the severed phrases of intimates who have been parted and try to bind up the broken threads. Halina had been ill two weeks ago. She, Emilia, had also had the grippe. "I wrote you that, didn't I? Well, I've forgotten . . . Yes, everything is fine now . . . Halina? Gone to the park to read. Very absorbed in books now—but such trash! God, how bad literature has become! Common, cheap . . . Wasn't this May a cold one? Snow, even . . . The theater? No, we went nowhere. Aside from the fact that tickets are exorbitant, the quality of the plays is so absurd . . . Everything translated from the French, and poorly translated at that. The eternal triangle . . . But wouldn't you rather talk about yourself? Where did you wander all these weeks? When you leave everything seems unreal. It all seems like a dream to me. But when a letter comes, the world is all right again. Well, and all of a sudden Halina comes running in all excited—you've been mentioned in the *Courier* . . . What? Some sort of a write-up. Halina is convinced that anyone whose name is mentioned in the newspapers is a demi-god, even if it is because the person has been struck by an omnibus . . . And how are you? You're looking well. You don't appear to have missed us. What do I really know about you? You always were and you still are, an enigma. The more you talk about yourself, the less I can figure you out. You have women all over Poland. You drag yourself around in a covered wagon like a gypsy. It's really amusing. A person with your talent and so unadvanced. Often I think that your entire conduct is a joke on yourself and the world. . . . What's that? About us I certainly couldn't tell you a thing. All our plans are suspended in the air. I'm afraid that everything will drag on like this until we're both old and gray. . . ."

"I've come to you now and we won't be separated again!" he said, amazed at his own words. Until just now he had not yet made a decision.

"What's that?—Well, that's what I've been waiting for. This is what I've wanted to hear!"

און די אויגן אירע זענען געוואָרן פייכט. זי האָט זיך אָפּגעקערט פון אים און ער האָט זי געזען אין פּראָפיל. באַלד האָט זי זיך אויפגעהויבן און איצט אָנזאָגן יאַדוויגאַן זי זאָל אַריינברענגען קאַווע. יאַדוויגאַ האָט

שוין סיי ווי געהאַט אויפגעזאָטן קאַווע. זי האָט אַליין געמאָלן די קאַווע אויף אַ קאַווע־מילעכל לויט דעם אַלטפּוילישן מנהג. דער אַראָמאַט האָט זיך אַריינגעריסן אין סאַלאָן. יאַשאַ איז געבליבן אַליין. נו, אַלץ איז באַשטימט, האָט ער צו זיך געמורמלט. ס'האָט אים אָנגענומען אַ ציטערניש. ער האָט מיט דעם דאָזיקן זאָג אַזוי גוט ווי געחתמעט דעם גורל. אָבער וואָס וועט זיין מיט אסתרן? און מיט מאַגדאַן? און ווו וועט ער נעמען געלט? און איז ער באמת קאַפּאַבל צו בייטן די אמונה?... כ'קאָן אָן איר נישט לעבן! — האָט ער זיך ווי געענטפערט. ער איז מיט אַ מאָל געוואָרן פול מיט אומגעדולד ווי אַן אַרעסטאַנט, וואָס מ'האַלט אים ביי אַרויסלאָזן אויף דער פריי און יעדע שעה ווערט לאַנג ווי אַן אייביקייט.

ער האָט זיך אויפגעריסן פון אָרט. אויפן האַרץ איז אים געווען שווער, אָבער די פיס זענען אים געוואָרן משונה גרינג. איצט וואָלט איך געקאָנט מאַכן נישט קיין קאָזשעליק אויף אַ דראָט, נאָר דריי מיט אַ מאָל. אָבער ווי אַזוי האָב איך געקאָנט אָפּלייגן אַזוי לאַנג?... ער איז צוגעלאָפן צום פענצטער, פאַרשאַרצט דעם גאַרדין, געקוקט אויף די זאַפטיקע קאַשטאַנביימער פון זאַקסישן גאָרטן, אויף די אַלע גימנאַזיסטלעך, פאָנעלעך, באָנעס, פּאָרלעך, וואָס האָבן אַרומשפּאַצירט אויף די אַלעען. אַ שטייגער דער דאָזיקער שייגעץ מיט די פלאַקסענע האָר און די שיקסע מיט די ווייַנשל אויפן שטרויהוט. זיי האָבן געשפּאַנט ווי צוויי גייענדיקע פייגל, זיך אָפּגעשטעלט, ווידער געמאַכט אַ שפּאַן, זיך געדרייט אויף איין אָרט, זיך באַקוקט, באַשמעקט, געמאַכט די שטיק, וואָס נאָר די ליבע קאָן אַרויסברענגען. זיי האָבן זיך ווי געגרייט צו אַ געפעכט, אָדער צו אַזאַ סאָרט טאַנץ פון די געשלעכטער. אָבער וואָס זעט ער אין איר? ווי בלוי ס'איז היינט דער הימל! בלאָס־בלוי ווי אַ פרוכת, וואָס מ'העגנט אויף אין שול אין די ימים־נוראים...

יאַשאַ האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר דעם דאָזיקן פאַרגלייך. נו, גאָט איז גאָט, אַלץ איינס צי מ'דאַוונט פאַר אים אין אַ שול אָדער אַ קירך. עמיליאַ האָט זיך אומגעקערט. ער איז איר אַקעגנגעקומען.

— אָ, ווען זי פאַרבריט קאַווע, פאַרשמעקט זי דאָס גאַנצע הויז. ס'זעלבע ווען זי קאָכט.

— וואָס וועט זיין פון איר? — האָט ער געפרעגט. — מיר וועלן זי מיטנעמען קיין איטאַליע.

עמיליאַ האָט אַ ווייל נאָכגעטראַכט.

— ס'האַלט דען שוין דערביי?

— כ'בין אַנטשלאָסן אויף אַלץ.

— נו, מירן דאַרפן אַ דינסט אויך. אָבער ס'איז אַלץ רייד, רייד.

— ניין, עמיליאַ, דו ביסט שוין אַזוי גוט ווי מיין ווייב.

ו

ס'האָט געקלונגען אין דער דרויסן־טיר. עמיליאַ האָט זיך אַנטשולדיקט, איבערגעלאָזט יאַשאַן אַליין. ער איז געבליבן זיצן שטיל אַ שטייגער ווי עמיץ פאַר וועמען ער באַהאַלט זיך אויס, וואָלט אים געקומען זוכן און ער טאָר נישט געבן קיין צייכן, אַז ער איז דאָ. עמיליאַ איז שוין געווען אַזוי גוט ווי קאָמפּראָמיטירט דורך אים, אָבער זי האָט אים נאָך אַלץ אויסבאַהאַלטן פאַר די נאָענטע. ער איז געבליבן אַ סאָרט רואה־ואינו־נראה. ער איז געזעסן און זיך איינגעקוקט אין מעבל, אין טעפּיך. אין דעם שענקל־זייגער האָט זיך פּאַמעלעך געוויגט דאָס פענדל. גאָלדיקע פלעקן זון זענען געפאַלן אויף די פּריזמעס פון זשיראַנדאָל, אויפן אַלבום געבונדן אין באָרדאָ סאַמעט. פון ערגעץ ביי אַ שכן האָבן זיך דערטראָגן אַהער אַקאָרדן פון אַ פּיאַנאָ. ס'האָט זיך געדוכט, אַז ביי יענע, וואָס וווינען דאָ, זאַמלט זיך קיין מאָל נישט אָן קיין שטויב, קיין איבעריקע זאַכן, קיין שלעכטע ריחות, קיין צעיאָכמערטע געדאַנקען.

יאַשאַ האָט אָנגעשפּיצט דאָס געהער. עמיליאַ האָט געהאַט דאָ אין שטאָט עטלעכע ווייטע קרובים. זיי פלעגן קומען אומגעבעטן. ס'האָט שוין אַפילו געהאַט געטראָפן, אַז ער, יאַשאַ, האָט געמוזט אַרויס דורך דער קיך־טיר... ער האָט סיי געלויערט, סיי געפּרוווט איבערטראַכטן די לאַגע. אויף דורכצופירן דעם פּלאַן מוז ער האָבן געלט, נישט ווייניקער פון פופצן טויזנט רובל. געלט קאָן ער קריגן בלויז אויף איין שטייגער.

And her eyes grew moist. She turned her face aside and he saw her in profile. Presently she rose to tell Yadwiga to serve the coffee. The woman had already brewed it, unbidden. She had ground it herself in a coffee-grinder according to old Polish tradition. The aroma permeated the drawing-room. Yasha was left alone. Well, everything is fate, he mumbled to himself. He was seized by a tremor. With those few words to Emilia, he had just about sealed his destiny. But what would become of Esther now? And Magda? And where would he get the money he needed? And was he truly capable of changing his religion? I cannot live without her! he replied to himself. He was filled suddenly with the impatience of a convict awaiting his release, every hour an

eternity. He stood up. Though his heart was heavy, his feet felt uncommonly light. Right now I could turn not one but three somersaults on the tightrope! How could I have put it off this long? Yasha skipped to the window, turned aside the draperies, gazed out at the luxuriant chestnut trees in the Saxony Gardens, at all the schoolboys, young fops, governesses, and couples who strolled along its paths. For example, that young fellow with the flaxen hair and his girl in the straw hat with the cherries! They strutted like two birds, stopped, took another step, moved about in one spot, looked at each other, sniffed one another, played at the games only lovers know. They seemed to be precipitating a tussle or a kind of dance of the sexes. But what was it he saw in her? And how blue the sky was today! Pale blue like the curtain which hung in the temple during the Days of Awe.

Yasha felt a pang of doubt at the comparison. Well, God was God, whether you prayed to Him in the synagogue or in church. Emilia came back. He walked towards her.

"When she brews coffee she smells up the whole house. It's the same when she cooks."

"What will become of *her?*" he asked. "Will we take her along with us to Italy?"

Emilia pondered a moment.

"Are we at that stage already?"

"My mind is made up."

"Well, we'll require a servant too. But it's all idle chatter."

"No, Emilia, it's just as if you were my wife already."

## 6

The doorbell rang. Emilia excused herself and left Yasha alone once again. He remained still, as if he were in hiding and afraid to reveal his presence to someone who sought him. He had already compromised Emilia, but she still concealed him from her relatives. He had become like one who sees but is himself invisible. He sat there and stared at the furniture, at the rugs. The pendulum in the grandfather clock swung slowly. Golden flecks of sunlight glanced off the prisms of the chandelier, off the album bound in red velvet. From a neighbor's house, piano chords drifted. He had always admired the cleanliness of this apartment, the affluent tidiness. Everything was placed where it belonged. There wasn't a hint of dust anywhere. Those who lived here never seemed to accumulate dirt or anything else superfluous, no disagreeable odors, no disconcerting thoughts.

Yasha listened intently. Emilia had several distant relatives living in town. They frequently dropped in uninvited. Yasha sometimes had had to leave through the kitchen entrance. While he listened, he tried to evaluate his situation. To realize his plans he would need money, at least fifteen thousand rubles. He could only obtain that much money one way.

אבער איז ער צוגעגרייט דערצו? איז ער ווארהאפטיק אנטשלאסן אויף אזא שריט? דאס האבן צו טאן מיט א סך ווייבער האט אים פארוואנדלט אין איינעם, וואס לעבט מיט דער מינוט, פארלאזט זיך אין גאנצן אויף אימפולסן, אינספיראציע. ער האט געמאכט פלענער, אבער אלץ איז געבליבן אפן. ער האט גערעדט וועגן ליבע, אבער ער האט זיך נישט אפגעגעבן קיין רעכענונג וואס ער מיינט דערמיט און וואס דער צווייטער צד פארשטייט אונטער דעם. ביי דער גאנצער זינדיקייט האט ער אלע מאל געשפירט די האנט פון דער השגחה. כוחות האבן אים אלע מאל געטריבן אפילו אין דער קונצנמאכעריי. אבער קאן ער פארלאנגען, אז גאט זאל אים פירן צו גנבה און שמד?... ער האט זיך צוגעהערט סיי צו די טענער פון דער פיאנא, סיי צו זיך אליין. פאר יעדער טאט האט זיך געוויינלעך אנגערופן אין אים א קול, וואס האט גערעדט קלאר, באפוילן שטרענג, אנגעגעבן אלע איינצלהייטן. אבער דאס מאל איז געבליבן אין אים א געפיל פון אפווארטעניש. עפעס האט נאך געזאלט געשען, עפעס האט זיך נאך געזאלט ענדערן. ער האט ערגעץ געהאט פארצייכנט א ליסטע מיט בענק און אדרעסן פון רייכע לייט, וואס האלטן געלט אין אייזערנע קאסעס, אבער ער האט נישט אויסגעפארשט קיין איינע פון די דאזיקע מעגלעכקייטן. ער האט שוין ערגעץ־ווו געהאט אויסגעקראצט א פארענטפערונג פאר אזא טאט און א צוזאג אלץ אומצוקערן מיט פראצענט ווען ער וועט מאכן א קאריערע אין אויסלאנד, אבער ער האט נאך ווייט נישט געמאכט קיין שלום מיטן געוויסן. ס'איז געבליבן דער פחד, דער עקל, די פאראכטונג צו זיך אליין. ער האט געשטאמט פון ערלעכע לייט. די זיידעס פון בידע צדדים האבן געהאט א נאמען מיט זייער ערלעכקייט. אן עלטער־זיידע זאל האבן נאכגעפארן א סוחר קיין לענטשנא אים אפצוגעבן א פארגעסענעם גריוועניק...

די טיר האט זיך געעפנט און אויף דער שוועל איז געשטאנען האלינא: בלאנד, הויך־אויפגעשאסן פאר אירע פערצן יאר, מיט בלאנדע צעפ, העל־בלויע אויגן, א גלייכער נאז, פולע ליפן און מיט דער דורכזיכטיקער ווייסקייט אין דער הויט, וואס איז אייגן פאר יענע, וואס לידן פון בלוט־ארעמקייט און שוואכע לונגען. זי איז געהאט אויפגעוואקסן אין דער קורצער צייט, וואס ער איז דא נישט געווען, און זי האט זיך עפעס ווי געשעמט דערמיט. זי האט געקוקט אויף יאשאן האלב־א־דערפרייטע, האלב־א־פארווירטע. האלינא איז געראטן אין פאטער. זי האט געהאט אויף זיך דעם קאפ פון א וויסנשאפטלער. זי האט אלע מאל אלץ געוואלט פארשטיין: יעדע קונץ וואס ער, יאשא, האט געוויזן; יעדעס ווארט, וואס ער האט גערעדט מיט דער מוטער ווען זי, האלינא, איז געווען דערביי. זי האט א סך געלייענט, געזאמלט אינזעקטן, געקאנט שפילן שאך, געשריבן פאעזיע. זי האט זיך שוין באצייטנס געלערנט איטאליעניש אויך... א ווייל האט זי זיך געקווענקלט. דערנאך איז זי צוגעלאפן צו יאשאן מיט א קינדישן לויפעניש. זי איז אריינגעפאלן אין זיינע ארעמס.

— אנקל יאשא!

און זי האט אים געקושט און זיך געלאזט פון אים קושן.

זי האט אים גלייך באשאטן מיט פראגן. ווען איז ער געקומען? איז ער דאס מאל אויך געפארן מיט דער בויד? האט ער באגעגנט חיות אויפן וועג? זענען אים באפאלן גזלנים? און וואס טוט די מאלפע, די קרא, דער פאפוגיי? און וואס טוען די פאוועס אין דעם הויף זיינעם אין לובלין, און די שלאנג, און די טשערעפאכע? וועט ער ווירקלעך מאכן א קאזשעליק אויף א דראט ווי ס'איז געווען געמאלדן אין גאזעט? איז דאס געמאלט? האט ער געבענקט נאך איר, האלינאן, און נאך מאמא?... אויסגעזען האט זי שיער נישט ווי א דערוואקסענע, נאר גערעדט האט זי נאך אלץ ווי א קינד. אבער ס'איז געווען דערין א געמאכטקייט, א שפילעוודיקייט. יאשא האט א זאג געטאן:

— האסט אויפגעשאסן ווי א בוים!

— אלע ווארפן מיר נאר פאר מיין וווקס! — האט זי געענטפערט מיט א קינדישן פארוואורף. — גלייך ווי ס'איז מיין שולד... כ'ליג אין בעט און כ'פיל ווי כ'וואקס. א שרעטל ציט מיך ביי די פיס. כ'וויל גארנישט וואקסן. כ'וויל שטענדיק בלייבן א קליינע. וואס זאל איך טאן, אנקל יאשא? איז פאראן אזא גימנאסטיק צו בלייבן פעטיט? זאגט מיר, אנקל יאשא!

און זי האט אים געטאן א קוש אין שטערן.

נו, אזוי פיל ליבע, אזוי פיל ליבע, האט יאשא געטראכט. געזאגט האט ער:

— יא, ס'איז דא.

— וואס איז עס?

— מירן דיך אריינזעצן אין דעם שענקל־זייגער און פארמאכן דאס טירל. וועסט נישט קאנען וואקסן העכער פון דער אויסהוילונג.

האלינא איז גלייך אריינגעפאלן אין אנטציקונג.

— גאט אין הימל, אויף אלץ האט ער א פארטל! ווי שנעל זיין געדאנק לויפט! ער דארף גארנישט קלערן. מיר וואלט געדויערט צען טויזנט יאר ביז דאס וואלט מיר איינגעפאלן. ווי אזוי ארבעטן אייערע געהירן, אנקל יאשא?

— עפן אויף דאס דעקל און קוק אריין. עלעהיי אין געווערק פון א זייגער.

But again, was he prepared for such a step? Being intimate with many women had transformed him into one who lived for the moment, guided himself only by impulse and inspiration. He made plans but everything remained fluid. He spoke of love, but he could not truthfully account to himself what he meant by it, nor what Emilia understood it to be. And during all his transgressions he had always sensed the hand of Providence. Hidden forces propelled him always, even during his performances. But could he expect God to lead him into theft and apostasy? Listening to the notes of the piano, he heard his own thoughts simultaneously. Before every action, a voice within him usually made itself audible, spoke clearly, commanded sternly, proposed all the details. But this time he experienced a sense of anticipation. Something else was scheduled to occur, something was still to be altered. In his notebook he had a list of banks and addresses of wealthy people who kept their money in metal strongboxes, but he had not followed up these possibilities. He had already managed to justify the deed he contemplated, for he had sworn a promise to return everything with interest, once he had won fame abroad, but he had not yet been able to appease his conscience. Fear, disgust, and self-contempt remained. He was descended from people of honor. His grandfathers, on both sides, were famous for their honesty. A great-grandfather once trailed a merchant to Lenczno to pay back a forgotten ten groschen . . .

The door opened and Halina appeared in the doorway: fair, suddenly tall for her fourteen years, with blonde pigtails, light blue eyes, a straight nose, full lips and the transparent paleness of skin peculiar to those afflicted with anemia and weak lungs. She had grown during the short time he had been away, and she seemed ashamed of it. She looked at Yasha, pleased and confused at once. Halina took after her father—she had the mind of a scientist. She yearned to understand everything: each trick that he, Yasha, performed, every word that he spoke to her mother while she, Halina, was present. She was an avid reader, collected insects, could play chess, write poetry. She was studying Italian already . . . For a moment she seemed to hesitate. Then she charged at Yasha with a childish leap and fell into his arms.

"Uncle Yasha!"

She kissed him and let herself be kissed in return.

She promptly besieged him with questions. When had he come? Had he traveled by wagon this time too? Had he seen any wild beasts in the forest? Had he been stopped by highwaymen? How was the monkey? The crow? The parrot? How were the peacocks in his yard at Lublin? And the snake? The turtle? Would he actually perform a somersault on the wire as announced in the newspapers? Was this possible? Had he missed them—her and Mama? She seemed almost full grown, yet she chattered on like a child. But there was a sense of artificiality as well as playfulness.

"You've shot up like a tree!" Yasha said.

"Everyone refers to my height!" she pouted with childish reproof. "Just as if it were my fault. I lie in bed and I feel myself growing. An imp tugs at my feet. I don't want to grow at all. I should like to remain little always. What shall I do, Uncle Yasha? Is there an exercise to make one remain small? Tell me, Uncle Yasha!" and she kissed his forehead.

So much love! So much love! Yasha mused. Aloud he said, "Yes, there is a way."

"How?"

"We'll put you in the grandfather clock and lock the door. You won't be able to grow taller than the cabinet."

Halina perked up immediately.

"He has a solution for everything! How quickly his mind works! He doesn't have to think at all! How does your brain work, Uncle Yasha?"

"Why don't you take off the lid and look inside? It's just like the mechanism of a clock."

— שוין ווידער א זייגער? אָ, איר רעדט היינט נאָר וועגן זייגערס. אפשר גרייט איך צו עפּעס א טריק מיט א זייגער? האָט איר געלייענט אין „קוריער"? איר זענט באַרימט. גאַנץ וואַרשע רעדט וועגן אייך מיט באַוווּנדערונג. פאַר וואָס האָט איר זיך אַזוי לאַנג געזאַמט, אַנקל יאַשאַ? איך בין געווען נישט־געזונט און איך האָב זיך יעדע מינוט געפרעגט וועגן אייך. איר האָט זיך מיר געחלומט אויך. מאַמאַ האָט אויף מיר אָנגעשריגן פאַר וואָס איך רעד אַזוי פיל וועגן אייך. זי איז שרעקלעך איפערזיכטיק! — האָט האַלינאַ א זאָג געטאָן און זיך פאַרשעמט פאַר די אייגענע ווערטער. א רויטקייט איז אויפגעקומען אין אירע באַקן. אין דער רגע איז אַריינגעקומען עמיליאַ.

— נו, דיין אַנקל יאַשאַ איז שוין ווידער דאָ. איך קאָן אייך נישט זאָגן וויפל מאָל זי האָט זיך געפרעגט אויף אייך.

— זאָג נישט, מאַמאַ, זאָג נישט. ער וועט נאָך ווערן ביי זיך פאַרריסן. ער מיינט, אַז ווייל ער איז אַ גרויסער קינסטלער און מיר זענען פּיצעמאָנקע מענטשעלעך, דאַרף ער זיך איבער אונדז גרויסן. גאָט איז נאָך גרעסער פון אייך, אַנקל יאַשאַ. ער קאָן נאָך מאַכן גרעסערע קונצן...

עמיליאַ איז גלייך געוואָרן ערנסט.

— זיי אַזוי גוט און דערמאָן נישט גאָטס נאָמען אומזיסט און אומנישט. ער איז נישט קיין טעמע פאַר שפּאַס.

— כ'שפּאַס נישט, מאַמאַ.

— ס'איז אַרויס א נייע מאָדע: אַריינצוברענגען גאָט אין יעדער פּלאַפּלעריי...

האַלינאַ האָט א וויילע איבערגעטראַכט.

— מאַמאַ, כ'בין שרעקלעך הונגעריק.

— אַזוי גאָר?

— יאָ, אויב כ'זאָל פאַסטן נאָך צען מינוט, מוז איך גלייך שטאַרבן...

— אָ, ווי זי פּלוידערט! ווירקלעך, ווי א קינד פון זעקס יאָר. גיי אַריין צו יאַדוויגאַן און זאָג איר, אַז דו ווילסט עסן.

— און דו, מאַמאַ, ביסט נישט הונגעריק?

— ניין. איך בין נישט הונגעריק צווישן איין מאָלצייט און דעם צווייטן.

— האָסט גאָרנישט געגעסן, מאַמאַ. דו טרינקסט א גלאָז קאַקאַאָ און דאָס הייסט ביי דיר פרישטיק. וואָס איז מיט אייך, אַנקל יאַשאַ?

— איך וואָלט געקאָנט אויפעסן א העלפאַנט.

— טאָ קומט און לאָמיר אים אויפעסן צוזאַמען...

ז

יאַשאַ איז געזעסן מיט מוטער און טאָכטער צוזאַמען און אַלע דריי האָבן געגעסן א צווייט אָנבייסן, טאַקע די גוטע זאַכן, וואָס יאַשאַ האָט געבראַכט: דעם לאַקס, די סאַרדינען, דעם שווייצער־קעז. יאַדוויגאַ האָט אַריינגעטראָגן קאַווע מיט שמאַנט. האַלינאַ האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. זי האָט געלויבט און זיך געקוויקט מיט יעדן ביסן. אַך, ווי גוט דאָס שמעקט! ס'צעגייט אין מויל! די פרישע זעמעלעך האָבן איר געקנאַקט צווישן די ציין. עמיליאַ האָט געקייט פּאַמעלעך, ווי ס'פּאַסט פאַר א וווּיל־דערצויגענער דאַמע. יאַשאַ אַליין איז אויך געוואָרן הונגעריק. יאַשאַ האָט אַלע מאָל אויסגעקוקט אויף די דאָזיקע מאָלצייטן מיט עמיליאַן און האַלינאַן. מיט אסתרן האָט ער געהאַט ווייניק וואָס צו רעדן. זי האָט גאָרנישט געקאָנט אַחוץ איר ווירטשאַפט און דעם וואַרשטאַט. דאָ האָט דער שמועס זיך געוויקלט פון זיך אַליין. ס'איז געקומען צו רייד וועגן היפּנאָטיזם. עמיליאַ האָט וויפל מאָל געוואָרנט יאַשאַן ער זאָל נישט אַרויספירן אויף אַזעלכע טעמעס ווען האַלינאַ איז דערביי, אָבער ער האָט דאָס נישט געקאָנט אויסמיידן. מ'האָט אים אַנאָנסירט אין די צייטונגען ווי א היפּנאָטיזאַטאָר. האַלינאַ איז געווען צו קלוג און צו נייגעריק מ'זאָל זי קאָנען אָפּשטערן מיט עפּעס א וואָרט. דערצו האָט זי געלייענט ביכער פאַר דערוואַקסענע. פּראָפעסאָר כראַבאַצקי האָט געהאַט איבערגעלאָזט א גרויסע ביבליאָטעק. דעם פּראָפעסאָרס קאָלעגן פון אוניווערסיטעט און די אַמאָליקע תלמידים האָבן אַריינגעשיקט עמיליאַן ווייטערע ביכער און סעפּאַראַטע אָפּדרוקן פון וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן. האַלינאַ האָט אַלץ דורכגעקוקט. זי האָט געוווּסט פון מעסמערן און זיין פּראָצעס. זי האָט ערגעץ געלייענט וועגן שאַרקאָ, זשאַנעי. די פּוילישע צייטונגען האָבן געשריבן אַרטיקלען וועגן דעם היפּנאָטיזאַטאָר פעלדמאַן, וואָס האָט אַרויסגערופן א סענסאַציע אין די פּוילישע סאַלאָנען. מ'האָט אים אַפילו געלאָזט דעמאָנסטרירן אין שפּיטאָלן און אין פּריוואַטע קליניקעס. האַלינאַ האָט צום וויפלטן מאָל געפרעגט יאַשאַן די אייגענע פראַגע: ווי אַזוי קאָן איין מענטש אַנוואַרפן זיין ווילן אויפן צווייטן? ווי אַזוי קאָן מען עמעצן איינשלעפערן בלויז דורך קוקן אויף אים? ווי אַזוי קאָן מען מאַכן, אַז עמיץ זאָל ציטערן פון קעלט בעת אין דרויסן איז א היץ אָדער אין שטוב איז געהייצט דער אויוון? יאַשאַ האָט א זאָג געטאָן:

— כ'ווייס אַליין נישט. דאָס איז דער אמת.

— איר טוט דאָך עס אַליין.

— ווייסט די שפּין ווי אַזוי זי מאַכט שפּינוועבס?

— אָ, ער פאַרגלייכט זיך שוין צו א שפּין! שפּינען האָב איך פיינט, שרעקלעך פיינט. אייך, אַנקל יאַשאַ, האָב איך ליב.

— דו רעדסט צו פיל, האַלינאַ — האָט עמיליאַ זיך אָנגערופן.

"More clocks? That's all you have on your mind today—clocks. Are you working on a new trick with a clock? Have you read the *Courier*? You're famous! All Warsaw admires you. Why did you stay away so long, Uncle Yasha? I was ill and I called for you every minute. I dreamed about you, too. Mama scolded me because I talked so much about you. She is terribly jealous!" Halina said, blushing at her own words. Just then, Emilia walked in.

"So, your Uncle Yasha is here again. I can't tell you how often she asked about you."

"Don't tell him, Mama, don't tell him. He will become spoiled. He thinks that because he is a great artist and we are insignificant little people he can lord it over us. God is mightier than you, Uncle Yasha. He can perform even finer tricks."

Emilia quickly grew stern. "Do not take the Lord's name in vain. It is no subject for levity."

"I'm not joking, Mother."

"That's the latest fashion: to bring God into every senseless conversation."

Halina seemed lost in thought for a moment.

"Mama, I'm simply starved."

"Oh?"

"Yes, if I don't eat something in the next ten minutes, I'll just die."

"Oh, how you carry on. Like a child of six. Tell Yadwiga to give you something to eat."

"And you, Mama, aren't you hungry?"

"No, I manage to survive from one meal to the next."

"But you hardly eat, Mama. A glass of cocoa means breakfast to you. How about you, Uncle Yasha?"

"I could eat an elephant."

"Come on, then, let's eat him together."

7

Yasha sat down with mother and daughter and they all ate their second breakfast, all the delicacies that Yasha had brought: the sturgeon, the sardines, the swiss cheese. Yadwiga brought coffee with cream. Halina ate with gusto, praising and enjoying every mouthful. "How good this smells! It melts in your mouth!" The crusts of the freshly baked rolls crackled between her teeth. Emilia chewed in a slow ladylike way. Yasha himself ate with enjoyment. He looked forward to these snacks with Emilia and Halina. With Esther, he had little to talk about. She knew nothing beside her housewifely chores and her sewing business. Here, the conversation came easily. It turned to hypnotism. Emilia had often warned Yasha not to discuss this subject before Halina, but he could not very well avoid it. He was advertised in the newspapers as a hypnotist, and Halina was too clever and curious to be dissuaded with a word. Besides, she read adult books. Professor Chrabotzky had left an extensive library. His colleagues from the university and former pupils sent Emilia textbooks and tear-sheets from scientific journals. Halina examined everything. She was familiar with Mesmer, his theories and his trials, had read about Charcot and Janet. The Polish newspapers printed articles about the hypnotist, Feldman, who had caused a sensation in various Polish salons. He had even been permitted to demonstrate his powers in hospitals and private clinics. For the millionth time Halina asked Yasha the same question: How could one person inject his will into another? How was it possible for one person to put another to sleep by looking at him? How could someone be made to shiver with cold in the hottest weather, or in an overheated room?"

"I don't know the answer myself," Yasha said. "That's the honest truth."

"But you've done these things yourself."

"Does the spider know how it spins its web?"

"Oh—now he compares himself to a spider! I hate spiders, I despise them! You, Uncle Yasha, I adore."

"You talk too much, Halina," Emilia interrupted.

— כ'וויל וויסן דעם אמת.

— דעם פֿאָטערס טעכטערל. נאָר זי וויל וויסן דעם אמת.

— צו וואָס, מאַמאַ, ווערט מען געבוירן? צו וואָס שרייבט מען די אַלע ביכער? אַלץ פֿאַרן אמת. מוטערל, כ'בעט דיך אַ גרויסע געפֿעליקייט.

— כ'ווייס שוין פֿאָרויס. ניין!

— מוטערל, כ'פֿאַל פֿאַר דיר אויף די קני און בעט דיך. האָב רחמנות!

— קיין שום רחמנות. ניין!

דאָס האָט האַלינאַ זיך געבעטן ביי דער מוטער אַ דערלויבעניש יאַשאַ זאָל דאָ, אין שטוב, ווייזן ווי ער היפּנאָטיזירט. האַלינאַ אַליין האָט זיך געוואָלט היפּנאָטיזירן. אָבער עמיליאַ האָט יעדעס מאָל אויף ס'ניי פֿאַרבאָטן. מ'שפּילט זיך נישט אין אַזעלכע זאַכן. עמיליאַ האָט געהאָט געלייענט אין אַ זשורנאַל פֿון אַ פֿאַל ווען אַ היפּנאָטיזאָטאָר האָט עמעצן איינגעשלעפֿערט און אים נישט געקאָנט אויפֿוועקן. יענער איז געבליבן טעג לאַנג אין אַ הינערפֿלעט. יאַשאַ האָט אַ זאָג געטאָן:

— דו וועסט זיין אין טעאַטער, האַלינאַ, און דאָרט וועסטו זען.

— דעם אמת געזאָגט, צווייפֿל איך צי מ'מעג זי מיטנעמען אין טעאַטער. ס'קומט דאָרט ס'ערגסטע פּעבל.

— וואָס, מאַמאַ, זאָל איך טאָן? זיצן אין קיך און שלייסן פֿעדערן?

— דו ביסט אַ קינד, נישט אַ דערוואַקסענע.

— אויב אַזוי, זאָל ער דיך היפּנאָטיזירן.

— כ'וויל נישט קיין שום סעאַנסן ביי מיר אין שטוב! — האָט עמיליאַ געזאָגט שאַרף.

יאַשאַ האָט געשוויגן. זיי זענען סיי ווי היפּנאָטיזירט, האָט ער געטראַכט. ליבע איז אין גאַנצן געבויט אויף היפּנאָטיזם. ווען כ'האָב זי געזען ס'ערשטע מאָל, האָב איך זי היפּנאָטיזירט. דעריבער האָט זי געוואַרט אויף מיר יענעם אָוונט אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע. אַלע זענען זיי היפּנאָטיזירט: אסתּר, מאַגדאַ, זעווטל. כ'באַזיץ אַ מאַכט, אַ געוואַלדיקע מאַכט. אָבער וואָס איז זי? און ווי ווייט דערגרייכט זי? וואָלט איך געקאָנט היפּנאָטיזירן אַ דירעקטאָר פֿון אַ באַנק ער זאָל עפֿענען פֿאַר מיר די קאַסע?... ער, יאַשאַ, האָט ערשט געהאָט געהערט דאָס וואָרט היפּנאָטיזם מיט עטלעכע יאָר צוריק. ער האָט געפּרוווט און ס'איז אים גלייך געראָטן. ער האָט געהייסן עמעצן איינשלאָפֿן און יענער איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן שלאָף. ער האָט באַפֿוילן אַ פֿרוי זי זאָל זיך אויסטאָן און זי האָט גענומען פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן די קליידער. ער האָט געזאָגט אַ מיידל, אַז זי וועט נישט שפּירן אין אָרעם קיין שום ווייטיק, און ער האָט זי געשטאָכן מיט אַ שפּילקע און ס'איז נישט גערונען קיין בלוט און זי האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין קרעכץ. יאַשאַ האָט זינט דעמאָלט בייגעוווינט אַ צאָל דעמאָנסטראַציעס פֿון אַנדערע היפּנאָטיזאָטאָרן, עטלעכע טאַקע פֿון דעם פֿעלדמאַנען, אָבער וואָס פֿאַר אַ כּוח דאָס איז און ווי דאָס ווירקט האָט יאַשאַ נישט באַנומען. טייל מאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער, וואָס היפּנאָטיזירט און דער היפּנאָטיזירטער שפּילן אַ קאָמעדיע, אָבער ס'איז נישט קיין קאָמעדיע. מ'קאָן נישט מאַכן דעם אַנשטעל, אַז מען שוויצט ווען ס'איז קאַלט, אָדער אַז ס'רינט נישט קיין בלוט ווען די נאָדל קריכט אַריין טיף אין לייב. ס'איז אפֿשר גאָר דאָס וואָס מ'האָט פֿאַרצייטנס גערופֿן כּישוף...

— אַך, מוטערל, דו ביסט אַזוי איינגעשפּאַרט! — האָט האַלינאַ גערעדט און געקייט זעמל מיט סאַרדין. — זאָגט מיר, אָנקל יאַשאַ, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ קראַפֿט, ווען נישט וועל איך שטאַרבן פֿון נייגער!

— ס'איז אַ קראַפֿט. וואָס איז עלעקטריע?

— יאָ, וואָס איז עלעקטריע?

— קיינער ווייסט נישט. מ'מאַכט צייכנס דאָ אין וואַרשע און די עלעקטריע טראָגט זיי איבער אין איין רגע קיין פּעטערבורג, אָדער קיין מאָסקווע. די סיגנאַלן גייען דורך פֿעלדער, וועלדער, הונדערטער מיילן און אַלץ אין איין סעקונדע. איצט איז פֿאַראַן דאָ טעלעפֿאָן און מ'קאָן הערן עמעצנס שטים דורך די דראָטן. ס'וועט קומען אַ טאָג און מ'וועט רעדן פֿון וואַרשע קיין פּאַריז ווי איך רעד איצט מיט דיר.

— אָבער ווי אַזוי טוט זיך דאָס? אַך, מאַמאַ, ס'איז דאָ אַזוי פֿיל וואָס צו שטודירן! טייל מענטשן זענען אַזוי קלוג! פֿון וואַנען זענען זיי אַזוי קלוג? אָבער ס'איז אַלץ מאַנסלייט. פֿאַר וואָס שטודירן נישט פֿרויען?

— אין ענגלאַנד איז דאָ אַ פֿרוי אַ דאָקטאָר — האָט יאַשאַ געזאָגט.

— ווירקלעך? דאָס איז קאָמיש. אַ, כ'מוז לאַכן!

— וואָס איז ס'געלעכטער? — האָט עמיליאַ געפֿרעגט. — פֿרויען זענען אויך מענטשן.

— געוויס. אָבער אַ פֿרוי אַ דאָקטאָר! ווי גייט זי אָנגעטאָן? ווי זשאָרזש זאַנד?

— פֿון וואַנען ווייסטו וועגן זשאָרזש זאַנד? איך'ל פֿאַר דיר פֿאַרשליסן די ביבליאָטעק!

"I want to know the truth."

"Her father's daughter. She only wants the truth."

"For what other reason are we born, Mama? Why are all the books written? All for truth. Mama, I have a big favor to ask you."

"I know what it is beforehand—and the answer is *no!*"

"Mommy, I beg you on bended knees! Have pity."

"No pity. No!"

What Halina wanted was her mother's permission to have Yasha demonstrate his hypnotism right then and there. Halina was even eager to be hypnotized herself. But Emilia repeatedly denied her daughter's request. One did not trifle with such things. Emilia had read somewhere of a hypnotist who had been unable to arouse his subject. The victim had remained in a trance for days afterwards.

"Come to the theater, Halina, and then you'll see how it's done," Yasha said.

"To tell the truth, I hesitate to take her—such riff-raff go there."

"What must I do, Mother? Sit in the kitchen and pluck chickens?"

"You're still a child."

"Let him hypnotize you, then."

"I don't want any seances in my house!" Emilia said, sharply.

Yasha was silent. They are hypnotized anyway, he thought. Love is based entirely on hypnotism. When I saw her for the first time, I hypnotized her. That is why she was waiting for me that night on Marshalkowska Boulevard. They are all hypnotized: Esther, Magda, Zeftel. I possess a power, a tremendous power. But what is it? And how far does it extend? Would I be able to hypnotize a bank director into opening the vault for me?

He, Yasha, had first heard the word, hypnotism, only a few years before. He had attempted it and had succeeded immediately. He had ordered his subject to sleep and the man had fallen into a heavy slumber. He had ordered a woman to undress and she had begun to take off her clothes. He had told a girl that she would feel no pain and though he had pricked her arm with a pin, she had not cried out, nor had there been any blood. Since then Yasha had witnessed a number of demonstrations by other hypnotists, several indeed by the famous Feldman, but what this power was or how it worked, Yasha could not understand. At times it seemed to him that both hypnotist and subject were indulging in some sort of high-jinks; but nevertheless it was no sham. Perspiration cannot be simulated in cold weather nor a flow of blood prevented when a needle is jabbed into the flesh. Perhaps this was what was once labeled black magic.

"Oh, Mommy, you're so stubborn!" Halina said, munching a sardine on a roll. "Tell me what sort of power this is, Uncle Yasha, before I die of curiosity!"

"It's a force. What is electricity?"

"Yes, what *is* electricity?"

"No one knows. They flash signals here in Warsaw and the electricity carries them in one second to Petersburg or Moscow. The signals go over fields, forests, go hundreds of miles, all in one second. Now there is such a thing as a telephone! and one can hear another's voice through the wires. The time will come when you'll be able to talk from Warsaw to Paris just the way I'm talking to you now."

"But how does it work? Ah, Mama, there is so much to learn! Some people are so wise! How did they become so wise? But it's always men. Why don't women educate themselves?"

"In England there is a woman physician," Yasha said.

"Really? That's funny. I can't help laughing!"

"What's so amusing?" Emilia asked. "Women are people, too."

"Of course. But a woman doctor! How does she dress? Like George Sand?"

"What do you know about George Sand? I'll lock you out of the library!"

האט יאשא זיך געפרעגט. — וואס גלאנצן בײַ זײ די אויגן מיט אזא גיריקייט? און דער דאזיקער זקן מיט דעם ווייסן קלין־בערדל און די מאכיקע טארבעס אונטער די אויגן? צו וואס האט ער נאך ארײַנגעשטעקט א רויז אין לאץ?... ער, יאשא, איז כלומרשט איינער פון זײ, אבער עפעס א צוים האט אים אפגעטיילט פון די אנדערע. אבער אין וואס איז זי באשטאנען? ער האט זיך קיין מאל נישט געקאנט אפגעבן קיין קלארן חשבון דערוועגן. צוזאמען מיט דער אמביציע, דער תאווה, האט געהויזט א טרויער, א געפיל פון הבל־הבלים און פון א שולד, וואס נישט מען קאן זי צאלן און נישט פארגעסן. וואס פאר א זין האט דאס לעבן ווען מ'ווייסט נישט צו וואס מען ווערט געבוירן און מען שטארבט? וואס פאר א טעם האבן די אלע רייד וועגן פאזיטיוויזם, דער ארגאנישער ארבעט, דעם פראגרעס ווען אלץ לאזט זיך אויס אין קבר? ביי דער גאנצער הייטערקייט זיינער איז ער, יאשא, אלע מאל אויפן ראנד פון מעלאנכאליע. ווי נאר ס'לאזט אפ דער פארלאנג צו נייע קונצן, נייע ליבעס, באפאלן אים די ספקות ווי א הייששריק. איז דאס דער צוועק פון זיין קומען אויף דער וועלט: צו מאכן א פאר קאזשעליקעס און אפנארן עטלעכע נקבות? נו, אבער קאן ער, יאשא, דינען א גאט וואס עמעצער האט אויסגעטראכט? קאן ער, יאשא, זיצן ווי יענער ייד מיט אש אויפן קאפ און קלאגן נאכט־איין, נאכט־אויס אויף א בית־המקדש, וואס מ'האט חרוב געמאכט מיט צוויי טויזנט יאר צוריק? נו, און וועט ער קאנען שפעטער קניען און זיך צלמען פאר עפעס א ייד ישוע פון נצרת, וואס איז כלומרשט געבוירן געווארן פון רוח־הקודש און וואס דארף זיין נישט מער און נישט ווייניקער ווי גאטס בן־זקונים?...

דער קעלנער איז צוגעקומען.

— וואס ווינטשט דער פאן?

— צאלן — האט יאשא געענטפערט. ס'האט זיך אים אויסגעוויזן ווי די ווערטער וואלטן געהאט א טאפלטן באטייט, א שטייגער ווי ער וואלט געמיינט צו זאגן: באצאלן פאר מיין פאלש לעבן...

ב

אין ערשטן אקט האט דער מאן איינגעלאדן אדאם פאוואלסקין צו בלייבן מיט אים דעם זומער אין דער ווילע, אבער אדאם פאוואלסקי האט זיך אפגעזאגט. ער האט ערגעץ א געליבטע, א יונג ווייב פון אן אלטן פריץ. אבער דער מאן איז געבליבן איינגעשפארט: יענע וועט ווארטן. ער, דער מאן, האט געוואלט אז אדאם פאוואלסקי זאל אין דער צייט פון דער וואקאציע געבן דער טאכטער א לעקציע אין שפילן אויפן פארטעפיאן, ווי אויך האבן מיט דעם ווייב קאנווערסאציעס אין ענגליש (פראנצויזיש איז שוין אזוי גוט ווי געהאט ארויס פון דער מאדע).

אין צווייטן אקט האט אדאם פאוואלסקי פארפירט א ליבע סיי מיט דער מוטער און סיי מיט דער טאכטער. פטור צו ווערן פון מאן, האבן אלע דריי אים איינגערעדט, אז ער האט ארטרעטיזם און אז ער מוז פארן קיין פישטשאני נעמען בלאטע־בעדער.

אין דריטן אקט האט דער מאן זיך דערוווסט דעם אמת. ער האט געשריגן: איך האב נישט געדארפט פארן זוכן א בלאטע אין פישטשאני; איך האב געהאט א בלאטע ביי מיר אין דער היים. ער האט געהאט ארויסגערופן אדאם פאוואלסקין אויף א דועל. אבער דא איז געקומען דער אלטער פריץ פון דעם יונגן ווייב און גענומען פאוואלסקין צוריק צו זיך אין דער פאסעסיע. די פיעסע האט זיך געענדיקט מיט א לעקציע, וואס דער אלטער פריץ האט געגעבן פאוואלסקין ווי אזוי אויסצומיידן אוואנטורעס און קאמפליקאציעס.

די קאמעדיע איז נישט קיין פוילישע, נאר באארבעט פון פראנצויזיש. זומער האט מען אין ס'רוב ווארשעווער טעאטערס נישט געשפילט, אבער דאס דאזיקע שטיק, „פאוואלסקיס דילעמע", האט צוגעצויגן דאס פובליקום אפילו אין די הייסע טעג. מ'האט אנגעהויבן לאכן ווי נאר מ'האט אויפגעהויבן דעם פארהאנג און דאס געלעכטער האט נישט אויפגעהערט ביזן סוף פון דריטן אקט. די פרויען האבן אלע געהאלטן טיכעלעך פאר די מיילער אויף ארייננצוכיכען און אויך אויף צו ווישן די טרערן, וואס קומען אן פון גרויס געלעכטער. דא און דארט האט א מאנסביל ארויסגעלאזט א לאך, וואס ס'איז שווער געווען צו באנעמען ווי ער קאן ארויס פון מענטשלעכן האלדז. ער האט געטאן א קנאל ווי א שאס און איז אריבער אין א הירזשעניש, וואס האט אויסגעדריקט דאס גאנצע שטות פון דעם מין מענטש. דאס האט איין פארראטעגער געלאכט אויס דעם צווייטן. ער האט זיך געטאן א פאטש איבער די קני און זיך גענומען בייגן און אראפפאלן פון געזעס. דאס ווייב האט אים ווי געמינטערט און געפרווט אים צוריק אויפריכטן. עמיליא האט סיי געשמייכלט, סיי זיך געפאכעט מיטן פעכער. די גאז־לאמפן האבן נאך פארשטארקט די חמימה. יאשא האט קוים געשמייכלט. ער איז שוין געהאט געווען אויף צענדליקער אזוינע קאמעדיעס און זיי זענען אלע געווען צוגעשניטן לויט דער אייגענער מאס. דער מאן איז א נאר, דאס ווייב איז פאלש, דער געליבטער איז כיטרע. ווי נאר יאשא האט אויפגעהערט שמייכלען, אזוי האט ער גלייך פארצויגן די ברעמען. ווער שפעט דא אויס וועמען? ס'איז אלץ דער אייגענער עולם. דא הוליען זיי אויף

gleam so? And that old fellow with the white wedge beard and the mossy pouches under the eyes—why had he pinned a rose in his lapel? He, Yasha, was to all appearances their equal, yet a barrier separated them. But what was it? He never found a clear explanation. Together with his ambition and lust for life, dwelt a sadness, a sense of the vanity of everything, a guilt that could neither be repaid nor forgotten. What was life's purpose if one did not know why one was born nor why one died? What sense did all the fine words about positivism, industrial reform, and progress make when it was all cancelled out in the grave? For all his drive, he, Yasha, was constantly on the brink of melancholy. As soon as he lost his craving for new tricks and new loves, doubts attacked him like locusts. Had he been brought into the world simply to turn a few somersaults and deceive a number of females? On the other hand, could he, Yasha, revere a God whom someone had invented? Could he, Yasha, sit like that Jew with ashes on his head and bewail a temple which had been destroyed two thousand years ago? And would he be able later to kneel and cross himself before that Jesus of Nazareth who, allegedly, had been born of the holy spirit and was no less a personage than God's only son?

The waiter was at the table.

"What does the gentleman wish?"

"To pay," Yasha said.

His words seemed ambiguous—as if he had intended saying: To pay for my deceitful life.

2

In the first act of the play, the husband invited Adam Povolsky to spend the summer with him at his villa, but Adam Povolsky made excuses. He revealed a secret. He had a sweetheart, the young wife of an old nobleman. But the husband was adamant. The sweetheart could wait. He wanted Povolsky, in the course of the vacation, to instruct his daughter on the pianoforte and to give English lessons to his wife. (French had just about gone out of fashion.)

In the second act, Adam Povolsky carried on affairs with both the mother and the daughter. To get rid of the husband, all three protagonists convinced him that he was arthritic and that he must be off to Pischany to take the mud baths.

In the third act the husband discovered the deception. "I did not have to go to Pischany to wallow in mud," he exclaimed; "I have a morass right here in my house!" He called out Adam Povolsky but now the old nobleman came, the cuckold spouse of Povolsky's inamorata, and he took Povolsky back to his estate. The play ended with a lecture by the old nobleman to Adam Povolsky on the dangers of amorous entanglements.

The farce was adapted from the French. Few plays were put on in Warsaw during the summer but this particular vehicle, *Povolsky's Dilemma*, drew audiences even in the hottest weather. The laughter began with the rising of the curtain and did not cease until the end of the third act. The women muffled their giggles in handkerchiefs while drying the tears caused by uproarious laughter. Occasionally there was a laugh that seemed scarcely human. It cracked like a shot and degenerated into a whinny. Thus one cuckold laughed at another. He slapped his knee and began to topple from his seat. His wife revived him and tried to set him right in his chair. Emilia smiled and fanned herself. The gaslights intensified the heat. Yasha barely maintained an amiable expression. He had seen hundreds of similar farces. The husband was always fatuous, the wife unfaithful, the lover cunning. The moment Yasha stopped smiling, his eyebrows tensed. Who mocked whom here? The same rabble existed everywhere. They danced at weddings and

זיי זענען געזעסן שטיל און דאָס פערד איז געגאַנגען טריט ביי טריט. דעם קוטשערס פּלייצע האָט זיך אויסגעבויגן ווי אין דרימל. ביידע האָבן זיך ווי צוגעהערט צו דער לוסט, וואָס האָט געריזלט פון איר קני צו זיינער און פון זיינער צו אירער. די לייבער האָבן זיך דורכגערעדט אויף זייער אייגן לשון, אַן ווערטער. כמוז דיך האָבן! — האָט איין קני געזאָגט צו דער אַנדערער. אַלץ אין אים איז געוואָרן פול מיט אַנגעלאָדענער שווייגעניש ווי דעמאָלט ווען ער גייט אויף אַ שטריק. זי האָט מיט אַ מאָל צוגעבויגן איר קאָפּ צו זיינעם. דער ראַנד פון איר שטרויהוט האָט אויף אַ וויילע געמאַכט אַן אָפּדעכל איבער זיין שאַרבן. עמיליאַס ליפּן האָבן אַנגערירט זיין אויער.

— כ׳וויל האָבן דיין קינד — האָט זי איינגערוימט.

ער האָט זי אַרומגענומען, זיך איינגעביסן אין איר מויל. די ליפּן זיינע האָבן געטרונקען, געטרונקען. ער האָט ווי אויפגעהערט אָטעמען. אסתר האָט יאָרן לאַנג גערעדט וועגן אַ קינד, אָבער עס איז שוין געהאַט אַריבער אַ צייט ווי זי האָט דאָס מער נישט דערמאָנט. מאַגדאַ האָט אויך עטלעכע מאָל דערמאָנט אַ קינד, אָבער ער האָט דאָס נישט גענומען ערנסט. ער האָט ווי געהאַט פאַרגעסן, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך. אָבער עמיליאַ געדענקט. זי איז נאָך גענוג יונג צו טראָגן און געבוירן. דאָס איז אפשר די סיבה פון מיינע אַלע פּיין, איז אים איינגעפאַלן. כ׳בין אַן אַ יורש. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, אַ זון...

— ווען?

און די מיילער זייערע זענען פון ס׳ניי צוגעפאַלן איינס צום אַנדערן. זיי האָבן זיך איינגעגעסן שטום ווי צוויי חיות. דאָס פערד האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט. דער פורמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט:

— וויע!...

זיי זענען צוגעפאָרן צו דעם הויז, ווו עמיליאַ האָט געוווינט און ער האָט איר געהאָלפן אַפּשטייגן. זי האָט נישט באַלד אָנגעקלונגען, נאָר געשטאַנען מיט אים אויפן טראָטואַר פאַרן טויער. זיי האָבן גאָרנישט גערעדט.

— נו, ס׳איז שפּעט!

און זי האָט אַ ציִ געטאָן דעם גלאָק.

פון די טריט האָט יאַשאַ דערקאַנט, אַז נישט דער הויזוועכטער קומט עפענען, נאָר זיין ווייב. אין טויער איז געווען פינצטער. עמיליאַ איז אַריין און יאַשאַ האָט זיך געטאָן אַ שאַר אַריין הינטער איר. ער האָט עס געטאָן משונה פלינק, שטיל און אומגעריכט פאַר זיך אַליין. אפילו עמיליאַ האָט נישט געוווּסט וואָס ס׳איז געשען. די גויע איז צוריק אַוועק אין איר שטיבל. יאַשאַ האָט אין דער פינצטער אָנגענומען עמיליאַן ביים אָרעם. זי האָט געטאָן אַ ציטער

— ווער איז דאָס?

— איך...

— גאָט אין הימל, וואָס האָסטו געטאָן?

און זי האָט ווי געלאַכט אין דער פינצטערניש אויס זיין אומגלויבלעכער געשיקטקייט און דרייסטקייט.

זיי זענען געשטאַנען שווייגנדיקע און זיך ווי בעראָטן מיט זיך אַליין. זי האָט אַ מורמל געטאָן.

— ניין, דאָס איז נישט דער וועג.

— כ׳וויל דיך בלויז קושן.

— ווי אַזוי וועסטו אַריין? יאַדוויגאַ וועט עפענען.

— איכ׳ל עפענען — האָט ער געענטפערט.

ער איז אַרויף מיט איר אויף די טרעפּ. עטלעכע מאָל האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און זיך געקושט. ער האָט געטאָן אַ קראַץ ביי דער טיר און זי געעפנט. אין קאָרידאָר איז געווען פינצטער. אַ מיטן־נאַכטישע שטילקייט האָט זיך געטראָגן פון דער וווינונג. ער איז אַריין אין סאַלאָן און מיטגעצויגן עמיליאַן. זי האָט ווי געצויגן אויף צוריק. זיי האָבן זיך געראַנגלט שטומערהייט. ער האָט זי געפירט ביי דער האַנט צו דער סאָפע און זי איז אים נאָכגעגאַנגען מיט דעם גייענדיש פון יענע, וואָס זענען מער נישט ביי זיך אין רשות.

— כ׳וויל נישט אָנהייבן אונדזער לעבן אין זינד — האָט זי געשעפּטשעט.

— ניין...

ער האָט זי געוואָלט אויסטאָן און דאָס זיידענע קלייד האָט גענומען קנאַקן און שפּריצן מיט פונקען. ער האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר דעם דאָזיקן פייער, וואָס ער האָט געוווּסט, אַז ס׳איז סטאַטישע עלעקטריע. זי איז אַליין אויך געוואָרן אַ געפּלעפטע. זי האָט אים אָנגענומען ביי ביידע האַנט־געלענקען. זי האָט זיי צוגעדריקט מיט אַזאַ כח, אַז ס׳האָט אים ווי געטאָן.

— ווי אַזוי וועסטו אַרויס פון דאַנען?

— דורכן פענצטער.

— האַלינאַ קאָן זיך נאָך אויפוועקן.

און פּלוצלונג האָט זי אַ צאַפּל געטאָן און געזאָגט:

— ניין, דו מוזסט גיין!...

They sat there quietly and the horse walked step by step. The coachman's shoulders drooped as if he were dozing. They both seemed to listen to the lust which moved from her knee to his and back again. Their bodies conversed in a wordless language of their own. "I must have you!" one knee said to the other. He was consumed with an ominous silence as when he walked the tightrope. Suddenly she bent her head to his. The brim of her straw hat made a roof over his head. Her lips touched his ear.

"I want to bear your child," she whispered.

He embraced her, bit into her lips. His mouth drank, drank. He felt as if he had stopped breathing. Esther had spoken about a child repeatedly, but years had passed since she had last brought up the subject. Magda had also requested a child several times but he had not taken her seriously. He seemed to have forgotten that element of life. But Emilia had not forgotten. She was still young enough to conceive and carry. Perhaps this is the very cause of my torment, he pondered. I am without an heir.

"Yes, a son," he said.

"When?"

And their mouths fused again. They consumed each other in a silent, bestial way. The horse stopped suddenly. The coachman seemed to come awake.

"Gee up!"

They pulled up before Emilia's house and Yasha helped her alight. She did not immediately ring the bell but stood there with him on the sidewalk before the gate. They did not speak.

"Well, it's late." And she pulled the bellcord.

Yasha could determine by the footsteps that it was the janitor's wife, not the janitor, who came to open the gate. The courtyard was dark. Emilia went in and Yasha sidled in behind her. He did it with deftness and spontaneity. Even Emilia was not aware of what had happened. The janitress padded back to her cubicle. He took Emilia's arm in the darkness. She started.

"Who is it?"

"It is I."

"God in heaven, what did you do?" And she giggled in the darkness at his fantastic skill and daring.

They stood there as if silently deliberating.

"No, that is not the way," she whispered.

"I only want to kiss you."

"How will you get into the house? Yadwiga will open the door."

"I'll open it," he said.

He mounted the stairs with her. Several times they stopped to kiss. He made a pass at the door and it swung open. The corridor was dark. A middle-of-the-night stillness emanated from the rooms. He walked into the drawing room, pulling Emilia along with him. She seemed to be holding back. They wrangled silently. He steered her to the divan and she followed like one who is no longer mistress of herself.

"I don't want to begin our life together in sin," she whispered.

"No."

He wanted to undress her and the silken gown began to snap and shoot off sparks. The fire, which he knew to be static electricity, startled him. She was astonished herself. She clasped him by both his wrists, squeezed with such force that it hurt.

"How will you leave?"

"Through the window."

"Halina may waken."

Suddenly she pulled back and said: "No, you must go!"

## קאַפּיטל זעקס

### א

צומאָרגנס איז יאַשאַ געשלאָפן שפּעט. ער איז געלעגן ביז איינס אַ זייגער ביי טאָג און געכאָמערט. מאַגדאַן זענען נאָך געהאַט געבליבן די געוווינהייטן פון דאָרף. זי האָט נישט באַנומען ווי אַזוי מ׳קאָן ליגן אין בעט ביז מיטאָגצייט. אָבער זי האָט זיך שוין געהאַט איינגעלעבט דערמיט, אַז ער איז אַנדערש פון אַנדערע מאַנסלייט. ער האָט געקאָנט עסן מער פון אַנדערע און פאַסטן מער פון אַנדערע. ער האָט געקאָנט וואַכן נעכט און אָפּשלאָפן גאַנצע טעג. אין מיטן שלאָף איז ער קאַפּאַבל געווען צו עפענען די ווייַעס און איר עפּעס זאָגן אַ שטייגער ווי ער וואָלט זיך געמאַכט שלאָפנדיק. מ׳האָט געזען באַשטימפּערלעך אַן דעם שטערן זיינעם און אין די אָדערלעך אויף די שלייפן, אַז ער טראַכט וואַכע מחשבות. ווער ווייסט? אפשר האָט דער מוח זיינער דעמאָלט אויסגעקלערט נייע קונצן? מאַגדאַ איז אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. זי האָט אים צוגעטראָגן האָבערגריץ מיט קאַרטאָפל און שוואָמען, און ער האָט געגעסן. דערנאָך איז ער ווידער אָוועקגעפאַלן. אַ שטייגער ווי ער וואָלט געהאַט מאַגנעטיזירט זיך אַליין. מאַגדאַ האָט געמורמלט צו זיך אין איר דאָרפישן פוילישן. פאָפט אויס די זינד, דער דראַב, דער הינטישער ביין! האָט זיך אוודאי אויסגעשעפּט ביי דער דאָזיקער לייזיקער פּריצה...

מאַגדאַ האָט געהאַט אויף אַלע באַדערפעניש איין רפואה: אַרבעט. יאַשאַ האָט געמאַכט אַ תל פון מלבושים און וועש און מ׳האָט אַלץ געדאַרפט פאַרריכטן. ס׳האָבן זיך ביי אים אָפּגעריסן קנעפּלעך. ס׳האָבן זיך ביי אים אויפגעטרענט נעט. ער האָט געטראָגן אַ העמד אַ טאָג און עס אויסגעטאָן, ווי ס׳וואָלט געווען קוטיק. מ׳האָט נייערט געדאַרפט נאָך אים רוימען, וואַשן, פּוצן, נייען. מ׳האָט אויך געברויכט אכטונג טאָן אויף די חיות זיינע: די פערד אין שטאַל, די מאַלפּע, דעם פּאַפּוגיי, די קראַ. זי איז צו אים אַלץ: אַ ווייב, אַ דינסט, אַן אַרויסהעלפערין אויף דער בינע, און וואָס האָט זי דערפון? נישט מער ווי דאָס שטיקל ברויט. ער האָט אַליין נישט, דאָס איז דער אמת. אַלע האָבן ביי אים גערויבט, געשווינדלט. אויסגענאַרט. ווי קלוג ער איז אין טעאַטער, ווען ער היפּנאָטיזירט אָדער טרעפט געדאַנקען, צי גאָר ווען ער לייענט די ביכער און די גאַזעטן, אַזוי איז ער נאַריש אין פּראַקטישע זאַכן. ער רויִנירט דאָס געזונט אויך. ער טאָר זיך נישט אַרומשלעפּן גאַנצע נעכט. ווי געזונט ער איז, אַזוי ווערט ער טייל מאָל שוואַך ווי אַ פליג. פאַלט אַוועק אַ פאַרשמאַכטער און בלייבט ליגן ווי אין הינערפלעט...

מאַגדאַ האָט געוואַשן, געשייערט, געריבן, געשטויבט. שכנטעס זענען אַריינגעקומען באָרגן אַ ציבעלע, אַ הייפּטל קנאָבל, אַ קאַפּעלע מילך, אַ שטיקל פעטס אָנצובריִנען ריישעכץ. מאַגדאַ האָט אַלעמען געגעבן, קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. אין פאַרגלייך מיט די דאָזיקע קבצנים איז זי רייך... אחוץ דעם האָט זי אַ שלעכטן נאָמען און זי דאַרף זיך איינקויפן ביי מענטשן. זי איז איינגעכאַלדן ביים אַדמיניסטראַטאָר ווי אַ דינסט. אַז מ׳קריגט זיך מיט איר, רופט מען זי זונה, שטשערווע, און מ׳הייסט איר אַרויסנעמען אַ געלן פּאַס. ווען די מאַנסלייט שיכורן זיך אָן, טשעפּעט מען זיך צו איר. ווען זי גייט עפּעס קויפן אין קרעמל, אָדער אָנשעפּן אַן עמער וואַסער ביים פּלומפּ, שרייען איר נאָך די יונגען:

— יידישע הור!...

דער גלאָק אין דער קירך פון הייליקן יאַן האָט אויסגעקלונגען צוויי. מאַגדאַ איז אַריין צו יאַשאַן אין אַלקאָווע. ער איז מער נישט געשלאָפן, נאָר איז געזעסן אויפן געלעגער און געקוקט פאַר זיך. מאַגדאַ האָט אַ זאָג געטאָן:

— געכאַפּט אַ פעסטן שלאָף?

— יאָ, כ׳בין געווען מיד.

— ווען הייבן מיר אָן מאַכן רעפּעטיציעס? אין אַ וואָך אַרום איז די פּרעמיערע.

— יאָ, כ׳ווייס.

— ס׳הענגען אומעטום פּלאַקאַטן. דיין נאָמען איז מיט ריזיקע בוכשטאַבן.

— זאָלן זיי גיין צום טייוול...

יאַשאַ האָט געזאָגט, אַז ער וויל נעמען אַ באָד און מאַגדאַ האָט גלייך גענומען וואַרעמען פאַר אים אַ קעסל וואַסער אין קיך. זי האָט אים געזייפט אין דער הילצערנער וואַנע, געשווענקט, מאַסאַזשירט. זי, מאַגדאַ, האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג נאָך קינדער, גלייך ווי יעדע פרוי. זי איז אפילו גרייט געווען צו געבוירן פון אים אַ קינד, וואָס איז נישט לעגאַל. אָבער ער האָט זי דערפון אויך באַרויבט. ער וויל אַליין זיין דאָס קינד, — דאָס איז דער אמת. מאַגדאַ האָט אים געבאָדן, געגלעט, געקרושט. ער האָט איר געטאָן מער שלעכטס ווי דער ערגסטער שונא, אָבער ווען ער בלייבט אַ פּאָר שעה מיט איר צוזאַמען און ווייזט אַרויס, אַז ער איז אָפּהענגיק פון איר, אַזוי קערט זיך אום צו איר די ליבשאַפט נאָך שטאַרקער ווי פריִער.

ער האָט מיט אַ מאָל אַ פרעג געטאָן:

— האָסט עפּעס אַ קלייד אויפן זומער?

## 6

### 1

The following day Yasha slept late. He dozed until one in the afternoon. Magda's country habits still remained with her. She could not understand how one could stay in bed until midday. But she had long accustomed herself to the fact that Yasha was not like other people. He could eat more and fast longer, he could stay up nights and sleep the whole day through. Waking from profound slumber, he could speak to her as if he had been dissembling. His brow and the veins on his temples would indicate that he was thinking waking thoughts. Who could tell? Perhaps that was how he conceived new stunts? Magda walked about on tiptoe. She served him oat grits with potatoes and mushrooms. He ate and, afterwards, fell asleep again. Magda began to mutter to herself in a peasant jargon: "Snore away your sins, you swine, you cur. Drained himself dry with that scabby duchess." Magda had one remedy for all sorrows—work. Yasha was hard on his clothes and everything needed mending. He lost his buttons, his seams sprang apart, he wore a shirt one day, then cast it aside as if it were lousy. It was always necessary to pick up after him, to wash, polish, sew. His animals also required care: the horses in the stable, the monkey, the parrot, the crow. She was everything to him: a wife, a servant, a stage assistant—and what did she get? Nothing—a crust of bread. Actually, he had nothing himself. Everyone robbed him, swindled him, deceived him. Clever as he was in the theater, hypnotizing and reading minds or when reading his books or papers, he was stupid when it came to practical matters. Also he was ruining his health. He should not go roaming about night after night. Even though he was healthy, he sometimes grew weak as a fly, fell in a faint and lay as if in a seizure.

Magda washed, scrubbed, scoured, dusted. Neighbors dropped in to borrow an onion, a clove of garlic, a drop of milk, a bit of lard with which to brown onions. Magda turned no one away. Compared to these paupers, she was affluent. Besides, she had an unsavory reputation and she was forced to curry favor with her neighbors. She was officially registered with the municipal authorities as a house servant. When the neighbors were at odds with her, they called her strumpet and carrion and suggested she file for the yellow card of a prostitute. Men who were drunk tormented her when she went down to the store or the pump. Youths shouted after her, "Whore for the Jews!"

The belfry-bell of the church of the Holy John rang two o'clock. Magda went to Yasha in the alcove. He was no longer asleep but sitting up in bed and staring.

"Have a nice nap?" she asked.

"Yes, I was tired."

"When do we begin to rehearse? The opening is a week away."

"Yes. I know."

"The posters are everywhere. Your name is in gigantic letters."

"They can all go to hell."

Yasha wanted a bath and Magda promptly began to heat kettles of water for him. She soaped him down in the wooden tub, rinsed him off, massaged him. Magda, like any other woman, longed for a child. She was prepared to bear Yasha an illegitimate one. But he robbed her even of that. He, himself, wanted to be the child. Magda bathed him, petted him, caressed him. He wronged her more than her worst enemy, but when he spent a few hours with her and showed that he needed her, her love for him became more ardent than before.

He asked abruptly, "Do you have any sort of a dress for the summer?"

צו איס, יאשאן. יאשא האט געוווסט, אז ער איז געפעלן רייצען אויך. ווער ווייסט וואסערע פארגעניגנס אזא געל ווייבעלע קאן געבן א מאנסביל? ווער ווייסט וואסערע אויסטערלישע רייד אזא בלאט שטיקל סחורה קאן רעדן, ווען זי איז צעהיצט? א ווייל איז די ליכט פון נאפטלאמפ געפאלן איבער דער ערד פון הויף, די שטויסן קלעצער און ברעטער, וואס זענען דא געלעגן. באלד האט מען אויבן פארמאכט די טיר און ס׳איז געווארן פינצטער. זעווטל האט זיך געטוליעט צו אים, יאשאן, און עפעס ווי געציטערט. זי האט א זאג געטאן:

— אפשר קאן יעך ערגעץ גיין מיט דיר?

— ווהין? נישט היינט.

— יאשעלע, כ׳האב דיך ליב!...

— ווארט, פארלאז דיך אין גאנצן אויף מיר. וואס איך וועל דיר הייסן, דאס טו.

— כ׳וויל זיין מיט דיר.

— וועסט זיין מיט מיר. כ׳על דיך אראפברענגען קיין אויסלאנד. אלע, וואס זענען געווען גוט צו מיר, וועל איך זיין גוט צו זיי. אבער זיי גרייט אויף אלץ און פרעג נישט קיין קשיות. אויב כ׳על דיר הייסן שטיין אויפן קאפ, שטעל דיך אויפן קאפ. האסט מיך פארשטאנען, צי נישט?

— יא.

— וועסט טאן אזוי ווי כ׳זאג?

— יא, אלץ.

— גיי צוריק ארויף.

— וווּ גייסטו, הא?

— איכ׳ל נאך היינט אפטאן א נארישקייט...

ו

די ניזקע איז געווען ליידיק. וועגן קריגן דא א דראזשקע האט נישט געקאנט זיין קיין רייד. ער איז געגאנגען און די פיס זענען אים געווען מכוונה גרינג. אין גאס איז געווען פינצטער. איבער די הילצערנע הייזער מיט די קרומע דעכער האט געהויערט א הינטערשטאטישער הימל, געדיכט באזייט מיט שטערן. יאשא האט אויפגעהויבן דעם בליק אין דער הייך. וואס, א שטייגער, טראכט מען אין הימל פון אזא פארשוין ווי איך? ער איז געלאפן לענג־אויס דער ניזקע, ארויס אויף דער דזשיקע. ער האט געהאט געזאגט זעווטלען, אז ער וועט נאך היינט אפטאן א נארישקייט. אבער וואס פאר א נארישקייט? ער איז געהאט געשלאפן א גאנצן טאג און ער איז געווען וואך און פריש ווי אין מיטן טאג. אן אויסטערלישער געדאנק איז אים איינגעפאלן: צוגיין צו עמיליאן. דאס איז געווען א משוגעת פון אנהייב ביזן סוף. עמיליא שלאפט שוין. דערצו איז פארמאכט דאס טויער. אבער דאס אראפקלעטערן נעכטן דורכן פענצטער האט צום וויפלטן מאל אים באוויזן, אז טירן און טויערן האבן נישט פאר אים קיין שום באטייט. עמיליא האט א באלקאן. און אין ווינציקער ווי א מינוט וועט ער זיין אויבן. עמיליא קלאגט זיך, אז זי שלאפט שלעכט. זי וועט אים דערהערן; אחוץ דעם, וועט ער זי היפנאטיזירן פון דער ווייט, זי זאל זיך ריכטן אויף אים און פאר אים עפענען די שויבן־טיר (אויב זי איז נישט אפן סיי ווי סיי). ער האט געהאט א געפיל, אז היינט וועט זי אים מער נישט שטעלן קיין ווידערשטאנד... ער האט עפעס ווי געהאט קפיצת־הדרך. דא איז ער געווען אויף דער דזשיקע און אין עטלעכע מינוט שפעטער האט ער שוין געשפאנט איבער דער רימארסקע. ער האט געכאפט א בליק אויף דער באנק. די דיקע זיילן האבן געהיטן ווי פינצטערע וועכטער. דאס טויער איז געווען געשלאסן, אלע פענצטער — פארלאשן. ערגעץ דארט, אין קעלערן און געוועלבונגען, זענען געלעגן אוצרות, אבער ווו? דאס געביי איז גרויס ווי א שטאט. פון דארט עפעס ארויסצוקריגן, דארף מען האבן א לאנגע ווינטערנאכט. אבער די באנק האט אים דערמאנט אן עפעס, וואס יאדוויגא, עמיליאס דינסט, האט אים דערציילט, וועגן אן אלטן פריץ, קאזימיעזש זארוסקי, וואס האט מיט יארן צוריק פארקויפט א פאסעסיע און ער האלט דאס גאנצע געלט ביי זיך אין שטוב, אין אן אייזערנער קאסע. געוווינט האט ער אויף דער מארשאלקאווסקע, נעבן דער פרוזשנע, איינער אליין, בלויז מיט א טויבער דינסט, וואס איז געווען איר, יאדוויגאס, חברטע. ווען יאדוויגא האט דאס דערציילט, האט ער, יאשא, נישט פארצייכנט דעם אדרעס אין נאטיץ ביכל. ער האט דעמאלט נישט בדעה געהאט זיך אריינצולאזן אין אזוינע פוילע עסקים און נאך ביי עמעצן ווו יאדוויגא איז אן ארייגייערין. אבער איצט איז עס אים געקומען אויפן זין. עפעס מוז איך אפטאן היינט ביי נאכט, האט ער צו זיך גערעדט. כ׳פיל די כוחות...

פון דער ניזקע ביז דער קרולעווסקע איז א מהלך, אבער ער איז געהאט דורכגעלאפן די עטלעכע וויארסט אין צוואנציק מינוט. גאנץ ווארשע איז געשלאפן, בלויז דא און דארט האט א וועכטער געהיטן די געוועלבער, אנגעטאפט די שלעסער, געקלאפט מיטן שטעקן אן טראטואר, ווי זיך צו פארזיכערן אז קיינער האט זיך דארט נישט אונטערגעגראבן.

acted as if he were devoted to Yasha. Rytza, apparently, also looked on him with favor. Who could tell what amorous delights such a woman could serve a man, what bizarre words she might utter in the throes of passion? For a moment, the light from the naphtha lamp lit up the courtyard with its piles of logs and lumber. Then upstairs the door closed and it was dark once more. Zeftel snuggled up to Yasha.

"Could I go some place with you?"

"Where?—Not today."

"Yashale, I love you!"

"Just wait and leave everything to me. Whatever I tell you to do, do it."

"I want to go with you."

"You will be with me. I'll take you along when I go abroad. I'll repay everyone who has been good to me. But be prepared for anything and don't ask any questions. If I tell you to stand on your head, then stand on your head. Do you understand?"

"Yes."

"You'll do as I say?"

"Yes, everything."

"Go back upstairs."

"Where are you off to?"

"There's one more bit of nonsense I have to take care of today."

6

Nizka Street was deserted. There was no chance of hiring a droshky here. He walked on and his tread felt uncommonly light. The street was dark. Over the wooden houses with the spavined roofs hung a suburban sky, thickly seeded with stars. Yasha gazed upward. What, for instance, do they think of someone like me up there? He walked the length of Nizka Street, came out on Dzika Avenue. He had told Zeftel that there was one other item of nonsense on his agenda. But what sort was it? He had slept the whole day and he was now as fresh and alert as if it were morning. A strange desire to visit Emilia came over him. It was complete madness. She was doubtless already asleep by now. Besides, the courtyard gate would be locked. But his climbing out of her window the night before had brought home to him again that doors and gates meant nothing to him. There was a balcony in her apartment. He could scale it in a minute. Emilia complained that she was a poor sleeper. She would hear him. Moreover, he would will her into expecting him and she would open the French doors (if they weren't open anyway). He had a feeling that this day she would not offer further resistance. It was as if he had miraculously put on seven league boots, for here he was on Dzika Avenue; a few minutes more and he was walking down Rimarska Street. He glanced at the bank. The pillars seemed to guard the building like giant watchmen. The gate was shut, all the windows dark. Somewhere nearby were the basement vaults where treasures were stored. But where? The edifice was as huge as a city. To be properly done, the job would require a long winter's night. Then Yasha recalled what Yadwiga, Emilia's servant, had told him about an elderly landowner, one Kazimierz Zaruski, who had sold his estate years before and now kept his money in an iron safe in his apartment. He lived on Marshalkowska Boulevard, near Prozna Street, alone except for a deaf servant girl who was a friend of Yadwiga. When Yadwiga had told him this story, Yasha had not even bothered to write down the man's address. He had not entertained such notions and certainly none involving a household which Yadwiga visited. But now it all came back to him. I must do something tonight, he said to himself. Tonight I have the power.

From Nizka to Krolevska Street was quite a distance, but Yasha covered the several *versts* in twenty minutes. Warsaw slept, with only here and there a night watchman testing a lock or pounding his staff on the sidewalk as if to reassure himself that no one was tunneling in the

שיינפערלעך געשפּירט די ליבשאַפט, וואָס ציט זיך פון זיי צו אים. זיי זענען יידן, מיינע ברידער, האָט ער צו זיך געזאָגט. זיי ווייסן, אַז כ'זינדיק. אָבער זיי זענען מיר מוחל... ווידער האָט אים אָנגענומען אַ בושה, אָבער נישט דערפאַר, ווייל ער איז אומבאַהאָלפן, נאָר דערפאַר וואָס ער פאַר־ראַט די דאָזיקע ברודערשאַפט, שפּייט אויף איר, איז גרייט זי אָוועק־צושליידערן. וואָס טוט זיך דאָס מיט מיר? כ'שטאַם דאָך פון דורות כשרע יידן. מיין עלטער־זיידע איז דאָך אומגעקומען אויף קידוש־השם... ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם טאַטן. פאַרן טויט האָט ער אים צוגערופן צום בעט און געזאָגט:

— זאָג מיר צו, אַז וועסט בלייבן אַ ייד...

און ער האָט אָנגענומען זיין, יאַשאַס, האַנט און זי געהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אָנגעהויבן צו גוססן...

ווי אַזוי האָב איך דאָס געקאָנט פאַרגעסן?... ווי אַזוי?...

דאָס מנין יידן איז זיך געהאַט פונאַנדערגעגאַנגען און יאַשאַ איז געשטאַנען אַליין, אין טלית־און־תפילין, מיט אַ סידור אין דער האַנט. דער לינקער פוס האָט געצויגן, געריסן, אָבער יאַשאַ האָט ווייטער געזאָגט, זיך אַליין אויסגעטייטשט דעם מיין פון די ווערטער. ברוך שאמר והיה העולם, ברוך הוא, ברוך יוצר בראשית, ברוך מרחם על הבריות ומשלם שכר טוב ליראיו... ווי מאָדנע, נאָר ער האָט איצט געגלייבט אין די דאָזיקע ווערטער: גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, ער דערבאַרעמט זיך אויף זיינע באַשעפעניש און באַצאָלט אַ גוטן לוין יענע, וואָס פאַרכטן זיך פאַר אים. אַזוי ווי יאַשאַ האָט געזאָגט, אַזוי האָט ער איבערגעטראַכט וואָס מיט אים האָט געטראָפן. יאָרן לאַנג האָט ער אויסגעמיטן אַ מקום־קדוש. מיט אַ מאָל איז ער אין משך פון עטלעכע טעג צוויי מאָל אַריינגעפאַלן אין אַ בית־מדרש, איין מאָל אויפן וועג, ווען ס'איז געוואָרן דאָס געוויטער און דער פלייץ־רעגן און דאָס צווייטע מאָל איצט. יאָרן לאַנג האָט ער, יאַשאַ, געעפנט די קאָמפּליצירטסטע שלעסער אָן שום שוועריקייטן. מיט אַ מאָל איז ער געשטאַנען ווי אַ שלים־מזל פאַר עפּעס אַ שלאָס, וואָס אַ געוויינלעכער קאַסע־ברעכער וואָלט געפּתיחהט אין אַ מינוט. הונדערטער מאָל איז ער געשפּרונגען פון הויכע ערטער און זיך קיין מאָל גאָרנישט צעבראָכן אָדער אויסגעלענקט. דאָס מאָל האָט ער פון אַ נידעריקן שפּרונג זיך צעשעדיקט דעם פוס. מ'האָט, אַפּנים, נישט געוואָלט אין הימל, אַז ער, יאַשאַ, זאָל ווערן אַ גנב, אָוועקוואַרפן אסתרן, בייטן דאָס רעגנדל. ווער ווייסט? אפשר האָבן טאַטע־מאַמע זיך אַריינגעמישט? אפשר זענען די הייליקע נשמות זייערע אים בייגעשטאַנען? יאַשאַ האָט ווידער אויפגעהויבן די אויגן צום גזימס פון ארון־קודש. ער האָט געבראָכן, אָדער געהאַלטן ביים ברעכן כמעט אַלע צען געבאָט. וויפל האָט געפעלט, אַז ער זאָל דעם אַלטן זאַרוסקין דערשטיקן? ער, יאַשאַ, האָט אַפילו געגלוסט אין האַרץ צו דער האַלינאַן, שוין באַצייטנס געוועבט אַרום איר אַ נעץ... ער איז געהאַט געפאַלן אַזוי נידעריק, וואָס נידעריקער קאָן שוין נישט זיין. אָבער ווי אַזוי איז ער געפאַלן אַזוי נידעריק? ער, יאַשאַ, איז דאָך פון דער נאַטור ווייכהאַרציק. ער פלעגט דאָך ווינטער אַרויסטראָגן פון דער שטוב ברעקלעך ברויט צו שפּייזן די פייגעלעך. ער לאָזט דאָך זעלטן אַדורך אַן אָרעמאַן ער זאָל אים נישט געבן קיין נדבה. ער טראָגט דאָך אַלע מאָל אַ בייז האַרץ אויף די שווינדלער, די אַנזעצער, די מאַרוויכער. ער גרויסט זיך דאָך אַלע מאָל מיט זיין אויפריכטיקייט און זיין ערלעכקייט...

ער איז געשטאַנען מיט געבויגענע קני, דערשטוינט פון דער אייגענער געפאַלנקייט און נאָך מער — פון דער אייגענער בלינדקייט. ער האָט יאָרן לאַנג געטראַכט און געטראַכט, אָבער זיך נישט דערטראַכט צום עיקר. ער, וואָס מאַכט אַש און פאַרעך פון אַנדערע, האָט נישט געזען — זיך געמאַכט נישט־זעענדיק — ווי ער אַליין זינקט אין זומפּ. ס'האָט געפעלט אַ האָר ער זאָל פאַלן צום סאַמע תהום... אָבער די כוחות, וואָס האָבן רחמנות אויף דעם מענטש, האָבן אַזוי געפירט, אַז ער זאָל איצט שטיין אין אַ טלית, אין תפילין, מיט אַ סידור אין דער האַנט, צווישן אַן עולם כשרע יידן.

ער האָט געזאָגט שמע־ישראל און פאַרשטעלט די אויגן מיט דער האַנט. ער האָט זיך געשטעלט שמונה־עשרה, מכוון געווען יעדעס וואָרט. די לאַנג־פאַרגעסענע יינגלשע פרומקייט האָט זיך אומגעקערט צו אים, אַ גלויבן, וואָס דאַרף נישט קיין שום באַווייזן, אַ פאַרכט פאַר גאָט, אַ פאַרשעמונג פאַר די אייגענע זינד. וואָס האָט ער, יאַשאַ, דען געפונען אין די וועלטלעכע ביכער? אַז די וועלט האָט זיך אַליין באַשאַפן; אַז פון עפּעס אַ נעפּל האָט זיך אַנטוויקלט די זון, די לבנה, די ערד, די חיות, די מענטשן. אָבער פון וואַנען האָט זיך גענומען דער נעפּל? און ווי אַזוי ווערט פון אַ נעפּל אַ מענטש מיט לונגען, אַ האַרץ, אַ מאָגן, אַ מוח? די געלערנטע האָבן אויסגעלאַכט די גלויביקע, וואָס הענגען אַלץ אָן אין גאָט, אָבער זיי אַליין האָבן אָנגעהאָנגען אַלע קענטעניש און מעכטיקייטן אין אַ בלינדער נאַטור, וואָס ווייסט אַליין נישט אַז זי איז דאָ... יאַשאַ האָט איצט געשפּירט ווי אַ ליכט גייט אַרויס פון די תפילין און דרינגט אַריין אין זיין שאַרבן, עפנט פאַרשלאָסענע קעסטעלעך, מאַכט קלאָר פינצטערנישן, וויקלט אויף קנוילן און פּלאָנטערנישן. אַלע תפילות האָבן געזאָגט דאָס אייגענע: עס איז דאָ אַ גאָט, וואָס זעט, הערט, דערבאַרעמט זיך אויף דעם מענטש, פאַרלענגערט דעם צאָרן, פאַרגיט זינד, וויל אַז דער מענטש זאָל טאָן תשובה, שטראָפט פאַר שלעכטע מעשים, באַלוינט פאַר גוטע מעשים אויף דער וועלט און מער נאָך — אויף יענער וועלט... יאָ, ס'זענען דאָ אַנדערע וועלטן, — דאָס האָט ער, יאַשאַ, אַלע מאָל געפילט. ער האָט עס כמעט געזען מיט די אויגן...

— כ'מוז ווערן אַ ייד! — האָט ער צו זיך אַ זאָג געטאָן. — אַ ייד ווי זיי אַלע!...

Yasha distinctly sensed the love which flowed from their persons to him. They are Jews, my brethren, he said to himself. They know that I am a sinner, yet they forgive me. Again he felt shame, not because he had been clumsy, but because he had betrayed this fraternity, befouled it, stood ready to cast it aside. What's the matter with me? After all, I'm descended from generations of God-fearing Jews. My great-grandfather was a martyr for the holy name. He remembered his father who, on his deathbed, had summoned Yasha to his side and said, "Promise me that you will remain a Jew."

And he had taken his, Yasha's, hand and held it until he entered his death throes.

How could I have forgotten this? How?

The circle of Jews had dispersed and Yasha stood alone in the prayer shawl and phylacteries, prayer book in hand. He felt his left foot draw, tear, but he continued his prayers, translating the Hebrew words to himself, "Blessed be He who spake and the world existed, blessed be He who was the maker of the world in the beginning. Blessed be He who speaketh and doeth. Blessed be He who decreeth and performeth. Blessed be He who hath mercy upon the earth and payeth a good reward to them that fear Him."

Oddly enough he now believed these words: God had created the world. He does have compassion for His creatures. He does reward those who fear Him. And as Yasha intoned these words, he reflected upon his own lot. For years he had shunned the synagogues. All of a sudden, in the course of days, he had twice strayed into houses of worship; the first time on the road when he had been caught in the storm, and now again for the second time. For years he had picked the most complex locks with ease, and now a simple lock which any common safe-cracker could have sprung in a minute had stumped him. Hundreds of times he had leaped from great heights without injury, and this time he had damaged his foot jumping from a low balcony. It was obvious that those in heaven did not intend to have him turn to crime, desert Esther, convert. Maybe even his deceased parents had interceded in his behalf. Again Yasha raised his gaze to the cornice of the Holy Ark. He had broken or contemplated breaking each of the Ten Commandments! How near he had come to strangling old Zaruski! He had even lusted for Halina, already woven a net in readiness to ensnare her. He had plumbed the very depths of iniquity. How had this come about? And when? He was by nature good-hearted. In the winter he scattered crumbs outside to feed the birds. He seldom passed a beggar without offering alms. He bore eternal hate against swindlers, bankrupts, charlatans. He had always prided himself on being honest and ethical.

He stood there with bent knees and was aghast at the extent of his degradations and, what was perhaps worse, his lack of insight. He had fretted and worried and ignored the very essence of the problem. He had reduced others to dirt and did not see—pretended not to see—how he himself kept sinking deeper in the mud. Only a thread restrained him from the final plunge into the bottomless pit. But the forces which are compassionate towards man had conspired that he now stand in prayer shawl and phylacteries, prayer book in hand, amongst a group of honest Jews. He chanted "Hear O Israel" and cupped his eyes with his hand. He recited the Eighteen Benedictions, contemplating every word. The long-forgotten childhood devotion returned now, a faith that demanded no proof, an awe of God, a sense of remorse over one's transgressions. What had he learned from the worldly books? That the world had created itself. That the sun, the moon, the earth, the animals, man, had come out of mist. But where had the mist come from? And how could a mist create a man with lungs, with a heart, a stomach, brain? They ridiculed the faithful who attribute everything to God, yet they themselves attributed all sorts of wisdom and powers to an unseeing nature which was unaware of its own existence. From the phylacteries Yasha sensed a radiance that reached into his brain, unlocked compartments there, illuminated the dark places, unraveled the knots. All the prayers said the same: There was a God Who sees, Who hears, Who takes pity on man, Who contains His wrath, Who forgives sin, Who wants men to repent, Who punishes evil deeds, Who rewards good deeds in this world and—what was even more—in the other.

Yes, that there were other worlds, Yasha had always felt. He could almost see them.

I must be a Jew! he said to himself. A Jew like all the others!

דאס ביטערע מול האט זיך שוין גענומען צו מיר... מאגדא איז צוריק אריינגעקומען. זי האט שוין געהאט אויסגעטאן די יום־טובדיקע מלבושים. זי איז, וויזט אויס, געהאט אוועק אין מארק איינקויפן. זי האט געהאלטן א קויבער און ס'האט פון אים ארויסגעשטארצט א פיסל פון א הון.

— וווּ גייסטו ? כ'קאך מיטאג.

— קאך פאר דיר אליין.

— לויפסט צוריק צו דער פיאסקער זונה ?

— כ'גיי ווו כ'וויל.

— צווישן אונדז איז אלץ אויס. איכל נאך היינט אהיימפארן. דו שמוציקער ייד !..

מאגדא האט זיך ווי דערשראקן פאר די אייגענע ווערטער. זי איז געבליבן שטיין מיט אן אפן מויל. זי האט געטאן א הייב אויף די האנט זי עמעץ וואס ריכט זיך אויף א קלאפ. יאשא איז געווארן בלאס.

— נו, דאס איז דער סוף !

— יא, דער סוף ! דו ברענגסט ארויס אין מיר דעם טייוול !...

און מאגדא האט א וואָרף געטאן דעם קויבער און גענומען וויינען מיט א דארפיש געוויין, א שטייגער ווי מ'וואלט זי געשלאגן מיט א שטעקן אדער זי גאר געשמיסן. די הון איז געבליבן ליגן מיט דעם פארבלוטיקטן האלדז ארויף, ארומגערינגלט מיט ציבעלעס, בוראקעס, קארטאפל. מאגדא איז אוועקגעלאפן אין קיך און ס'האט זיך דערהערט פון דארט א כארכלעניש ווי זי וואלט געבראכן אדער זיך געווארגן. יאשא האט זיך שוין געהאט אויפגעשטעלט, אבער ער האט נאך אלץ געהאלטן דעם שטעקן וואס מיט אים האט ער געניישטערט אונטער דעם אלמער. ער האט צוליב עפעס איבערגעדרייט די הון און צוגעשארט צו איר האלדז א בוראק. ער האט נאך אלץ געזוכט די ספינקע. ער האט געהאט א פארלאנג אריינצוגיין אין קיך און זען וואס מאגדא טוט דארט. אבער ער האט זיך אפגעהאלטן. שפעטער א ביסל וועט מיך, מסתמא, עמיליא אזוי רופן, האט ער געטראכט. נו, אלץ צעפאלט זיך ווי א קארטן־שטיבל...

ער האט זיך ווי ס'איז אנגעטאן. ווען ער איז פארביי דעם קארידאר האט ער געהערט דורך דער פארמאכטער טיר ווי מאגדא רייבט א טאפ מיט א שטרויוויש. ער האט זיך געלאזט אראפגיין מיט די טרעפ און יעדער טריט איז אנגעקומען מיט יסורים. ער איז קוים דערגאנגען ביז דער ראזורע. אבער ס'איז דארט קיינער נישט געווען... ער האט גערופן, געטופעט מיט דעם געזונטן פוס, געקלאפט אן דער וואנט, אבער קיינער האט זיך נישט אנגערופן. לאזן אלץ איבער און גייען אוועק! — האט יאשא צו זיך גערעדט. — אט דאס איז פוילן! דערביי האבן זיי נאך טענות פאר וואס מ'האט זיי צעריסן אויף שטיקער... מסתמא געלאפן שפילן אין קארטן, דער דראב. נו, איכל קומען צו איר מיט א בארד. זאל זי זען אין וואסער מצב איך בין. ער איז צוריק ארויס און זיך אוועקגעשטעלט ווארטן אויף א דראזשקע, אבער ס'איז נישט אנגעקומען קיין דראזשקע. אזא מדינה איז דאס! — האט יאשא געבורמלט. — אלץ וואס זיי קאנען איז: מאכן פאווסטאניעס אלע עטלעכע יאר, קלינגען מיט די קייטן... ער איז דערגאנגען ביז דער דלוגע. ס'האט זיך דארט געפונען א ראזורע און יאשא איז אריין, אבער דער פריזירער האט עמעצן געשוירן. ער האט געזאגט:

— ווען א פאס איז פול מיט קרויט, קאן מען נישט אנשטופן נאך קרויט. קרויט איז נישט קיין פלאקס וואס מ'קאן צונויפדריקן און צונויפפרעסן. אויב דאס פאס איז פול, איז עס פול. מיט טייג, פראשע פאנא, איז נאך ערגער. מיר איז באקאנט א פאל מיט א פרוי וואס האט געוואלט באקן א קוכן פאר איר מוטער. זי האט צונויפגעקנאטן דאס טייג ביי זיך אין הויז, אריינגעטאן הייוון און אל דאס איבעריקע. די לעצטע מינוט האט זי באשלאסן אוועקצופירן דאס טייג צו דער מוטער קיין פראגע כ'זאל דאס באקן אין איר אויוון. אין איר אייגענעם אויוון איז א לופט געווען פארשטאפט, אדער ס'האט גלאט געקויכערט. זי האט אריינגעלייגט דאס טייג אין א קויבער, צוגעדעקט מיט שמאטעס און גענומען אן אמניבוס. אין אמניבוס איז געווען ווארעם און דאס טייג האט גענומען יירן. ס'האט אנגעהויבן ארויסקריכן פון קויבער ווי א לעבעדיק באשעפעניש. די פרוי האט עס געפרוווט אריינקוועטשן, אבער טייג לאזט זיך נישט צונויפקוועטשן. זי האט געקוועטשט פון איין זייט און דאס טייג איז געקראכן פון אן אנדער זייט. ס'האט אוועקגעשארט אלע שמאטעס. דער קויבער איז געווארן אזוי אנגעבלאזן אז ער האט געהאלטן ביים פלאצן. דוכט זיך אפילו אז ער האט געפלאצט...

— קאן טייג זיין אזוי שטארק ? — האט געפרעגט דער, וואס מ'האט אים געשוירן.

— טאק, פראשע פאנא. אין אמניבוס איז געווארן די ריכטיקע העצע. ס'זענען דארט געווען עטלעכע לצים און —

— זי האט געמוזט אריינטאן א סך הייוון.

— ס'איז נישט אזוי די הייוון ווי די ווארעמקייט. ס'איז געווען א הייסער טאג און —

וואס פלודערן זיי אזוי פיל ? ער איז א ליגנער אויך: א קויבער וועט דערפון נישט פלאצן — האט יאשא געקלערט. — אבער מיין שוך האלט יא ביים פלאצן. מיין געשוויר יודעט דארט אויך. און פאר וואס רופט ער זיך נישט אן צו מיר, דער שטינקער ? אפשר בין איך א רואה ואינו נראה ?... יאשא האט א פרעג געטאן:

— כ'וועל לאנג דארפן ווארטן ?

— ביז כ'וועל פארטיק ווערן, פראשע פאנא — האט דער פריזירער געענטפערט העפלעך און שפאטיש. — איך האב בלויז איין פאר הענט. מיט די פיס קאן איך נישט שערן, פראשע פאנא, און ווען איך וואלט אפילו געקאנט, אויף וואס וואלט איך געשטאנען ? אויפן קאפ ? בין איך גערעכט, פאניע מיעטשיסלאוויע ?

Magda had returned and had removed her Sunday dress. He could see she had been shopping for she held a basket from which protruded the legs of a chicken.

"Where are you going? I was just about to prepare lunch."

"Prepare it for yourself."

"Running back to your Piask whore?"

"I'll go where I please."

"We're finished. I'm going home today. You dirty Jew!"

She seemed afraid of her own words; her mouth agape, she stood with her hand raised as if to avert a blow. Yasha blanched. "Well, that's the end!"

"Yes, the end. You bring out the devil in me!"

And she threw down her basket and intoned a peasant dirge as if she had been scourged. The chicken lay there, its bloody neck aloft, ringed by onions, beets, potatoes. Magda fled into the kitchen and then Yasha heard a rattling sound as if she were vomiting or strangling. He had risen to his feet, still gripping the cane he had used in his search for the cuff link. For some inexplicable reason he righted the chicken and covered its torn neck with a beet. He continued to search for the cuff link. He wanted to go into the kitchen to see what Magda was up to but he restrained himself. In a little while Emilia will undoubtedly call me the same name, he thought. Yes, everything is collapsing like a house of cards.

He dressed himself somehow. When he passed the corridor he heard through the closed door Magda scraping a pot with a whisk. He hobbled down the stairs, feeling pain with each step. He barely managed to reach the barber shop but there was no one on the premises. He called out, stamped his sound foot, pounded on the wall, but no one came. They just leave everything and go off! he grumbled to himself. That's Poland for you. And still they complain that the country is torn to pieces. Probably ran off to play cards, the bum! Well, I'll just have to go to her unshaven. Let her see the state I'm in. He stood waiting for a droshky, but none came. That's the kind of country this is, he mumbled; all they can do is rebel every few years and rattle the chains.

He managed to get to the Avenue Dluga, found a barber shop and walked in. The barber was busy cutting a customer's hair. "When a barrel is filled with cabbage, you can't stuff any more in," the barber was saying. "Cabbage isn't like flax; it can't be squeezed together. When the barrel's full, it's full. With dough, dear sir, it's even worse. I'm reminded of something that happened to a woman who wanted to bake a cake for her mother. She kneaded the dough, added the yeast, and all the other things. At the last minute she decided to bring the dough to her mother's house in Praga and bake it there, because the flue in her stove was blocked or the stove smoked or something like that. So she packed the dough in a basket, covered it with a cloth, and took the omnibus. It was warm in the omnibus and the dough began to rise. It crept out of the basket as if it were alive. She tried to stuff it back but dough is something that won't be pushed. When she squeezed from one side it billowed out the other. The cover flew off. The basket swelled, and bang! it burst. Anyway, I *think* it burst."

"Is dough that strong?" the man in the chair asked.

"Of course it is. A real commotion started in the omnibus. There were several smart alecks on board and. . . ."

"She must have put a lot of yeast in that dough."

"It wasn't so much the yeast as the heat. It was a hot summer day and. . . ."

Why do they go on like that? Besides, he's a liar; the basket would never have burst, Yasha thought. But my shoe will! My foot's abscessing. And why doesn't he acknowledge my presence? Maybe I'm one who sees but isn't seen!

"Is there a long wait?" he asked.

"Till I'm finished, sir," the barber said, mingling courtesy with derision. "I have just one pair of hands. I just can't cut hair with my feet and, if I could, what would I stand on? My head, perhaps? What do you think, Panie Miechislaw?"

— ניין, ר'האט זיך דערשראקן און איז אנטלאפן. אראפגעשפרונגען פון באלקאן. דער נאכט־וועכטער האט אים געזען אנטלויפן. זאל דער פאן נישט פרעגן וואס ס'טוט זיך דארט אפ! דער אלטער האט געמאכט א סקאנדאל! א שרעקלעכע סצענע. ער האט געוואלט אפשאפן מיין פריינדינע. ס'איז זיך אנגעקומען פאליציי. מיין פריינדינע האט שרעקלעך געוויינט. דרייסיק יאר אויף איין שטעלע!...

יאדוויגא האט דאס דערציילט מיט א סארט שאדן־פרייד. ס'האט איר, אפנים, ערגעץ ווו א הנאה געטאן דער חברטעס דורכפאל. די אויגן אירע האבן געלאכט מיט א שעלמישקייט וואס יאשא האט אין איר פריער קיין מאל נישט באמערקט.

— יא, ס'פעלן נישט קיין גנבים אין ווארשע.

— א, ס'ליגס דארט יענע אפותיקי... זאל דער פאן אריינגיין אין סאלאן. איכ'ל גיין מעלדן דער פאני.

יאשאן האט זיך געדוכט ווי יאדוויגא וואלט געווארן יינגער זינט אייערנעכטן. זי איז נישט געגאנגען, נאר אונטערגעלאפן. ער איז אריין אין סאלאן און זיך אוועקגעזעצט אויף דער סאפע. זיי טארן נישט זען אז עפעס איז נישט ווי ס'באדארף צו זיין מיט מיין פוס!... אויב זיי זאלן עפעס באמערקן, וועל איך זאגן אז כ'בין געפאלן. אדער אפשר איז גלייכער באלד אנצוהייבן דערמיט? ס'וואלט געווען ווייניקער פארדעכטיק... יאשא האט זיך געריכט אז עמיליא וועט גלייך אריינלויפן צו אים, אבער זי האט זיך דאס מאל געזוימט לענגער ווי געוויינטלעך. דאס צאלט זי מיר אפ פאר נישט קומען נעכטן ביי נאכט... נאך א ווייל האבן זיך דערהערט טריט. עמיליא האט געעפנט די טיר און ער האט געזען אז זי טראגט שוין ווידער א העל קלייד, אפנים — א קלייד פון אמאליקע צייטן. ער האט זיך אויפגעהויבן, אבער ער איז איר נישט באלד אקעגנגעגאנגען.

— וואס פאר א הערלעך קלייד!

— ס'געפעלט אייך?

עמיליא האט זיך אומגעקערט צו אים מיטן רוקן און ער האט אויסגענוצט די סעקונדע צוצוגיין צו איר מיט שלאבעריקע טריט.

— שיין, א פראכט!

עמיליא האט זיך צוריק צו אים אומגעקערט.

— כ'האב מורא געהאט ס'וועט אייך נישט געפעלן. און ווו זענט איר ערגעץ אהינגעקומען נעכטן? כ'בין נישט געשלאפן צוליב אייך א גאנצע נאכט.

— וואס האט איר געטאן א גאנצע נאכט?

— א, וואס טוט מען ווען מ'קאן נישט שלאפן? כ'האב געלייענט, זיך געדרייט. ווירקלעך, כ'האב שרעקלעך איבערגעקלערט. כ'האב שוין געמיינט אז —

און עמיליא האט זיך אפגעהאקט.

ווי האט זי געקאנט לייענען אז ס'איז ביי איר געווען פינצטער אין שלאף־צימער? — האט יאשא געטראכט. ער האט עס איר געוואלט זאגן, אבער ער האט זיך באלד געכאפט אז דאס קאן אים אויסגעבן. זי האט געקוקט אויף אים מיט א געמיש פון נייגיר, פארדרוס און ליבשאפט. ער האט דורך עפעס א כוח (אדער א צייכן) באנומען, אז זי האט באדויערט וואס זי האט אים יענע נאכט אוועקגעשיקט אן אומבאפרידיקטן און אז זי איז גרייט צו פארריכטן איר טעות. זי האט צונויפגעצויגן די ברעמען אזוי ווי זי וואלט געפרוווט טרעפן זיינע געדאנקען. ער האט געקוקט אויף איר, אויף דעם קלייד און אים האט זיך אויסגעוויזן, אז זי איז געווארן עלטער נישט מיט טעג, נאר מיט יארן, ווי דאס טרעפט א מאל מיט עמעצן וואס מאכט אדורך א טיפע זארג. ער האט א זאג געטאן:

— ס'איז מיר נעכטן געשען אן אומאנגענעמע זאך.

עמיליע איז גלייך געווארן בלייך.

— וואס אזוינס?

— כ'האב געמאכט א פראבע און בין געפאלן. כ'האב מיר צעקלאפט דעם לינקן פוס.

— טייל מאל וווּנדער איך זיך ווי איר עקזיסטירט איבערהויפט — האט עמיליא גענומען רעדן מיט געטריישאפט און פארהאלטעניש. — איר נעמט אונטער זאכן וואס זענען גארנישט אין די מענטשלעכע כוחות. אפילו אז מ'האט שוין א טאלאנט, דארף מען אים אויך נישט צעטרענצלען, ספעציעל ווען מ'צאלט אייך אזוי נישטיקן געהאלט. זיי שאצן אבסאלוט נישט אפ.

— יא, כ'גיב צו פיל אוועק, אבער דאס איז מיין פארשאלטענע נאטור.

— ס'איז ביידע, א קללה און א ברכה... א דאקטאר האט איר גערופן?

— דערווייל נישט.

— אויף וועמען ווארט איר? אין א פאר טעג ארום איז די פרעמיערע.

— יא, כ'ווייס אלץ.

— זעצט אייך. ס'הארץ האט מיר געזאגט, אז עפעס איז געשען. איר האט געזאלט זיין אין אוונט, אבער איר זענט נישט געקומען. כ'ווייס נישט פאר וואס, נאר כ'בין א גאנצע נאכט נישט געשלאפן. כ'האב זיך אויפגעכאפט ארום איינס א זייגער און מער נישט געקאנט צוטאן קיין אויג. כ'האב געהאט אן אויסטערליש געפיל: אז דו ביסט אין א געפאר — האט זי אים פלוצלונג געדוצט. — כ'האב מיר געזאגט, אז ס'איז נאריש, כ'וויל זיך נישט אריינלאזן אין די אלע אבערגלויבנס, נאר כ'האב מיך נישט געקאנט באפרייען פון דעם געדאנק. ווען איז דאס געשען? ווען ביסטו געפאלן?

— טאקע נעכטן ביי נאכט.

— איינס א זייגער?

— מער ווייניקער.

"No, the thief got panicky and ran away. Leaped from the balcony. The night watchman saw him. Don't ask what's going on over there! The old man raised a terrible fuss! It was just awful! He wanted to discharge my friend. The police came. My friend cried her heart out. Thirty years—thirty years in one household!"

She said all this with a sort of perverse pleasure. Her friend's misfortune gave Yadwiga some sort of inner satisfaction. Her eyes sparkled with a malice that Yasha had not seen in her before.

"Yes, there are no lack of thieves in Warsaw."

"Ah, there's that fortune to tempt them. Kindly go into the drawing room. I'll announce you to the Mistress!"

It seemed to Yasha that Yadwiga had grown younger. She did not walk now but almost skipped along. He went into the drawing room and seated himself on the sofa. They mustn't notice anything wrong with my foot. If they do, I'll claim that I fell. Or perhaps it would be better for me to mention it right off. It would seem less suspicious that way. Yasha had expected Emilia to come running to him immediately, but she took longer than usual. She's repaying me for last night, he thought. At last he heard footsteps. Emilia opened the door and Yasha saw that she was once again dressed in a brightly colored gown, this one evidently new. He rose but did not go immediately to her.

"What a marvelous dress!"

"Do you like it?"

"It's splendid! Turn around, let me see it from the back!"

Emilia did as she was told and Yasha availed himself of the moment to limp closer to her.

"Yes, exquisite!"

She turned to face him.

"I was afraid it wouldn't please you. What happened to you yesterday? I didn't sleep at all last night because of you."

"What did you do, then, if you didn't sleep?"

"What can you do at such a time? I read, I walked about. Really, I was most concerned about you. I thought that you'd already . . ." Emilia broke off.

How could she have been reading when there was no light in her bedroom? Yasha thought. He wanted to confront her with this but restrained himself, aware that by such a confrontation he would give himself away. She studied him, her face expressing curiosity, resentment, devotion. Through some imperceptible power (or omen) he knew that she regretted having repulsed him the other night, and that she was now prepared to rectify her error. She wrinkled her brow as if attempting to fathom his thoughts. He studied her and it seemed to him that she had aged—not by days but by years, as sometimes happens to a person who has suffered a grave illness or a deep sorrow.

"Something bad happened yesterday," he said.

Her face blanched. "What?"

"While I was rehearsing, I fell and injured my foot."

"I sometimes wonder that you survive at all," she said reproachfully. "You undertake the superhuman. Even if you are blessed with talent, you don't have to squander it, especially at the wages you are paid. They don't appreciate you at all."

"Yes, I do give too much. But that's my nature."

"Well, it's both a curse and a blessing . . . Have you seen a doctor?"

"Not yet."

"What are you waiting for? You're opening in a few days!"

"Yes, I know that."

"Sit down. I knew there was something wrong. You were supposed to come and you didn't. I didn't know why, but I couldn't sleep. I woke at one o'clock and didn't shut my eyes again. I had this odd sensation that you were in danger . . ." she suddenly addressed him with the familiar *thou.* "I told myself that my fears were ridiculous. I didn't want to be superstitious but I couldn't rid myself of that feeling. When did it happen? At what time did you fall?"

"As a matter of fact, it was during the night."

"At one o'clock?"

"Around then."

— נו, כ'האָב עס געוווסט. כאָטש ווי אַזוי, קאָן איך נישט פאַר־שטיין. כ'האָב זיך אויפגעזעצט און אָן אַ פּאַר וואָס גענומען פאַר דיר גאָט בעטן. האַלינאַ האָט זיך אויך איבערגעוועקט און איז אַרייַנגעקומען. זי איז מיט מיר אין אַ מאָדנעם קאָנטאַקט. אַז איך שלאָף נישט, שלאָפט זי אויך נישט, כאָטש איך היט זיך צו מאַכן אַ רויש. וואָס איז געשען? ביסט געשפּרונגען?

— יאָ, געשפּרונגען.

— מוזסט גלייך פרעגן אַ דאָקטאָר און אויב ער'ט דיר זאָגן אַז דו טאָרסט נישט אַרויסטרעטן, וועסטו נישט אַרויסטרעטן. מיט אַזוינע זאַכן שפּילט מען זיך נישט, ספּעציעל אין דיין פאַל.

— דאָס טעאַטער וואָלט באַנקראָטירט.

— זאָלן זיי באַנקראָטירן. קיין שום מענטש איז נישט באַוואָרנט קעגן אַ פאַרפאַל. הלוואַי וואָלטן מיר שוין געווען צוזאַמען, וואָלט איך אויף דיר אַכטונג געטאָן. דו זעסט אויס שלעכט. האָסט דיך אָפּגעשוירן, אָדער וואָס?

— ניין.

— זעט אויס ווי דו וואָלסט דיך אָפּגעשוירן. וועסט נישט גלויבן, נאָר שוין טעג ווי איך דריי זיך אַרום מיט אַ פאָרגעפיל. דאַרפסט זיך נישט דערשרעקן, כ'האָב נישט פאָרויסגעזען קיין גרויסע אומגליקן, אָבער עפּעס האָט מיך געמאַטערט. כ'האָב מיך אַליין געוואָלט אויפמונטערן, נאָר כ'האָב נישט געקאָנט. היינט אין דער פרי, אַז כ'האָב גאָרנישט געהערט פון דיר, בין איך איינפאַך אַרייַנגעפאַלן אין אַ פאַרצווייפלונג, כ'האָב שוין גע־טראַכט, אַז כ'זאָל אַריבערגיין צו דיר, אָדער גאָט ווייסט וואָס. ווי קאָן מען אויפקלערן אַזוינע זאַכן?

— מ'קאָן גאָרנישט אויפקלערן.

— מעג איך טאָן אַ קוק אויף דיין פוס?

— שפּעטער, נישט איצט.

— איכ'ל באַלד טאָן אַ קוק. טייערער, כ'וויל האָבן מיט דיר היינט אַ וויכטיקן שמועס.

— וואָס איז? רעד שוין.

— מיר מוזן מאַכן אונדזערע פּלענער גענוי. דאָס וואָס איך זאָג איז אפשר נישט ווירדיק, אָבער מיר זענען דאָך שוין בײדע נישט קיין קליינע קינדער. די לאַגע איז אַזאַ, אַז כ'קאָן מער נישט פאַרטראָגן דאָס דאָזיקע יאָרטעניש און דאָס הענגען אין דער לופט. ס'מאַכט מיך איינ־פאַך קראַנק. איך בין פון דער נאַטור נישט קיין לייכטע. כ'מוז וויסן קלאָר וואָס און ווען. האַלינאַ דאַרף אָנהייבן שטודירן, נישט פאַרלירן אַ נייעם סעמעסטער. דו זאָגסט צו טויזנט זאַכן, אָבער צומאָרגנס בלייבט אַלץ ווי געווען. איצט, אַז דו האָסט געזאָגט האַלינאַן אונדזערע אינטענצן, לאָזט זי מיך מער נישט געמאַך. זי איז קלוג, אָבער אַ קינד בלייבט אַ קינד. אַך, איך טאָר נישט רעדן צו דיר איצט אַזוינע רייד ווען דו ליידסט יסורים, אָבער כ'קאָן דיר נישט איבערגעבן וואָס איך גיי דורך. אויסער אַלעמען, בענק איך שרעקלעך... אַזוי ווי מיר געזעגענען זיך און דו פאַרמאַכסט די טיר, הייב איך אָן ליידן. ס'באַפאַלט מיך אַ מאָדנע אומזי־כערקייט, אַ שטייגער ווי איך וואָלט געלעבט אויף אַ קריע, וואָס קאָן יעדע רגע צעגיין און מיך לאָזן אויפן וואַסער. כ'הייב אָן צו טראַכטן, אַז כ'בין וווּלגאַר און האָב פאַרלוירן יעדע בושה.

און עמיליאַ האָט זיך אָפּגעהאַקט. זי איז געבליבן שטיין מיט אַ גע־בויגענעם קאָפּ, אַ ציטערנדיק מויל און אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי עמעץ, וואָס איז פאַרשעמט ביז די סאַמע טיפענישן.

— וואָס איז דאָס? קערפּערלעך? — האָט יאַשאַ געפרעגט נאָך אַ קווענקלעניש.

— אַלץ צוזאַמען...

— נו, מירן אַלץ באַשליסן.

ו

— דו זאָגסט יעדעס מאָל, אַז מירן באַשליסן. וואָס איז דאָ פאַראַן אַזוי פיל צו באַשליסן? אויב מיר ווילן פאָרן, מוז איך ליקווידירן די וווינונג און פאַרקויפן ס'מעבל. אפשר וועל איך עפּעס קריגן דערפאַר, כאָטש ס'איז מער אַ סך נישט ווערט. און אפשר קאָן מען עס איבערפירן קיין איטאַליע? דאָס זענען אַלץ קאָנקרעטע זאַכן, וואָס מ'מוז טאָן. פון רעדן וועט גאָרנישט ווערן. מיר וואָלטן אויך געדאַרפט אָנגעבן אויף פּעסער, ווייל די רוסן מאַכן שוועריקייטן. מיר וואָלטן געדאַרפט באַשטי־מען גענוי די וואָך און דעם טאָג ווען מיר פאָרן. ס'איז אויך אַ פראַגע פון געלט. כ'האָב ביז איצט מיט דיר נישט גערעדט דערפון, ווייל ס'איז מיר שרעקלעך אומאָנגענעם. אַזוי ווי כ'דאַרף אַרויסזאָגן דאָס דאָזיקע וואָרט, קומט מיר דאָס בלוט אין פּנים אַרײַן (עמיליאַ איז וואָרהאַפטיק געוואָרן רויט), אָבער מ'קאָן דאָך פאָרט נישט טאָן קיין שום זאַך אָן דעם. מיר האָבן אויך גערעדט וועגן דיין... נו, דו האָסט צוגעזאָגט... אָננע־מען דעם קריסטלעכן גלויבן... כ'ווייס, אַז דאָס זענען פאָרמעלע זאַכן. מ'קאָן נישט קריגן קיין אמונה דורך באַגיסן זיך מיט ווײַ־וואַסער. אָבער אָן דעם קאָנען מיר דאָך נישט חתונה האָבן... כ'רעד די ווערטער גלויבנ־דיק, אַז דו מיינסט עס ערנסט מיט דיינע צוזאָגן. אויב נישט, צו וואָס זיך מאַכן צום נאַר? מיר זענען מער נישט קיין קינדער —

און עמיליאַ האָט זיך אָפּגעהאַקט.

— דו ווייסט, אַז כ'מיין אַלץ ערנסט.

"I knew it! Although I can't imagine how. I sat up in bed and for no reason at all began to pray for you. Halina woke up, too, and came in. There's something about that girl which defies explanation. There's a strange sort of bond between us. When I can't sleep, she can't either, although I am very careful not to make any noise. What happened? Was it a jump?"

"Yes, I jumped."

"You must see a doctor immediately and if he says not to perform you must listen to him. You can't trifle with such things, especially in your case."

"The theater will go bankrupt."

"Let it. No one is immune to accidents. If only we were already together, I would take care of you. You don't look at all well. Did you get a haircut?"

"No."

"You look as if you'd had a haircut. I know you'll think this ridiculous but for days I've had a premonition of this. You mustn't worry, I foresaw no great tragedy, but there was certainly something. I tried to keep my spirits up. When I had no word from you this morning I felt simply desperate. I even thought of going to your place. How can such things be explained?"

"You can't explain anything."

"May I see your foot?"

"Later, not now."

"All right, dearest. But there is something important I must discuss with you."

"What is it? Tell me."

"We must make some definite plans. Perhaps what I'm saying is in bad taste, but we are neither of us children any more. It's come to the point where I cannot endure this waiting any longer, this feeling of everything being up in the air. The situation is making me ill. I'm not an irresponsible person by nature. I must know exactly where I stand. Halina must resume her schooling; she cannot afford to lose another semester. You make thousands of promises but everything remains as before. Now that you've revealed our intentions to Halina, she gives me no peace. She's a clever girl, but a child remains a child. I know I shouldn't be speaking like this to you when you're in pain, but I can't impress upon you too strongly just what I've been going through. In addition to everything else, I long for you terribly. The moment we say goodbye and I close the door, my torment begins. I feel strangely insecure as if I were on an ice-floe which might crack at any moment and cast me into the water. I start to believe that I've grown vulgar and have lost all shame."

And Emilia ceased her flow of words. She stood there, her head bowed, trembling, her eyes cast down as if she were ashamed to her very core.

"Do you mean physically?" Yasha asked after some hesitation.

"Everything together."

"Well, we'll decide everything."

6

"You tell me each time that we'll decide. Is there so much that needs deciding? If we intend to go, I must give up my apartment and sell the furniture. I might get something for it, although it isn't worth much any more. But maybe we can send it on to Italy. Those are the practical things that we must do. Nothing will come from just talking. We should also apply for passports because the Russians make everything difficult. We should determine the exact week and day of our departure. There's also the matter of finances. I haven't discussed this with you previously because the subject is extremely distasteful to me. Whenever I have to speak of it the blood rushes to my face," (her face indeed reddened),. "but we can accomplish nothing without it. We also spoke of your—well, you did promise to assume the Christian faith—I know that these things are mere formalities, one does not acquire faith by being sprinkled with water. But without it, we cannot marry. I'm saying all this to you on the assumption that your promises were given in good faith. If they were not, why continue the farce? We're no longer children."

And Emilia stopped talking.

"You know I meant every word I said."

— וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט זאָלסט אָנקלאַפּן איידער דו קומסט אַריין! ביסט נישט קיין קינד פון דריי יאָר.

— אויב כ'האָב געשטערט, וועל איך אַרויסגיין.

— האָסט נישט געשטערט — האָט יאַשאַ זיך אָנגערופן. — וואָס פאַר אַ שיין קלייד דו טראָגסט!

— וואָס איז די שיינקייט? אַן אויסגעוואַקסן קלייד. אָבער ס'איז ווייס און איך האָב ליב ווייס. כ'וויל, אַז אונדזער הויז אין איטאַליע זאָל זיין ווייס. פאַר וואָס קאָן מען נישט מאַכן, אַז דער דאַך זאָל אויך זיין ווייס? אָ, ס'וואָלט געווען הערליך־שיין: אַ הויז מיט אַ ווייסן דאַך!

— אפשר ווילסטו דער קוימענקערער זאָל אויך זיין ווייס? — האָט יאַשאַ געפרעגט.

— פאַר וואָס נישט? מ'קאָן דעם רוס אויך אָפּשמירן. כ'האָב געלייענט, אַז ווען מען קלויבט אַ נייעם פויפסט גייט אַרויס פון קוימען אין וואַטיקאַן אַ ווייסער רויך, און ווי באַלד דער רויך איז ווייס, קאָן דער רוס אויך זיין ווייס — — —

— יאָ, מ'וועט פאַר דיר אַלץ צוגרייטן — האָט עמיליאַ געזאָגט, — אָבער דערווייל גיי צוריק צו דיר אין צימער. מיר רעדן וועגן עפּעס.

— וועגן וואָס רעדט איר? קוק נישט אַזוי בייז, מאַמאַ. כ'גיי גלייך. כ'בין שרעקלעך דורשטיק, אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. איידער איך גיי אַרויס וויל איך בלויז זאָגן איין זאַך: איר זעט אויס אין אַ שלעכטן הומאָר, אַנקל יאַשאַ. וואָס איז אייך?

— אַ שיף מיט ווערמילך איז מיר אונטערגעגאַנגען.

— האַ? וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָמישער אויסדרוק?

— אַזוי זאָגט מען אויף יידיש.

— האַ? כ'וואָלט געוואָלט קאָנען יידיש. כ'וואָלט געוואָלט קאָנען אַלע שפּראַכן: כינעזיש, טאַטעריש, טערקיש. מ'זאָגט, אַז די חיות האָבן אויך שפּראַכן. כ'בין אַנומלט פאַרביי דעם גזשיבאָוו און די יידן זענען אויס אַזוי קאָמיש אין די לאַנגע קאַפּאָטעס מיט די שוואַרצע בערד. וואָס איז אַ ייד, האַ?

— כ'האָב דיר געזאָגט דו זאָלסט אַרויסגיין פון דאַנען! — האָט עמיליאַ אויפגעהויבן דאָס קול.

האַלינאַ האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַרויסצוגיין ווי עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. ביי דער שוועל איז געשטאַנען יאַדוויגאַ.

— עפּעס אַ מאַנסביל איז געקומען. ער וויל רעדן מיט דער פּאַני.

— אַ מאַנסביל? ווער איז ער? וואָס וויל ער?

— כ'ווייס נישט.

— פאַר וואָס האָסטו נישט געפרעגט דעם נאָמען?

— ער וויל נישט זאָגן. ער זעט אויס ווי פון אַ פּאָטשט אָדער ווייסעך וואָס.

— נו, אַלערליי פּאַקראַקעס. איין סעקונדע. איכ'ל צו אים אַרויסגיין. און עמיליאַ איז אַרויס אין קאָרידאָר.

— ווער קאָן דאָס זיין? — האָט האַלינאַ געפרעגט. — כ'האָב גענומען אַ בוך אין דער שול־ביבליאָטעק און כ'האָב עס פאַרלוירן. כ'האָב עס פאַקטיש נישט פאַרלוירן, נאָר ס'איז אַריינגעפאַלן אין רינשטאָק און כ'האָב זיך געמיאוסט אויפצוהייבן. כ'האָב עס מורא געהאַט אַהיים צו ברענגען, ווייל ווען מאַמאַ וואָלט געזען ביי מיר אַזאַ קויטיק בוך, וואָלט זי שרעקלעך געשריגן. זי איז אַ גוטע, אָבער זייער אַ שלעכטע... לעצטנס איז זי אין גאַנצן צעשרויפט. זי שלאָפט נישט קיין נעכט און אַז זי שלאָפט נישט, קאָן איך אויך נישט שלאָפן. איך קום צו איר אין בעט אַריין און מיר ליגן און רעדן ווי צוויי פאַרלוירענע נשמות... טייל מאָל זעצט זי זיך אַוועק ביי אַ טישעלע, לייגט אַרויף די הענט און וואַרט דאָס טישעלע זאָל איר זאָגן די צוקונפט. אָ, זי איז טייל מאָל קאָמיש, אָבער איך האָב זי שרעקלעך ליב. אין מיטן דער נאַכט איז זי גוט. טייל מאָל וואָלט איך געוואָלט ס'זאָל שטענדיק זיין אין מיטן דער נאַכט און איר, אַנקל יאַשאַ, זאָלט זיין מיט אונדז און מיר זאָלן אַלע דריי פאַרברענגען. אפשר וואָלט איר איצט געוואָלט מיך היפּנאָטיזירן? כ'האָב אַ שטאַרקן פאַרלאַנג מ'זאָל מיך היפּנאָטיזירן.

— צו וואָס טויג עס דיר?

— אָ, גלאַט אַזוי. ס'לעבן איז אַזוי לאַנגווייליק...

— דיין מוטער איז קעגן דעם און כ'קאָן נישט גיין קעגן דיין מוטער.

— ס'וועט אפשר דויערן ביז זי וועט צוריק אַריינקומען.

— אַזוי גיך טוט זיך דאָס נישט, אָבער דו ביסט היפּנאָטיזירט סיי ווי סיי.

— וואָס מיינט איר?

— אָ, דו מוזסט מיך ליב האָבן. וועסט מיך שטענדיק ליב האָבן. וועסט מיך קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

— דאָס איז אמת. קיין מאָל נישט! כ'וויל רעדן נאַרישקייטן. מעג איך

"How many times have I told you to knock before you come in. You're not a three-year-old."

"If I've interrupted anything, I'll go."

"You didn't interrupt a thing," Yasha said. "What a lovely dress you're wearing!"

"What's so nice about it? A dress I've outgrown. But it's white and I adore white. I should like our house in Italy to be white. Why can't the roof be white too? Oh, it would be gorgeous—a house with a white roof!"

"Perhaps you'd like the chimney-sweep to be all in white, too?" Yasha teased.

"Why not? It's possible to make soot white. I read that when a new Pope is chosen, white smoke comes out of the chimney at the Vatican, and if the smoke is white, the soot can be white as well."

"Yes, everything will be arranged for you, but right now go back to your room. We are in the midst of discussing things!" Emilia said.

"What are you talking about? Don't frown so, Mother, I'm leaving right away. I'm terribly thirsty but that isn't important. Before I go there's only one thing that I want to say—you seem in a bad humor, Uncle Yasha. What's wrong?"

"I've lost a boatload of sour milk."

"What? What sort of comic expression is that?"

"It's a Yiddish saying!"

"I should like to know Yiddish. I would like to know all the languages: Chinese, Tataric, Turkish. It's said that animals have a language of their own, too. I once passed Grzybow Place and the Jews looked so funny with their long caftans and black beards. What's a Jew?"

"I've told you to get out of here!" Emilia's voice rose.

Halina turned to go just as there was a knock on the door. Yadwiga stood at the threshold.

"There's a man here. He wishes to speak with the Mistress."

"A man? Who is he? What does he want?"

"I don't know."

"Why didn't you ask his name?"

"He wouldn't say. He looks like he's from the Post Office or something."

"Well, another pest. One second. I'll go out to see him." And Emilia went out into the corridor.

"Who can that be?" Halina asked. "I took a book out of the school library and lost it. Actually, I didn't lose it at all, it fell into the sewer and I was too disgusted to pick it up. I was afraid to bring it home because if Mama saw me with such a filthy book she would scold me terribly. She is good, but very bad, too. Lately, she's been acting strangely. She doesn't sleep nights, and when she can't sleep, I can't sleep either. I get in bed with her and we lie there and talk like two lost souls. Occasionally she sits at a little table, puts her hands on it and waits for the table to predict her future. Oh, she is funny sometimes, but I love her madly. In the middle of the night she is so good. At times I wish it were always in the middle of the night and that you, Uncle Yasha, were together with us and we all passed the time together. Maybe you'd like to hypnotize me now? I feel a strong desire to be hypnotized."

"What do you need it for?"

"Oh, just because! Life is so dreary."

7

"Your mother doesn't want me to, and I won't do something she opposes."

"Just make it last until she returns."

"It doesn't happen that quickly, anyway you are hypnotized."

"What ever do you mean?"

"Ah, you are compelled to love me. You will always love me. You will never forget me."

"That's true. Never! I should like to talk nonsense.

— גיי שוין, זאָג איך דיר! — האָט עמיליאַ זיך אַ בייזער געטאָן.

— נו, איך גיי.

און האַלינאַ איז אַרויס.

— וואָסערע סעקרעטן האָט זי דאָס מיט דיר? — האָט עמיליאַ געפרעגט האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס.

— געוואַלדיקע סעקרעטן.

— טייל מאָל באַדויער איך וואָס כ'האָב נישט אַ זון אַנשטאָט אַ טאָכטער. אַ ייִנגל איז ווייניקער אין דער היים און ער מישט זיך נישט אַריין אין זיין מוטערס אָנגעלעגנהייטן. כ'האָב זי ליב, אָבער טייל מאָל מאַכט זי מיך נערוועז. דו דאַרפסט געדענקען, אַז זי איז אַ קינד, נישט אַ דערוואַקסענע.

— כ'רעד צו איר זוי צו אַ קינד.

— דאָס מיט דעם גנב איז קאָמיש. ער האָט שוין נישט געקאָנט קריגן קיין רייכער הויז ווי מיינס. ווו קריגן די דאָזיקע לייט אינפאָרמאַציע? זיי גייען געוויס איבער די טויערן און לייענען די ליסטעס פון די לאָקאַטאָרן. אָבער כ'האָב מורא פאַר גנבים. אַ גנב קאָן אויך זיין אַ מערדער. די דרויסן־טיר האָט אַ שלאָס, אָבער די טיר פון באַלקאָן האָט בלויז אַ קייטל.

— ביי דיר איז דער צווייטער שטאָק. דאָס איז צו הויך.

— יאָ, ס'איז ריכטיק. פון וואַנען ווייסטו אַז ביי אים איז עס דער ערשטער שטאָק?

— ווייל איך אַליין בין דער גנב — האָט יאַשאַ געזאָגט מיט אַ הייזעריק קול, געפּלעפט פון די אייגענע ווערטער. ס'האָט אים גענומען שטיקן אין קעל. ס'איז אים געוואָרן טונקל פאַר די אויגן און ער האָט ווידער דערזען די פייערדיקע פינטלען. ס'איז געווען ווי אַ דיבוק וואָלט פון אים אַרויסגערעדט. אַ זיג־זאַגיקע האָר האָט אים גענומען לויפן דורכן חוט־השדרה. ס'איז ווידער אָנגעקומען אין מויל דאָס אומבאַטעמטע וואַסער פון ערב־חלשות. עמיליאַ האָט אָפּגעוואַרט אַ ווייל.

— נו, ס'איז אַ גוטע אידעע. ווי באַלד דו קאָנסט אַרויסקלעטערן פון פענצטער, דאַרפסטו אויך קאָנען אַרויפקלעטערן אויף באַלקאָנען.

— כ'קאָן טאַקע.

— נו, אָבער פאַר וואָס האָסטו נישט געעפנט די קאַסע? אַז מ'הייבט שוין אָן, דאַרף מען קאָנען פאַרענדיקן.

— אַ מאָל קאָן מען נישט.

— וואָס רעדסטו אַזוי שטיל? כ'הער נישט וואָס דו זאָגסט!

— אַ מאָל קאָן מען נישט.

— אַז מ'קאָן נישט, נעמט מען זיך נישט אונטער, זאָגט דאָס שפּריכוואָרט... מאָדנע, כ'האָב מיט אַ צייט צוריק געטראַכט, אַז גנבים קאָנען זיך צו אים אַריינכאַפּן. אַלע ווייסן, אַז ער האַלט דאָס געלט אין שטוב. מ'וועט עס פריער אָדער שפּעטער צוגנבענען. דאָס איז דער סוף פון אַלע קמצנים... נו, אָבער דאָס זאַמלען אַליין איז אויך אַ ליידנשאַפט.

— אַזאַ סאָרט ליידנשאַפט.

— וואָס איז דער אונטערשיד? אין אַבסאָלוטן זין זענען אפשר אַלע ליידנשאַפטן גלייך נאַריש, אָדער גלייך קלוג. וואָס ווייסן מיר?

— ניין, מיר ווייסן גאָרנישט.

אַ לאַנגע ווייל האָבן ביידע געשוויגן.

— וואָס איז דיר? נו, כ'מוז אַ קוק טאָן אויף דיין פוס!...

— נישט איצט, נישט איצט.

— פאַר וואָס נישט איצט? ווי אַזוי ביסטו עפּעס געפאַלן, האַ?

זי גלייבט מיר נישט, זי מיינט כ'וויצל זיך, האָט יאַשאַ געטראַכט. נו, אָבער אַלץ איז פאַרלוירן סיי ווי סיי. ער האָט געקוקט אויף עמיליאַן, אָבער ער האָט זי געזען ווי דורך אַ נעפּל. ס'איז דאָ געווען טונקל אויך, ווייל די פענצטער זענען אַרויס קעגן צפון און זענען געווען פאַרהאַנגען מיט גאַרדינען פון אַ באָרדאָ קאָליר. אַלץ אין יאַשאַן איז געוואָרן שטיל, אַן אינעווייניקסט שטילשווייגעניש. דער מוח איז אים ווי געוואָרן ליידיק, אָן שום געדאַנק. אַן אויסטערלישע גלייכגילטיקייט האָט אים אַרומגענומען, די סאָרט גלייכגילטיקייט, וואָס באַהערשט עמעצן, וואָס באַגייט אַ פאַרברעכן, אָדער ריזיקירט מיט דעם לעבן. ער האָט געוווסט, אַז דאָס וואָס ער גרייט זיך איצט צו זאָגן וועט אַלץ צעשטערן, אָבער ס'האָט אים נישט געאַרט. ער האָט אַ מאָל געהאַט אַן ענלעך געפיל ווען ער האָט מיט אַ מעסער אויפגעהאַקט אַן אָנגעצויגענע מכה אין דער זויל פון זיין פוס. ער האָט געהערט זיך אַליין זאָגן:

— כ'האָב מיר צעקלאַפּט דעם פוס ווען כ'בין אַראָפּגעשפּרונגען פון זאַרוסקיס באַלקאָן.

עמיליאַ האָט פאַרצויגן די ברעמען.

— ווירקלעך, ס'איז נישט די צייט פאַר קיין וויצן.

— ס'איז דער ריינער אמת...

"Hurry up!" Emilia snapped.

"Well . . . I'm going," and Halina walked out.

"What secrets does she have with you?" Emilia asked, half in jest.

"Momentous secrets."

"There are times when I regret not having had a son instead of a daughter. A boy isn't home as much nor does he mix into his mother's affairs. I love her but sometimes she upsets me. You must keep in mind that she's a child, not a grownup."

"I speak to her as to a child."

"That's odd about that thief. Couldn't he find a richer household than mine? Where do people obtain their information? They evidently go through the gates and read the directories. But I'm afraid of thieves. A thief can easily be a murderer, too. The front door has a padlock, but the door leading to the balcony has only a chain."

"You're on the second floor. That's too high for prowlers."

"True. How did you know that Zaruski lived on the first floor?"

"Because I am the thief," Yasha said hoarsely, shocked himself at the words he uttered. His throat contracted. Darkness rose before his eyes, and again he saw the fiery sparks. It was as if a dybbuk had spoken within him. A tingle zigzagged down his spine. Once more he felt the nausea which precedes fainting.

Emilia paused a moment. "Well, it's a good idea. Since you can climb down from the windows, you should be able to climb up a balcony."

"I can, indeed."

"What's that? I didn't hear you."

"I said, 'I can, indeed.' "

"Well, why didn't you open the safe? Once you begin something, you ought to finish it."

"Sometimes you can't."

"Why are you speaking so softly? I can't make out what you are saying."

"I said, 'Sometimes you can't.' "

" 'If one can't, one shouldn't try,' according to the old proverb. Funny, just a short while ago I was thinking that thieves could break into his apartment. Everyone knows he keeps his money on the premises. Sooner or later, it *must* be stolen. That's the fate of all misers. Well, but the accumulation of wealth is in itself a passion."

"A sort of passion."

"What's the difference? In the absolute sense perhaps all passions are either totally foolish, or completely wise. What do any of us know?"

"No, we know nothing."

They were both quiet. And now at last she broke the silence.

"What's the matter with you? I must take a look at your foot!"

"Not now, not now."

"Why not now? How *did* you fall, tell me."

She doesn't believe me, she thinks I'm joking, Yasha thought. Well, everything's lost anyway. He looked at Emilia but he saw her as if through a mist. It was dark in the room; the windows faced to the north and were overhung by wine-colored drapes. A strange indifference came over him, the sort of indifference that comes when one is about to commit a crime or risk one's life. He knew that what he was about to say would destroy everything, but he did not care.

He heard himself saying, "I hurt my foot jumping from Zaruski's balcony."

Emilia raised her brows. "Really, this is hardly the time for jokes."

"It's the absolute truth."

# קאפיטל אכט

## א

אין טויער איז יאשא א וויל געבליבן שטיין. ווארט נישט א מאל אויף אים דער פאליציי־אגענט אין דרויסן? ער האט זיך מיט א מאל דערמאנט אין דער וויטרע. ניין, ער האט זי נישט אין דעם אנצוג, וואס ער טראגט איצט. ער האט זי איבערגעלאזט אין דעם אנצוג, וואס ער האט געטראגן נעכטן. אבער אויב ס׳זאל זיין א רעוויזיע ביי אים אין דער דירה, וועט מען זי דארט געפינען. נו, ס׳איז שוין אלץ איינס! זאלן זיי מיך איינזעצן! מארגן וועלן סיי ווי די צייטונגען זיין פול וועגן מיר. און וואס וועט אסתר זאגן ווען זי וועט זיך דערוויסן, אז איר מאן איז א גנב? די פיאסקער מארוויכערס וועלן דערלעבן אן אים נקמה. נו, און הערמאן? און זעווטל? און מאגדא? און דאס ברודערל אירס, באלעק? ני. און וואלסקי? און די גאנצע באנדע פון „אלהאמבראַ״?... אמווייניקסטן וועט מען מיך אריינגעבן אין תפיסה־שפיטאל מיט דעם פוס... ער, יאשא, איז געהאט געלאפן איבער די טרעפ, אבער איצט האט דער פוס געשטאכן, געריסן. ער האט באשיימפערלעך געשפירט ווי דאס געשוויר פרוווט פאנאנדערשפרייטן די לעדער פון שוך. הייסט עס, עמיליאן האב איך שוין אויך פארלוירן, האט ער צו זיך געזאגט. ער איז ארויס פארן טויער און כ׳האט דארט נישט געווארט קיין שום פאליציי־אגענט. אדער אפשר האט ער געווארט קעגנאיבער? יאשא האט א קלער געטאן אריינצוגיין אין זאקסישן גארטן, אבער ער האט נישט געוואלט, אז עמיליא זאל אים זען דורכן פענצטער. ער האט זיך געלאזט גיין אין דער ריכטונג צו דער גראניטשנע. ער איז באלד ווידער ארויס אויף דער גנאינע. ער האט געזען אין דער שויב פון א זייגערמאכער, אז ס׳איז ערשט צען מינוט פאר פיר. גאט אין הימל, ווי לאנג דער דאזיקער טאג איז! לאנג ווי א יאר!... ער האט זיך געמוזט ערגעץ אוועקזעצן און ס׳איז אים איינגעפאלן ווידער אריינצוגיין אין בית־מדרש. ער האט זיך געלאזט אריינגיין אין שול־הויף. וואס איז דאס מיט מיר? כ׳בין מיט א מאל געווארן א גאנצער בית־מדרש־ייד. ער איז פארביי די שול און געזען, אז מען דאוונט דארט מנחה. א ליטוואק האט געזאגט די הויכע שמונה־עשרה. די דאוונער דא האבן געטראגן קורצע מלבושים און שטייפע קאפעלושן. יאשא האט געטאן א שמייכל. ער, יאשא, האט געשטאמט פון פוילישע ידן, חסידים. אין לובלין זענען כמעט נישט געווען קיין ליטוואקעס. אבער איןווארשע איז פול מיט זיי. זיי קליידן זיך אנדערש, רעדן אנדערש, דאווענען אנדערש. כאטש דער טאג איז געווען א הייסער, האט געהויכט פון דער שול מיט א קעלט אזא, וואס אפילו די זון קאן נישט אנווארעמען. ער האט געהערט ווי דער בעל־תפילה זאגט:

— ולירושלים עירך ברחמים תשוב ותשכון בתוכה כאשר דברת...

אזוי? זיי ווילן אויך זיך אומקערן קיין ירושלים? — האט יאשא צו זיך גערעדט. ער האט פון קינדוויין אן געקוקט אויף ליטוואקעס א שטייגער ווי זיי וואלטן געווען בלויז האלבע ידן, עפעס אן אפגעפרעמדטע סעקטע. ער האט קוים פארשטאנען זייער ידיש. ער האט איצט באמערקט צווישן די דאזיגע ידן אן בערד. וואס איז די חכמה פון גאלן די בארד און גיין דאווענען? — האט יאשא זיך געפרעגט. — מסתמא שערן זיי... דאס איז נישט אזא עבירה... אבער ווי באלד מ׳גלייבט שוין אין גאט און אין דער תורה, צו וואס מאכן קאמפראמיסן? אויב ס׳איז דא א גאט און זיין תורה איז אמת, דארף מען אים דינען טאג און נאכט... ווי לאנג לעבט מען דען אויף דעם דאזיקן פארעיפושטן וועלטל?... דאס בית־מדרש איז איצט געווען פול. מ׳האט געלערנט ביי אלע טישן. אין די פענצטער האט אריינגעשיינט די זון און עס זענען געפאלן פון זיי קרומע זיילן שטויב. בחורים מיט לאנגע פאות האבן זיך געשאקלט איבער די גמראס, געשריגן, געזונגען, זיך געשפארט איינער מיט דעם אנדערן, געמאכט האוואיעס. איינער האט זיך געקרימט ווי פון א ווייטיק אין אינגעווייד, א צווייטער האט געדרייט מיטן גראבן פינגער, א דריטער האט משונה־גיך געדרייט מיט די פראנזן פון גארטל. ביי אלע זענען די העמדער געווען קויטיק, די קעלנער צעכראסטעט. עטלעכע האבן שוין יונגערהייט געהאט פארלוירן די ציין. ביי איינעם איז די בארד געוואקסן אין ווארצלען שווארצע האר, א ווארצל דא, א ווארצל דארט. ביי איינעם א קליין מענטשל איז די בארד געווען רויט ווי פייער. דער קאפ איז געווען אפגעגאלט און אין מיטן האבן געהאנגען א פאר געלע פאות. יאשא האט געהערט ווי ער שרייט:

— טענו לו בחיטים והודו לו בשעורים...

קאן דאס זיין, אז גאט וויל דאס? — האט יאשא זיך געפרעגט. חיטים איז דאך ווייץ און שעורים איז גערשטן. ס׳רעדט זיך דאך גאר וועגן האנדל... יאשא האט זיך דערמאנט וואס די אנטיסעמיטן זאגן: אז דער תלמוד לערנט אויס ידן שווינדלען. ער האט שוין מסתמא ערגעץ א געוועלבל. אויב ער האט נישט, וועט ער האבן... יאשא האט אויסגעזוכט א נישט פארנומענע באנק נעבן די ספרים־פאליצעס. ס׳איז געווען גוט זיך אוועקצוזעצן. ער האט א וויל צוגעשלאסן די ווִיעס און זיך צוגעהערט צו דעם קול־תורה. קווישיקע ייִנגלשע קולעכלעך האבן זיך אויסגעמישט מיט די הייזעריקע און כארכלענדיקע קולות פון אלטע לייט. ווער ס׳האט געשריגן, ווער ס׳האט געברומט, ווער ס׳האט געזונגען, ווער ס׳האט אויסגעציקלט איינציקע ווערטער. יאשא האט איצט געדענקט וואס וואלסקי האט אים א מאל געזאגט: ער איז נישט קיין אנטיסעמיט, אבער די ידן אין פוילן האבן זיך געמאכט א שטיק באגדאד אין מיטן אייראפע.

# 8

## 1

Yasha remained standing for a while at the courtyard gate. Was a police agent waiting for him just outside? Suddenly, he remembered the skeleton key. No, it was not in the suit he had on. It was in the one he had worn the day before. But if his house had been searched, then the key had been discovered.—Well, it doesn't matter now. Let them lock me up! Tomorrow's newspapers will be full of me, anyhow. What will Esther say when she finds out? The Piask gang will be delighted; they will consider it a fine irony. And what about Herman? And Zeftel? And Magda—not to mention her brother! And how about Wolsky? The crowd at the Alhambra? Anyway, I'll be taken to the prison hospital. He could feel the swelling in his foot pressing on his shoe. And I've lost Emilia, as well, he said to himself. He walked through the gate but no policeman was waiting. Perhaps the man was lurking across the street? Yasha thought of entering the Saxony Gardens but he did not do so; Emilia, peering through her window, might see him. He walked in the direction of Graniczna Street, came out on Gnoyne Street again, and saw, in a watchmaker's window, that it was only ten minutes to four. God in heaven, how long this day was! It seemed like a year! He felt he must sit and he had the notion to enter the study-house again. He turned into the courtyard of the synagogue. What's happened to me, he marveled. Suddenly I've become a real synagogue Jew! In the synagogue the evening services were in progress. A Lithuanian Jew was intoning the Eighteen Benedictions. The worshipers were dressed in short coats and stiff hats. Yasha smiled. He was descended from Polish Hasidim. In Lublin there were scarcely any Lithuanian Jews but here in Warsaw there were many. They dressed differently, talked differently, prayed differently. Although it was a hot day, a chill which the sun could not dissipate came from the synagogue. He heard the cantor chant, "And to Jerusalem, Thy city, return in mercy and dwell therein as Thou hast spoken."

So? They wish to return to Jerusalem too? Yasha said to himself. From early childhood he had considered Lithuanian Jews half-Jews, an alien sect. He could barely understand their Yiddish. He saw that there were clean-shaven men among the congregation. What was the point in shaving the beard, then praying, he asked himself. Perhaps they use scissors—that would constitute a lesser sin. But as long as one believed in God and the Torah, why compromise? If there was a God and His Law was true, then He must be served night and day. How long did one survive in this rotten world? Yasha went to the study-house. It was filled with people. Men studied the Talmud. The sunlight filtered through the windows and cast oblique pillars of dust. Young men with lengthy sidelocks swayed over volumes of the Talmud, shouted, chanted, prodded one another, gesticulated. One grimaced as if his stomach ached, a second wagged his thumb, a third twirled the fringes of his sash. Their shirts were grimy, their collars loosened. Some had lost their teeth prematurely. One's beard grew in black tufts—a tuft here, a tuft there. The beard of another small fellow was as red as fire, his head shaven, and from his skull hung yellow sidelocks, long as braids. Yasha heard him cry: They sued him for wheat and he admitted barley.

Can God will it thus? Yasha asked himself. All this business about wheat and barley. This knowledge concerns only commerce. He reminded himself of the cry of the anti-semite: The Talmud only teaches the Jew to be a swindler.

This fellow probably has a little shop somewhere. If he doesn't have one now, he will someday. Yasha found an empty bench near the bookshelves. It felt good to sit down. He closed his eyes and listened to the sounds of the Torah. Shrill adolescent voices mingled with the hoarse, rattling accents of the old. The voices shouted, mumbled, chanted, enunciated single words. Yasha recalled what Wolsky had said to him once over a glass of vodka: that he, Wolsky, was no anti-semite, but that the Jew in Poland had created a bit of Bagdad in the

געוווסט, אז ער דאַרף רופן הילף. נאָר עס האָט אים אָנגענומען עפּעס אַזוינס ווי אַ בושה פאַר די שכנים. ער האָט געוווסט, אַז ער דאַרף לויפן זי אָפּשנײַדן, נאָר ער איז געבליבן אָפּהענטיק. ווו וועל איך דאָ געפינען אַ מעסער?... ער האָט פון דעסטוועגן אַ עפן געטאָן די טיר און גענומען רופן:

— מענטשן, ראַטעוועט!...

קיינער איז נישט אַרויסגעקומען, ווייל ער האָט נישט געשריגן גענוג הויך. ער האָט געוואָלט אויפהייבן דאָס קול, אָבער ער האָט נישט געקאָנט. ער האָט געהאַט אַ קינדישן פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון דאַנען, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער טאָר דאָס נישט טאָן. ער האָט אַן עפן געטאָן אַ טיר צו אַ שכן און אַ זאָג געטאָן מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— העלפט מיר! אַן אומגליק איז געשען!...

די שטוב איז געווען פול מיט קינדער, באָרוועסע, האַלב־נאַקעטע. די אייגנטימערין איז געשטאַנען אויסגעדרייט צו דער קיך. ס'איז געווען אַ דיקע גויע מיט אַ קאָפּ פלאַקסענע האָר. זי האָט אומגעקערט דאָס פאַרשוויצטע פּנים. זי האָט געהאַלטן אין מיטן שיילן אַ ציבעלע. דערזען אים, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען, הא?

— קומט, העלפט מיר! מאַגדאַ!...

און מער האָט ער נישט געקאָנט אַרויסברענגען.

די גויע איז מיט אים מיטגעגאַנגען און גלייך זיך צעשריגן מיט אַ יאָמערלעך קול. זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביי די אַקסלען און גענומען שרייען:

— שנײַדט זי אָפּ! שנײַדט זי אָפּ!...

ער האָט געוואָלט עפּעס טאָן, אָבער די גויע האָט זיך געקלאַמערט און אים געקוויטשעט אין די אויערן אַריין. זי האָט דערביי נישט אַרויסגעלאָזט דאָס מעסער און די ציבעלע. זי האָט אים שיער נישט אָפּגעשניטן אַן אויער. גלייך זענען אָנגעלאָפן אַנדערע שכנים. יאַשאַ האָט געזען ווי עמעצער פאַרעס זיך ביי דער שטריק, הייבט אונטער מאַגדאַן. מ'האָט לויז געמאַכט די פּעטליע, זי אַריבערגענומען איבער דער געהאַנגענערס קאָפּ. יאַשאַ האָט די גאַנצע צייט געוואַרט אַ פאַרגליווערטער. מ'האָט געפּרוווט מאַגדאַן ראַטעווען, מ'האָט איר געשאָקלט די אָרעמס, זי געצופּט ביי די האָר, געגאָסן אויף איר וואַסער. פון מינוט צו מינוט זענען זיך אָנגעקומען אַלץ מער מענטשן. ס'איז שוין דאָ געווען דער סטרוזש, די סטרוזשקע. עמעצער איז געלאָפן ברענגען אַ פּאָליציאַנט. יאַשאַ האָט נישט געזען מאַגדאַס פּנים, בלויז דעם שלאַבעריקן קערפּער, וואָס האָט געלאָזט אַלץ מיט זיך טאָן, פול מיט דער נאָכגיביקייט פון יענע, וואָס האָבן פאַרענדיקט מיט אַלץ. אַ גויע האָט זיך געקניפּט אין די באַקן, זיך געצלמט. צוויי באַבעס זענען זיך אַ פאַל געטאָן איינע דער אַנדערער אויף די אַקסלען, זיך אַ ווייל געשאָקלט ווי אין אַ סוד אָן ווערטער. יאַשאַן איז ערשט איצט אויפגעפאַלן, אַז אינעם קעמערל איז צו שטיל. ער איז אַריין און גלייך דערבליקט, אַז אַלע דריי באַשעפענישן זענען טויט. מאַגדאַ האָט זיי, אַ פּנים, געהאַט דערשטיקט. דאָס מאַלפּעלע איז געלעגן מיט אָפענע אויגן. די קראָ איז געשטאַנען אין דער שטייג, ווי אַן אויסגעשטאָפּטע. דער פּאָפּוגיי איז געהאַט געפאַלן אויף אַ זייט און אויף דעם שנאָבל האָט געגליווערט אַ טראָפּן בלוט. צו וואָס האָט זי דאָס געטאָן? אַ פּנים, זיי זאָלן נישט שרייען... יאַשאַ האָט עמעצן אַ צי געטאָן ביים אַרבל, געוויזן וואָס ס'איז געשען. אין דער גרויסער שטוב איז שוין איצט געווען אַ פּאָליציאַנט. ער האָט זיך גלייך אַ נעם געטאָן צום פּראָטאָקאָל־ביכל. ער איז אַריין מיט יאַשאַן אין קיך, פאַרשריבן אַלץ, וואָס יאַשאַ האָט אים געזאָגט.

ס'איז געקומען נאָך אַ פּאָליציאַנט, אַ דאָקטאָר, אַ ציווילער באַאַמטער. יאַשאַ האָט זיך געריכט, אַז מ'וועט אים אַרעסטירן. ער האָט איצט געוואָלט מ'זאָל אים נעמען אין תּפיסה, אָבער די נאַטשאַלסטוואָ איז אוועק, אָנגעזאָגט מ'זאָל די טויטע נישט רירן. די מאַנסלייט האָבן זיך אומגעקערט יעדער צו זיין אַרבעט (איינער איז געווען אַ שוסטער און איינער אַ סטעלמאַך) און ס'זענען דאָ געבליבן צוויי פרויען, די שכנטע, וואָס האָט פריער געשיילט אַ ציבעלע און נאָך איינע, אַן אַלטע מיט ווייסע האָר און אַ פּנים פול מיט וואַרצלען. די טויטע איז איצט געלעגן אין שלאָף־שטוב אויף אַ בעט. די שכנטע האָט אַ זאָג געטאָן צו יאַשאַן:

— מ'וועט זי דאַרפן אויסלייגן... זי איז אַ קאַטוילישע...

— טוט וואָס מ'דאַרף...

— מ'מוז צו וויסן טאָן אין דער פּאַראַפיע... די קאַצאַפּעס וועלן זי פּאַלמעסן...

נאָך אַ ווייל זענען אַלע אַוועק און יאַשאַ איז געבליבן אַליין. ער האָט געוואָלט אַריינגיין צו מאַגדאַן אין שלאָף־שטוב, אָבער ער האָט מורא געהאַט. ס'האָט זיך געהאַט אומגעקערט צו אים דער יינגלשער פּחד פאַר אַ מת. ער האָט געעפנט די פענצטער, בכדי אַזוי אַרום צו בלייבן אין קאָנטאַקט מיט דעם הויף. ער האָט געלאָזט אָפן די טיר, וואָס האָט געפירט צו די טרעפּ. ער האָט געוואָלט נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן צו די חיות, אָבער ער האָט זיך אויך געשראָקן פאַר זייער שטילשווייגעניש. אַ טויבע שטילקייט האָט זיך געטראָגן אין דער וווינונג, אַן אָנגעלאָדענע, פול מיט פאַרשטיקטן געשריי. אין קאָרידאָר האָט מען נאָך אַלץ גערעדט, געמורמלט. יאַשאַ איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, געקוקט צום פענצטער, צום בלאַס־בלויען הימל, צו אַ פייגעלע, וואָס איז דאָרט געפלויגן. מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ שפּילן. אַ גאַסן־זינגער איז געהאַט אַריין אין הויף מיט אַ קאַטערינקע. ער האָט אויפגעשפּילט אַן אַלטע פּוילישע מעלאָדיע, אַ קלאָגליד פון אַ מיידל, וואָס דער געליבטער איז פון איר אוועק. עטלעכע קינדער זענען צו אים אַרויסגעלאָפן. ווי

oversized doll. He wanted to move, to go and cut her down but he continued to stand there as though helpless. Where was there a knife? He must summon help, he knew, but he felt ashamed to face the neighbors. At last he threw open the door and cried out, "Help!"

His cry had not been very loud and no one responded. He sought to increase the volume but could not. A childish urge to flee almost overcame him, but instead he opened the door of a neighboring apartment and called, "You must help me. Something terrible has happened!"

The apartment was full of barefoot, half-naked children. Near the kitchen stood a stout flaxen-haired gentile woman who turned her sweat-stained face to him. She had been in the act of peeling an onion. Seeing him, she asked, "What's the matter?"

"Come! I need help! Magda. . . ." And he could not speak further.

The woman followed him into his apartment and immediately began to moan. She gripped his shoulders. "Cut her down! Cut her down!" she commanded.

He wanted to do as she bid but the woman clung to him, shrieking into his ear, still holding the paring knife and the onion. Yasha's ear was almost sliced off. Soon, other occupants of the house rushed in. Yasha saw one of them fumble with the rope, lift Magda up, loosening the noose and passing it over her head. All this time he stood immobile. Now they were busy attempting to resuscitate her, rotating her arms, pulling her hair, dousing her with water. Each minute more people came in. The janitor and his wife were already there. Someone ran to fetch a policeman. Yasha could not see Magda's face, only the slack body which yielded to all treatment with the unresisting flaccidity of the dead. A woman pinched the corpse's cheeks and then crossed herself. Two old hags threw themselves into each other's arms, appeared to be conspiring silently. Only then did Yasha become aware that there was no sound from the other room. He walked into the room and found all three animals dead. Apparently Magda had strangled them. The monkey lay with eyes open. The crow, enclosed in its cage, looked as if it had been stuffed. The parrot was on its side, a drop of dry blood on its beak. Why had she done this? No doubt to prevent the creatures from crying out. Yasha tugged at someone's sleeve to show what had happened. The policeman was already in the apartment. He pulled out his notebook and wrote down what Yasha told him.

There were other arrivals: a physician, a civilian official, another policeman. Yasha expected to be arrested momentarily. He wanted to be taken to prison but the officials left, their only admonition being that the corpse was not to be touched. And now the rest of the men left and returned to their jobs—one was a cobbler, another a cooper. Only two women remained: the stout woman who had been peeling the onion and a white-haired crone with a face sprinkled with warts. The body had been placed on one of the beds and now the stout woman turned to Yasha: "She'll have to be laid out, you know. She was a Catholic."

"Do whatever's necessary."

"We must notify the parish. The Russians will want to perform an autopsy."

Then at length they left Yasha alone. He wanted to go to Magda in the bedroom but was afraid, his childhood fear of the dead returning. He threw open the windows as if to keep in touch with the courtyard, and left the front door ajar. He dared not see the animals again, though he wished to, afraid of their silence also. The stillness of death hung over the apartment, a silence pregnant with strangled screams. But in the corridor there was still a buzzing, voices whispering. Yasha stood in the center of the room and looked through the window at the pale blue sky, where a bird soared. Suddenly, he heard music. A street musician had come into the courtyard. He was playing an old Polish melody, a ballad of a girl who had been abandoned by her lover. Children gathered about the musician and, oddly enough,

The janitor closed the door to his room and Yasha sprinted through the gate. Now once again he felt the dull ache in his foot. He kept close to the walls, his greatest wish being not to be seen, or at least not to be conscious of others watching him. He reached Franciskaner Street and hurriedly turned the corner, like a boy playing truant from cheder. The events of the past twenty-four hours seemed to have made him a child again, a frightened, guilty schoolboy, plagued by fears he could not divulge and by entanglements no stranger could understand. At the same time he had the sobriety of maturity—of one who dreams and knows that he dreams.

Get drunk? Was there a tavern nearby? There were several on Freta Street but there everyone knew him. On the other hand, Franciskaner was inhabited only by Jews; here, there was no drinking. He remembered that there was a bar on Bugay Street somewhere, but how could you get there without passing Freta Street? He walked to Nowiniarska Street and came out on a street called Bolesc.* That should be the name of all streets, he said to himself. The whole world is one great agony. He had passed Bugay Street and he doubled on his tracks. Streetwalkers were already standing under the lampposts and around gates, although it was not yet evening; but none of them motioned to him. Am I so repulsive that even they aren't interested? he wondered. A tall laborer wearing a checked jacket, blue cap, and low boots, approached. He had a narrow, sunken face which had been half-eaten away and, in place of a nose, a black plaster on a string. A dwarf of a prostitute, who scarcely came up to the man's waist, walked up to him and led him off. Yasha could see his legs shaking. The girl could not have been more than fifteen. What is he afraid of? something within Yasha asked, laughingly. Syphilis?

Yasha reached Bugay Street but the tavern he remembered having beeen there had disappeared. Had it been closed? He wanted to ask of some passerby, but he was ashamed to. What's the matter with me? Why should I feel the shame of a goat in a cabbage patch? he asked himself. All the while he was searching for the tavern, he knew it was somewhere close by, eluding him. Just because he was so anxious not to be seen, everyone was gaping at him. Can they know me here? he wondered. Can some of them have been to the Alhambra? No, it's not possible. They were whispering about him, laughing in his face. A small dog growled and snapped at his trousers. He was ashamed to drive away so small a creature, but the dog foamed with rage and yelped so loudly it scarcely seemed small at all. The devil who was exacting revenge upon Yasha apparently was not yet satisfied. He kept adding annoyance to annoyance. Then, suddenly, Yasha saw the tavern. He was standing right next to it. As if they had all had a hand in the joke, suddenly everyone began to laugh.

Now he no longer even wished to go into the place; he would have preferred another but he felt he could not turn around and walk away. It would indicate surrender. He went up the three steps, opened the door, and was hit by a blast of heat and steam. The stench of vodka and beer mingled with something else which was oily and musty. Someone was playing an accordion and there was a great scurrying about, swaying, clapping of hands, and dancing. Apparently here it was like one big family. His eyes became misty and for a moment he could not see. He searched for a table but there were none, not even benches. He felt blinded and as if a cane or a rope had been placed in his path to trip him. Somehow, he managed to reach the bar but could not break through the crowd of drinkers and, anyway, the bartender had walked to the other side of the bar. Yasha put his hand into his pants pocket looking for a handkerchief but he could not find one. He could move neither forward nor backward. It was as if he had been caught in a trap. Heavy beads of perspiration dripped from his forehead. His desire to drink had, in one instant, been transformed into disgust. The nausea returned and again fiery sparks danced before his eyes: two large sparks, almost as big as coals.

* Bolesc means pain in Polish.

דער סטרוזש האָט פאַרמאַכט די טיר און יאַשאַ האָט געטאָן אַ לויף אַרויס אין גאַס. ערשט איצט האָט ער פון ס'ניי דערשפירט דעם טעמפּן ווייטיק אין פוס. ער האָט זיך געשפּאַרט ביי די ווענט. ער איז געווען באַהערשט פון איין אַמביציע: אַז קיינער זאָל אים איצט נישט זען, אָדער אַמווייניקסטן זאָל ער נישט זען ווי אַנדערע זען... ער איז צוגעקומען ביז דער פראַנציסקאַנער און זיך אין דער גיך געטאָן אַ דריי אַריין, ווי אַ יינגל, וואָס אַנטלויפט פון חדר. דאָס וואָס איז געשען די לעצטע פיר און צוואַנציק שעה האָט געהאַט ווי אויסגעמעקט די יאָרן פון דערוואַקסנקייט. ער איז ווידער געווען אַ דערשראָקן און סאַרזינדיקט חדר־יינגל, פול מיט פחדים ניט צו דערציילן, חשבונות וואָס קיין שום פרעמדער קאָן נישט פאַרשטיין, פּלאָנטערנישן ענלעכע צו משוגעת. דערביי איז ער אויך געווען דערוואַקסן ניכטער, אַ שטייגער ווי עמעצער, וואָס ס'חלומט זיך אים, אָבער ער איז דערביי וואַך און ווייסט, אַז ס'איז אַ חלום... זיך אָנשיכורן? ווו שיכורט מען זיך אָן? ווו איז דאָ פאַראַן אַ שענק? אויף דער פרעטאַ האָבן זיך געפונען עטלעכע שענקען, אָבער דאָרט האָבן אַלע אים געקאָנט. די פראַנציסקאַנער, ווידער, איז אַ יידישע גאַס. דאָ טרינקט מען נישט... ער האָט געדענקט, אַז ס'איז פאַראַן אַ קנייפּע ערגעץ אויפן בוגאַי, אָבער ווי אַזוי קומט מען אַהין און מ'זאָל דערביי נישט פאַרביי די פרעטאַ? ער איז צוגעגאַנגען ביז דער נאָוויניאַרסקע. ער איז אַרויס אויף אַ געסל מיטן נאָמען באָלעשטש. אַזוי וואָלטן געדאַרפט הייסן אַלע גאַסן, האָט ער צו זיך גערעדט. די גאַנצע וועלט איז איין גרויסער ווייטיק... ער איז געהאַט פאַרבייגעגאַנגען דעם בוגאַי און ער האָט זיך אומגעקערט. גאַסן־פרויען זענען שוין באַצייטנס געשטאַנען ביי טויערן, לאַמטערן, אָבער קיינע האָט אים נישט גערופן. זע איך אויס אַזוי שרעקלעך, אַז אפילו זיי וויכן פון מיר? — האָט ער זיך געפרעגט. פון ערגעץ איז אָנגעקומען אַ לאַנגער גוי אין אַ שפּענצער מיט קראַטן, אַ בלוי היטל, קורצע שטיוול מיט ברייטע כאַלעוועס. דאָס פּנים איז געווען לאַנג, האַלב אָפּגעשיילט און אַנשטאָט אַ נאָז, האָט געקלעפּט אַ שוואַרצער פּלאַסטער אָנגעהאַנגען אויף אַ בענדל. אַ קליינע זונה, וואָס האָט אים קוים געגרייכט צו די לענדן איז אים אַקעגנגעקומען און אים ערגעץ געפירט. ער איז איר נאָכגעגאַנגען מיט אַ וואַקלעניש. די מויד האָט אויסגעקוקט נישט עלטער ווי אַ יאָר זיבעצן. וואָס האָט ער מורא? — האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן אין יאַשאַן — פאַר סיפיליס?..

ער איז אַרויס אויפן בוגאַי, אָבער די שענק, וואָס ער האָט געדענקט, איז געהאַט פאַרשוווּנדן. זאָל מען זי האָבן פאַרמאַכט? יאַשאַ האָט געוואָלט עמעצן פרעגן, נאָר ער האָט זיך געשעמט. וואָס איז דאָס מיט מיר? וואָס שעם איך מיך ווי אַ קאָזע אין קרויט? — האָט ער צו זיך גערעדט. אַזוי ווי ער האָט געזוכט די שענק, אַזוי האָט ער געוווּסט, אַז זי איז נעבן אים, נאָר ער פאַרזעט זי. גראָד דערפאַר ווייל ער האָט געוואָלט, אַז קיינער זאָל אים נישט אָנקוקן, האָבן אַלע אויף אים געקוקט: שקצים, שיקסעס, אפילו עלטערע מענטשן. קאָן דאָס זיין, אַז מ'קען מיך דאָ? גייען זיי אין „אַלהאַמבראַ"? ניין, ס'קאָן נישט זיין. מ'האָט זיך געסודעט וועגן אים. מ'האָט אים געלאַכט אין פּנים. אַ פּיצעלע הינטעלע האָט אויף אים גענומען בילן און אפילו אים געפּרוווט אָנכאַפּן ביי אַ הויז. ס'איז אפילו געווען אַ בזיון אָפּצוטרייבן אַזאַ כלבל. דערביי האָט עס געשוימט פון רציחה און אַרויסגעלאָזט אַ קוויטשעריי, וואָס ס'איז גאָר שווער צו באַגרייפן ווי אַזאַ פּיצעלע באַשעפעניש קאָן דאָס גאָר אַרויסברענגען. דער אַרצי־כונא, וואָס האָט אין אים גענומען נקמה, האָט, אַ פּנים נאָך נישט געהאַט געשטילט זיין צאָרן. מ'האָט אויף אים אָנגעשיקט אַלץ נייע פּגעים. מיט אַ מאָל האָט יאַשאַ דערזען די שענק. ער איז געשטאַנען נעבן איר, גלייך ווי אַלע וואָלטן געוווּסט פון זיין פאַרלעגנהייט און אַליין גענומען אָנטייל אין דעם שטיקל וואָס איז אים אָפּגעטאָן געוואָרן, האָבן אַלע פּנימער מיט אַ מאָל אָנגעהויבן לאַכן...

ער האָט שוין איצט נישט געוואָלט אַריין אין שענק (אַמווייניקסטן, ניט אַהער), אָבער זיך אָפּקערן און אַוועקגיין, האָט אים נישט געפּאַסט. דאָס וואָלט געהייסן זיך אונטערגעבן... ער איז אַרויף מיט די דריי טרעפּלעך און אָן עפן געטאָן די טיר. ס'האָט גלייך אויף אים אַ יאָג געטאָן אַ היץ, אַ פּאַרע, אַ געשטאַנק פון בראָנפן, ביר און נאָך עפּעס פּאַראייליצט אין פאַרדומפּנס. אַ האַרמאָניקע האָט געשפּילט. געשטאַלטן האָבן זיך געדרייט, געוואַקלט, זיך געוויגט, אונטערגעטענצלט. אַלע זענען דאָ, אַ פּנים, געווען ווי איין פאַמיליע. די אויגן זענען יאַשאַן געוואָרן פאַרנעפּלט און ער האָט אַ וויילע גאָרניט געזען. ער האָט געזוכט אַ טיש, אָבער ס'איז דאָ נישט געווען קיין טיש, קיין באַנק. ער איז געווען ווי בלינד, געהאַט אַ געפיל ווי מ'וואָלט אים אונטערגעלייגט אַ שטעקן אָדער אַ שטריק, וואָס ער וועט באַלד איבער אים פאַלן. ער איז ווי ס'איז דערגאַנגען צום בופעט, אָבער ס'זענען דאָרט געשטאַנען גאַנצע רעדלעך, אים פאַרשטעלט דעם וועג. דער שענקער איז גאָר אַוועק אין אַן אַנדער זייט. יאַשאַ האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין הויזן־קעשענע, געוואָלט אָפּווישן דעם שוויס פון פּנים, אָבער ער האָט נישט געהאַט מיט זיך קיין טיכל. נישט ער האָט געקאָנט גיין פאָרויס, נישט ער האָט זיך דערוועגט צו גיין אויף צוריק. ער איז געהאַט אַריינגעפאַלן ווי אין אַ פּאַסטקע. דיקע טראָפּנס שוויס זענען אים אַריין אין די אויגן. דער פאַרלאַנג צו טרינקען האָט אין אַ רגע זיך פאַרוואַנדלט אין אַן עקל. ס'איז אים ווידער אָנגעקומען דאָס אומבאַטעמטע וואַסער און ס'האָבן פון ס'ניי זיך אַ וויג געטאָן פאַר אים פונקען: צוויי גרויסע דיקע פונקען, שיער נישט אַזוי גרויס ווי קוילן. עמעצער האָט אים אַ פרעג געטאָן:

אז ס'איז צו שפעט. ער האט פאקטיש נישט געהאט קיין צייט דערצו. יעדע רגע פון זיין לעבן האט ער אוועקגעגעבן אדער פאר די קונצן, אדער פאר די ווייבער. ער, דער היפנאטיזאסאר, איז אליין געווען היפנאטיזירט. ער האט געלעבט ווי א משוגענער. אבער קאן דאס זיין, אז דאס איז דער צוועק פון זיין עקזיסטענץ? האט מען אים דערויף אראפגעשיקט אויף דער וועלט ער זאל רויניר ן זיך און אנדערע?...

ער האט געוואלט טאן תפילה, אבער ער האט זיך געשעמט. מעג אזא איינער תפילה־טאן? מעגן די אומריינע לעפצן זיינע ארויסזאגן גאטס נאמען? איז נאך פאראן א תשובה פאר אזא ווי ער? אויב יא, אויף וואס נאך ווארט ער? ביז ער וועט ליגן אין גסיסה? גאט אין הימל, ראטעווע מיין נשמה! — האט ער געמורמלט. — ס'איז מיר זייער ענג... די זומערנאכט איז געווען א הייסע, אבער ס'איז אים געווען קאלט. ער האט נידעריק איינגעבויגן דעם קאפ ווי א מכה וואלט אים געהאנגען אויפן האלדז. ער האט געמורמלט, געמורמלט, אליין זיך מער נישט אפגעגעבן קיין חשבון וואס ער מורמלט: צי ער זאגט א תפילה אדער ער זאגט ווידוי...

ס'איז אנגעפארן א דראזשקע און ער האט געגעבן דעם פורמאן א צייכן. יענער האט זיך אפגעשטעלט און יאשא איז איינגעשטיגן. די נקבה אקעגנאיבער האט אים צוגעווארפן א בליק פול מיט פארוווּרף. יאשאן האט זיך געדוכט ווי זי זאגט שטומערהייט: דו פארלאזסט מיך אויך?... דער פורמאן האט אומגעקערט דעם קאפ, אבער יאשא האט נאך אלץ נישט געוווּסט וואס אים צו זאגן. ער האט אים געוואלט הייסן פארן אין א שפיטאל, אבער ער האט געהערט זיך אליין זאגן:

— אויף דער ניזקע.

— וואס פאר א נומער?

— כ'געדענק נישט דעם נומער. איכ'ל אייך ווייזן. נעבן דער סמאטשע.

— נו...

ס'איז געווען ווילד צו פארן איצט, האלב ביי נאכט, צו דעם געלן ווייבעלע און דעם אלפאנס פון בוענאס־איירעס, וווּ זעוטל האט זיך איפגעהאלטן, אבער ער האט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה. וואלסקי האט געהאט א ווייב מיט קינדער. ער, יאשא, האט נישט געקאנט קומען צו אים אין אזא מצב. ער איז אים שולדיק געלט אויך. סיידן ער זאל פרווון איבערוועקן עמיליאן... נו, כ'קאן מער נישט האבן קיין שום אמביציעס. אפילו זעוטל וועט זיך מער מיט מיר נישט דערפרייען... א וויל איז אים איינגעפאלן צוצופארן צום וואקזאל. ער קאן נאך אפשר קריגן א באן קיין לובלין, אבער ער האט זיך באלד געכאפט, אז ער קאן דאס נישט טאן. מיוועט דארפן מאכן א לוויה פאר מאגדאן. ער קאן נישט איבערלאזן דעם מת און אנטלויפן. אחוץ דעם, ווייסט שוין, כסתמא, די פאליציי, אז ער איז דאס דער גנב, וואס האט זיך אריינגעריסן נעכטן צו דעם אלטן זארוסקין. שוין בעסער מ'זאל אים ארעסטירן דא, איידער אין לובלין. זאל אמווייניקסטן אסתר נישט זיין דערביי. אחוץ דעם וואלט דער באלעק גלייך גענומען אין אים נקמה. ער האט נאך מיט יארן צוריק געווארנט, אז ער וועט אים, יאשאן, אוועקלייגן א טויטן...

די דראזשקע איז געפארן דורך דער טלאמאצקע, דער לעשנא, ביז אייזנגאס. פון דארט האט זי זיך אריינגעדרייט אין דער סמאטשע. ער האט נישט געדרימלט, נאר געזעסן א פארטוענער ווי אין א היץ־שלאפקייט. ווי מאדנע, נאר די בושה צו קומען איצט צו זעוטלען און ווייזן איר און די אנדערע זיין לאגע, איז נאך געווען שטארקער ווי דער טרויער נאך מאגדאן, ווי די מורא נישט צו פארלירן א פוס. ער האט ארויסגענומען פון בוזעם־קעשענע א קאם און צוגעקעמט די האר. ער האט בלינדערהייט פארריכט דעם קראוואט. ער האט גענומען זארגן וועגן געלט. א באגרעבעניש דארף קאסטן עטלעכע הונדערט רובל, אבער מער ווי די פאר רובל, וואס ער האט ביי זיך, פארמאגט ער גארנישט. ער וואלט געקאנט פארקויפן די פערד, אבער אויב די פאליציי זוכט אים, וועט מען אים גלייך ארעסטירן ווי נאר ער וועט זיך באווייזן אויף דער דירה, אויף דער פרעטא. אמבעסטן וואלט געווען זיך אליין איבערצוגעבן דער פאליציי. ער וואלט אלץ געקראגן מיט א מאל: א נאכטלעגער, אפשר אויך א דאקטאר און א שפיטאל... יא, דאס איז דער איינציקער אויסוועג! — האט עפעס אין אים א געשריי געטאן. אבער וואס, קאנקרעט, דארף ער טאן? זאל ער אפשטעלן א פאליציאנט אין גאס? זאל ער זיך הייסן צופירן צו א פאליציי־קאמיסאריאט? פונקט ווי יענע גאסן זענען פול מיט פאליציי, אזוי האט מען דא נישט געזען קיין איינציקן סטראזשניק. די גאס איז געווען ליידיק, אלע טויערן פארמאכט, אלע פענצטער פארלאשן. ער האט שוין געוואלט א רוף טאן דעם פורמאן און אים הייסן צופארן צו דער פאליציי, אבער ער האט זיך געשעמט. ער'ט מיינען, אז כ'בין משוגע... ער האט סיי ווי געקוקט מיט חשד ווען ער האט מיך געזען הינקען... אין דעם גאנצן באדרענגעניש האט יאשא זיך נישט געקאנט באפרייען פון דעם שטאלץ, דעם ווילן אויסצונעמען, אויסצווייזן וויכטיק. ניין, דער בעסטער אויסגאנג איז דער טויט! — האט ער צו זיך געזאגט. — איכ'ל מאכן אן עק. אפשר נאך היינטיקע נאכט...

און דער דאזיקער באשלוס האט אים מיט א מאל ווי איינגעשטילט. ער האט ווי אויפגעהערט צו טראכטן.

די דראשקע איז איצט ארויס אויף דער ניזקע און איז געפארן צוריק קיין מזרח, אין דער ריכטונג צו דער ווייסל, אבער יאשא האט נישט דערקענט דאס הויז. ער האט געדענקט א צוים פון ברעטער מיט א פורטקע, אבער ס'איז דא נישט געווען אזא סארט הויף. דער פורמאן האט אפגעשטעלט די דראזשקע.

-- אפשר איז דאס א מאל ביי דער אקאפאווע?

— יא, אפשר.

— מ'קאן דא נישט אויסדרייען...

He saw a droshky coming and beckoned to the driver. The droshky stopped and he climbed in. The woman across the way watched him reproachfully. Her eyes seemed to be saying to Yasha: Will you forsake me also? The coachman turned his head but Yasha could not think of what to tell him. He wanted to go to a hospital but he heard himself saying, "Nizka Street."

"What number?"

"I don't remember the number. I'll direct you."

"All right."

He knew that it was madness to visit the yellowish woman and her brother—the pimp from Buenos Aires—at this time of night, but he had no alternative. Wolsky had a wife and children; Yasha realized he could not barge in on him in this condition. Maybe I should wake Emilia? he thought. No; even Zeftel won't be pleased to see me. He played with the notion of catching a train to Lublin but decided against it. He must arrange Magda's funeral. He could not just abandon the corpse and run. Anyway, the police undoubtedly knew that it was he who had broken into Zaruski's house the night before. It would be better to be arrested here in Warsaw than in Lublin. At least Esther would be spared the sight. Besides, Bolek was waiting in Piask. Had he not warned Yasha years ago that he would kill him? The best solution would be to leave the country. Maybe go to Argentina. But not with his foot the way it was . . .

The droshky traveled along Tlomacka Street, Leshno Street, and then on to Iron Street. There it turned into Smotcha Street. Yasha did not doze off, but sat hunched up as though chilled by a fever. Now, he was more concerned about the impropriety of visiting Zeftel at this hour and about the shame of exposing his situation to her and her hosts, than with sorrow for Magda or the fear of losing his foot. He took a comb from his pocket and ran it through his hair. He adjusted his tie. The thought of his financial predicament frightened him. A funeral would cost several hundred rubles and he had nothing. He could sell his team of horses but the police were after him and would arrest him the moment he set foot in the apartment on Freta Street. The wisest course would be to surrender to the police. He would receive everything he needed: a place to sleep, medical attention. Yes, that is the only solution, he told himself. But how should he go about it? Stop a policeman? Ask to be driven to the police station? Crowded as the other streets had been with officers of the law, now there was not a single one about. The street was deserted, all the gates locked, all the windows shut. He thought of telling the driver to take him to the nearest police headquarters but he was too ashamed to do so. He would think me mad, Yasha decided. Just the fact that I limped made him suspicious. Overwhelmed though he was by anxiety, Yasha could not rid himself of his pride and vanity.—The best solution of all is death! I'll put an end to it. And perhaps this very night!

He suddenly grew calmer, his decision made. It was as if he had stopped thinking. The droshky turned into Nizka Street and headed back in an easterly direction towards the Vistula, but Yasha could not remember which was the house. He was certain it had had a boarded fence with a gate but no such courtyard was to be seen. The coachman brought the droshky to a halt.

"Maybe it's nearer Okopova Street."

"Yes, maybe."

"I can't turn around."

שמואל מוזיקאַנט איז געהאַט געקומען אַהער אין אָוונט, נישט גלייך מיט די אַנדערע. אסתר איז אייגנס געקומען אים אָנמעלדן. די זומער־נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע. די לבנה האָט געשיינט. דער הימל איז געווען פול מיט שטערן. זשאַבעס האָבן געקוואַקעט. קראָען האָבן זיך איבערגעוועקט מיט אַ קראַקענייש. פעלדגרילן האָבן געגרילצט. פון מאָל צו מאָל איז אַ צייטיקער עפּל אַראָפּגעפאַלן פון די עפּלביימער אין הויף. די צוויי חברים זענען געשטאַנען פון בײדע זייטן פענצטערל. יאַשאָס באָרד איז שוין געווען האַלב ווייס. אין די בלויע אויגן האָבן זיך געבראָכן שטיקלעך גאָלד. פון דער יאַרמולקע האָבן אַרויסגעשטאַרצט צוויי צעשויבערטע פאות. ביי שמואלן אין די באַקן־בערדלעך זענען שוין אויך געווען גרויע פעדעם. דאָס פנים איז געווען בלאַס, איינגעפאַלן. ער האָט גערעדט מיט אַ נאַגנדיק קול:

— ס׳איז מיר געוואָרן נמאס, — דאָס איז דער אמת. שפּיל אַהין, שפּיל אַהער. נאָך אַ מאָל אַ חופּה־מאַרש און נאָך אַ מאָל אַ דזיען דאָברי... די בדחנים זאָגן די אַלטע וויצן. טייל מאָל אין מיטן גאַנצן שפּילן וויל איך אַנטלויפן.

— וווּהין אַנטלויפן?

— כ׳ווייס אַליין נישט. יעדן טאָג שטאַרבט עמעצער. אַזוי ווי כ׳עפן די אויגן, פרעג איך באַלד: יענטל, ווער איז היינט געשטאָרבן? גבאיטעס קומען אָנזאָגן באַלד אין דער פרי. אַזוי ווי כ׳הער, טוט מיר גלייך אַ שטאָך אין האַרץ.

— נו, אין אַמעריקע שטאַרבט מען נישט?

— דאָרט קאָן איך נישט אַזוי פיל מענטשן...

— ס׳שטאַרבט בלויז דער גוף. די נשמה לעבט. דער גוף איז ווי אַ מלבוש. ווען אַ מלבוש ווערט אַלט אָדער פאַרפלעקט, טוט מען עס אויס.

— כ׳וויל דיר נישט, ווי מ׳זאָגט, דערקוטשען, אָבער ביסט געווען אין הימל און געזען די נשמות?

— ווי באַלד גאָט לעבט, לעבט אַלץ. פון לעבן קאָן נישט אַרויסקומען קיין טויט.

— אָבער מורא האָט מען.

— אָן דער מורא וואָלט דער מענטש געווען ערגער ווי אַ חיה.

— ר׳איז סיי ווי ערגער.

— מ׳קאָן זיין בעסער. ס׳איז אין אונדזערע הענט.

— וואָס דאַרף מען טאָן, האַ?

— קודם־כל — נישט טאָן קיין שלעכטס.

— וואָס איז דאָס?

— נישט טאָן קיינעם קיין עוולה. נישט רעדן וועגן קיינעם קיין שלעכטס. נישט טראַכטן קיין שלעכטס.

— און וואָס וועט אַרויסקומען דערפון?

— ווען אַלע מענטשן וואָלטן זיך אַזוי געפירט, וואָלט אַפילו די וועלט געווען ווי אַ גן־עדן.

— מענטשן וועלן זיך קיין מאָל אַזוי נישט פירן.

— יעדער איינער דאַרף טאָן וואָס ס׳איז אין זיין כוח.

— וועט דעמאָלט קומען משיח?

— קיין אַנדער וועג איז נישטאָ.

ה

באַלד נאָך סוכות האָבן זיך אָנגעהויבן די רעגנס. קאַלטע ווינטן האָבן געבלאָזן. די עפּל אונטערן עפּלבוים האָבן געפוילט. די בלעטער אויף די צווייגן האָבן געוויאַנעט. דאָס גראָז איז געוואָרן פון גרין — געל. די פייגעלעך האָבן מיט זון־שפּראָץ געטאָן איין זינג, געוואָרן פאַרשוויגן אויף אַ גאַנצן טאָג. יאַשאַ דער בעל־תשובה האָט געקראָגן אַ קאַטאַר. די נאָז איז געוואָרן פאַרשטאָפּט, זיך נישט געוואָלט עפענען. ווייטיקן זענען געלאָפן איבערן שטערן, אין די שלייפן, אין די אויערן. דער האַלדז איז געוואָרן הייזעריק. אסתר האָט געהערט אין די נעכט ווי יאַשאַ הוסט מיט אַ טרוקענעם הוסט. זי האָט נישט געקאָנט איינליגן אויפן געלעגער, אָנגעטאָן דעם שלאָפראָק מיט די שטעקשטיך, אַרויס בעטן ביי אים רחמים אַרויסצוקומען פון דעם לאָך, וווּ ער האָט זיך פאַרשטעקט, אָבער יאַשאַ האָט געענטפערט:

— אַ חיה מוז זיצן אין שטייג!

— הרגעסט דיך אַוועק!

— בעסער הרגענען זיך איידער אַנדערע!...

אסתר האָט זיך אומגעקערט אין בעט, יאַשאַ — צום שטרויזאַק. ער האָט זיך איינגעהילט אין אַלע לייבלעך און קאָלדרעס. ס׳איז אים מער נישט געווען קאַלט, אָבער דער שלאָף איז נישט געקומען. ער האָט געהערט ווי דער רעגן פּויקט אין שינדל־דעכל. אין דער ערד האָט עפּעס געשאַרכט, ווי מוילוואָרפן וואָלטן דאָרט געגראָבן, אָדער ווי אַ מת וואָלט

Schmul's arrival had been in the evening. Esther, herself, had announced him. It was a warm summer night. The moon was up, the sky filled with stars. One could hear frogs croaking and now and again the cawing of a crow. Crickets chirped. The old comrades looked at each other, each from his side of the window. Yasha's beard had become almost white and there were gold flecks in his eyes. Two disheveled sidelocks trailed from beneath his skullcap. Schmul's sideburns were also threaded with gray and his face was sunken. He spoke mournfully: "I'm disgusted with everything and that's a fact. I play here, I play there. Another wedding march, another good-morning dance. The wedding jesters repeat the same old weary jokes. Sometimes right in the middle of things I feel like running away . . ."

"Where?"

"I don't know myself. Perhaps to America. Every day somebody else dies. As soon as I open my eyes I ask: 'Yentel, who died today?' Her friends bring the news first thing in the morning. Soon as I hear who it is I get a pain in my heart."

"Well, and don't people die in America?"

"I don't know so many people there."

"Only the body dies. The soul lives on. The body is like a garment. When a garment becomes soiled or threadbare, it is cast aside."

"I don't want, as they say, to irritate you, but were you ever in heaven and did you see the souls?"

"So long as God lives, everything lives. Death cannot arise from life."

"But, nevertheless, one's scared."

"Without fear, man would be worse than an animal."

"He's worse anyway."

"He could be better. It's up to him."

"How? What should we do?"

"Harm no one. Slander no one. Not even think evil."

"And what will that help?"

"If everyone conducted himself this way, even this world would be paradise."

"It will never happen."

"Each of us must do what's in his power."

"Will the Messiah come then?"

"There is no other way."

5

Immediately after the Feast of Tabernacles the rains came. Cold winds blew and the apples, fallen from the trees, rotted, the leaves withered, the grass turned from green to yellow. At daybreak birds chirped once and then remained silent the rest of the day. Yasha the Penitent was troubled by a cold. His nose was clogged and would not clear. Pains shot across his forehead and into his temples, his ears. He had become hoarse. At night Esther heard him coughing. She could not stay in bed and went to him, in robe and slippers, to plead that he foresake his self-imposed prison; but Yasha answered, "A beast must be kept in a cage."

"You're killing yourself."

"Better myself than others."

Esther went back to bed and Yasha returned to his pallet. He stayed dressed and bundled himself up in his blanket. He was no longer cold but still sleep would not come to him. He heard the sound of the rain on the shingle roof. There was a rustling in the earth as if moles were digging there or a corpse had turned in its

נו, גענוג גערעדט וועגן זיך. ס׳איז מיר נישט לייכט צו שרייבן צו אייך. איך קאן מיר עפעס אייך נישט פארשטעלן מיט א לאנגער בארד אין פאות ווי דער קארעספאנדענט שילדערט אייך. אפשר טארט איר גארנישט לייענען מיין בריוו? אויב אזוי, זייט מוחל. איך האב די אלע יארן געטראכט וועגן אייך, און מיר דוכט זיך, אז עס גייט נישט אריבער א טאג איך זאל וועגן אייך נישט טראכטן. צוליב אן אומבאקאנטער אורזאך שלאף איך שלעכט און דער מענטשלעכער מוח איז דאך אזא קאפריזנער ארגאן. איך האב אייך אלע מאל געזען אין דער פאנטאזיע ערגעץ אין אמעריקע אין א ריזיק טעאטער אדער אין א צירק, ארומגערינגלט מיט לוקסוס און שיינע פרויען. נו, אבער די ווירקלעכקייט איז פול מיט איבערראשונגען. איך דערוועג זיך נישט אייך צו זאגן וואס עס איז גוט און רעכט, אבער מיר דוכט זיך, אז איר האט גענומען אויף זיך א צושווערע שטראף. ביי אייער גאנצער שטארקייט זענט איר א דעליקאטער מענטש און איר דארפט נישט רויִנירן אייער געזונט. דע פאקטא זענט איר נישט באגאנגען קיין שום פארברעכן. אייערע אינטענצן זענען אויך נישט געווען קיין שלעכטע. איר האט אלע מאל ארויסגעוויזן גוטהארציקייט און מילדקייט. די קורצע צייט וואס איך האב אייך געקאנט, איז געווען די גליקלעכסטע אין מיין לעבן...

דער דאזיקער בריוו איז שוין צו לאנג סיי ווי סיי און האלינא רייסט ביי מיר די פען. זאל אייך גאט בענטשן. מען רעדט ווידער וועגן אייך אין ווארשע און דאס מאל בלויז גוטס. מיר האבן איצט אין שטוב א טעלעפאן און עטלעכע פון מיינע פריינדינס, וואס ווייסן וועגן אונדזער

פריינטשאפט, האבן מיר אנגעקלונגען. פראפעסאר רידזעווסקי אליין האט מיר געהייסן איך זאל צו אייך שרייבן און אייך איבערגעבן זיין גרוס, כאטש אומבאקאנט.

אייער איבערגעגעבענע עמיליא.

Well, enough about myself. It isn't easy for me to write to you. I cannot picture you with a long beard and sidelocks as the journalist describes you. Perhaps you are not even permitted to read my letter? If this is so, forgive me. All these years I've thought of you, not a day passes that I don't think of you. For some mysterious reason I sleep badly and the human brain is such a capricious organ. In my fantasies I always pictured you in America in a huge theater or circus, surrounded by luxury and beautiful women. But reality is full of surprises. I do not dare to tell you what is right or wrong, but it does seem to me that you have inflicted too severe a punishment upon yourself. Despite your strength you are a delicate person and you must not endanger your health. The fact is you've committed no crime. You always showed a good and gentle nature. The short time that I knew you was the happiest period of my life.

This letter is already too long. They speak of you once more in Warsaw, but this time only with admiration.

We have a telephone at home now and several friends who knew of our friendship have called me. Professor Rydzewski himself suggested that I write you and he sends his best wishes although he does not know you. Halina is delighted to know that you are alive and will write shortly—a long letter she tells me. May God watch over you.

Your eternally devoted,
Emilia